# רב ישראל בעל-שם-טוב

## זיין לעבען, לעהרע און ווירקען

פון ש. צ. זעצער

*Copyright 1919,*
*by*
*Samuel H. Setzer*

פאַרלאַג
„פייערבערג"

# ערשטער באנד -

## דריי ביכער:

א) פון געבוירען ביז צום התגלות
ב) לעהרער, פריינד און חבר
ג) גאט, מענש און וועלט

פינפטע אויפלאגע

# אינהאַלט-פֿאַרצייכניס

פון זעלבען מחבר:

„צו דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום“.

# אינהאַלט־פּערצייכנים

## ערשטעס בוך

א. — די לעגענדע וועגען געבורט פון בעל שם.
ב. — די צווייטע לעגענדע.
ג. — די קינדערשע יאָהרען פון בעל שם.
ד. — דער בעל שם פערלאָזט זיין געבורטס שטאָדט.
ה. — דער בעל שם אין דאָרף.
ו. — דער בעל שם ר׳ אפרים קוטעווער׳ס איידעם.
ז. — זיעבען יאָהר התבודדות.
ח. — די ערב־מאָמענטען פון זיין התגלות.
ט. — דער גרויסער התגלות מאָמענט.
י. — די לעגענדען וועגען זיין התגלות.
י״א. — אין אַ וואַלד צווישען בוימער, ווערט דער דער בעל שם אַלס אידישער מנהיג געקרוינט.

## צווייטעס בוך

א. — די אידישע מיסטיק אין שפּאַניען און אין פּוילען.
ב. — די אידישע מיסטיקער צווישען דער פּאַריזער קריסטליכער אַריסטאָקראַטיע.
ג. — די טעטיגקייט פון בעל שם באַלד נאָך זיין התגלות.

ד. — דער בעל שם א יודע עתידות.

ה. — נאך איינינע יאהרען פון ארומוואנדערען בעזעצט ער זיך אין מעזשיבוזש.

ו. — דעם בעל שם׳ס פאמיליע.

ז. — דעם בעל שם׳ס תפלה.

ח. — זיין עבודה דורך טבילה.

ט. די וועגען דורך וועלכע דער בעל שם האט זיינע תלמידים ערווארבען.

י. — פארטזועצונג.

י״א. — די בעציהונגען פון בעל שם צו זיינע תלמידים.

י״ב. — דער בעל שם רופט ארויס דעם ס״ם אין דער אנוועזענהייט פון זיינע תלמידים.

י״ג. — דעם בעל שם׳ס סידור.

י״ד. — ווי אזוי דער „תולדות״ איז דעם בעל שם׳ס תלמיד געווארען.

ט״ו. — דער בעל שם זוכט א ממלא מקומו צווישען זיינע תלמידים.

## דריטעם בוך

א. — די מעטאפיזישע שיטה פון בעל שם.

ב. — דער שפינאזישער מאניזם און דער אידישער דואליזם.

ג. — דער בעש״ט׳ער פאנטעאיזם.

ד. — פאראלעלען צווישען דעם שפינאזישען פאנטעאיזם און בעש״ט׳ער.

# ערשטעס בוך

## פון געבוירען ביז צום התגלות

* * *

די עפאכע אין וועלכער דער בעל שם טוב האט געלעבט און געווירקט, איז געווען איינע פון די גרעסטע און וויכטיגסטע עפאכען אין דער מענשליכער געשיכטע.

מיט א גיכען טעמפא איז געגאנגען דאמאלס די ענטוויקלונג פון מענשליכען געדאנק. מיט א פיעבערהאפטער ענערגיע האט ער זיך געאיילט ארויסצוגעבן פון זיך וואס גיכער די אייזערנע קייטען, אין וועלכע ער איז נאך געבליבען געשמיעדט פון מיטעלאלטער. דאס איז געווען איינע פון די ברויזענדסטע עפאכען, וואס זיינען ווען עס איז אין דער מענשליכער געשיכטע געווען. קיין זאך איז צופריעדען געווען דאמאלס מיט זיין פלאץ אונטער דער זון. אלעס, האט זיך מיט קאנוואלסיווער ליידענשאפט אין א ברייטעו'ער און פרייערער וועלט געריסען. עס האט א „ניצוץ" פון דער אונענדליכער בענקשאפט נאך נייע פארמען, א ניצוץ פון דער אונענדליכער אונצופרידענהייט מיט די אלטע שוין געשאפענע פארמען — פון דער אימער שאפענדער געטליכער ענערגיע אין די נשמות פון יענעם מענשען דור פערבלאנדזשעט — און האט אין איהם א פערלאנג צו א נייער וועלט בעשאפען. קיין זאך איז דאמאלס שטיל און רוהיג אויף זיין פלאץ געשטאנען. אלעס, אלעס האט גערטרעבט דאמאלס ארויסצווארפען פון זיך די אלטע פארמען, און ארויפציהען אויף זיך אנדערע, נייע פארמען.

די דאזיגע עפאכע איז געלעגען אויף דער מיט פון די צוויי גרעסטע תקופות אין דער נייער געשיכטע פון דער מענשהייט: צווישען דער „רענעסאנס־עפאכע" און צווישען דער עפאכע פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע. אין איהר האט זיך קאנצענטרירט דאס לעצטע ווארט פון דער רענעסאנס־עפאכע, וועלכע האט זיך צו יענער צייט אלץ מעהר און מעהר פערטיעפט און אלץ מעהר און מעהר פערשטארקט איהרע פאזיציעס — צוזאמען מיט דעם „בראשית" פון דער נייער עפאכע. עס האבען זיך שוין אנגעהויבען בעמערקען אין איהר די קאנטורען פון די „גרויסע פרינציפען" פאר וועלכע די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציאן האט געקעמפפט. עס האט שוין געשוועבט אויף דער דאזיגער תקופה דער גרויסער גייסט פון די ענציקלאפעדיסטען, עס האט זיך שוין געפיהלט אין איהר דער אטעם פון די גרויסע גייסטער —

רוסא און קאנט, לעסינג און וואלטער.

---

און אט דיעזער מעכטיגער פרייהייט׳ס־שטראם, וועלכער האט גענצליך דורכגעבראכען די אייזערנע מויערען, אין וועלכע דער גייסט פון מיטעל־אלטער האט זיך פערפעסטיגט, האט אויך די אייזענע מויערען פון דער אידישער געטא דורכגעבראכען. מיט א גוואלדיגער קראפט האט ער זיך אהין אריינגעריסען און האט דארטען זיין רעוואלוציאנערע טעטיגקייט אנגעהויבען.

און אין דריי פערשיעדענע ריכטונגען האט זיך דער דאזיגער פרייער שטראם צעגאסען. דריי גרויסע אידישע גייסטער האבען אונטער זיין פאהן געארבייט. יעדער איינער פון זיי האט זיינע אייגענע ד׳ אמות בעארבייט.

די טעטיגקייט פון איין ריכטונג איז געווען אויף דעם געביעט פון דער אידישער בילדונג, אויף דעם געביעט פון אויפקלעהרונג, פון וועקען דעם פילאזאפישען עלעמענט אין אידישען געדאנק. דאס ציעל פון דער דאזיגער ריכטונג איז געווען — עפענען א פענסטער אין דער אידישער געטא צו אייראפא, כדי דאס אידישע פאלק זאל קענען אריינגע־נומען ווערען אין דער אלגעמיינער פעלקער־פאמיליע פון דער קולטורעלער מענשהייט.

די דאזיגע ריכטונג האט געפונען פאר זיך איהר ערש־טען פלאץ אין דייטשלאנד. איהר פארשטעהער איז געווען דער רמב״מן, דער בעריהמטער משה מענדעלזאן.

די צווייטע ריכטונג האט זיך אויסגעגאסען אין דער שטרעבונג צו בעפרייען דעם אידישען מוח פון דעם קרומען רב'נישען פלפול, פון דער פערדרעהטער און שארפער סכא־לאסטיק, פון די א וואנד מיט א וואנד צונויפפיהרענדע „חלוקים", מיט וועלכע די רב'נישע וועלט איז ביז דאמאלס בעשעפטיגט געווען. דאס ציעל, וואס די דאזיגע ריכטונג האט זיך געשטעלט איז געווען — אויסצוגלייכען אביסעל דעם פשטל'דיגען און פערקרומטען אידישען מוח, אריינ־טראגען אביסעל סיסטעם, ארדנונג און לאגיק אין דעם שטודיום פון דער תלמוד'ישער ליטעראטור.

דער פארשטעהער פון דיעזער ריכטונג איז געווען דער בעריהמטער ווילנער גאון.

די דריטע ריכטונג האט זיך אויסגעגאסען אין דער שטרעבונג — אויפצומונטערען אביסעל דאס פערמאטערטע אידישע הארץ, בעלעבען אביסעל די פערשטיינערטע און פערגליווערטע געפיהלען פון אידישען פאלק, וועקען ביי איהם און בעפליגלען זיין איינגעשלאפענע פאנטאזיע, מא־כען בעוועגליך זיין בלוט. עס איז איהר צוועק געווען —

די ממשלה פון אומעט און טרויער איבער דעם אידישען לע־בען צופערקלענערען. די שווערע וואלקענס פון עצבות און מרה שחורה, וואס האבען די אידישע וועלט געדריקט, צו־פערטרייבען און אריינברייגנען אהין אביסעל פרעהליכקייט און לעבענס־לוסטיגקייט.

דיעזע שטרעבונג האט זיך אויסגעדריקט אין דער פארם פון חסידות — און דער פארשטעהער איהרער איז ר' ישראל בעל שם טוב געוועזן.

---

און דאמאלס, וואס אט יענע צוויי ריכטונגען האבען געזוכט און געפונען זייערע אנהענגער צווישען די אויבערש־טע שיכטען פון פאלק, צווישען די מעהר אריסטאקראטישע עלעמענטען זיינע, צווישען די לומדים און וואוילע אידישע קעפ, איז די דריטע ריכטונג א מעהר דעמאקראטישע, א מעהר פאלקסטימליכע געוועזן. זי האט צווישען דעם גאנצען פאלק איהרע אנהענגער געזוכט און געפונען. דאס איז ניט געוועזן קיין בעוועגונג פאר מיוחסים, פאר אויסגעקליבענע, פער־קעהרט. זי האט זיך הויפטזעכליך צו די ברייטע שיכטען פון פאלק געווענדעט. זי האט אלע איהרע אוצרות שעהנע אין רשות פון פשוט'ען פאלק געשטעלט. זי האט אלע איהרע רייכטימער דעם איינפאכען המון אוועקגעשענקט.

דאמאלס, ווען די פארשטעהער פון די ערשטע צוויי ריכטונגען זיינען געוועזן די לעהרער און וועג־ווייזער פון איינצעלנע, פון יחידי סגולה, נאר פון די, צו וועלכע זיי זיי־נען מיט זייערע אידעען און זייערע שיטות געקומען — האט געזעהן דער „בעל שם" זיין לעבענס־צוועק אין דעם, ער זאל זיין א לעהרער און וועג־ווייזער פאר דעם גאנצען פאלק — פאר די פראסטע און אונוויסענדע מאסען נאך מעהר, ווי פאר די העכערע שיכטען.

ער איז מיט גאָט'ס וואָרט צום גאַנצן פאָלק געגאַנגען.

און געקומען איז ער צו זיי ניט אפילו ווי אַ לעהרער. ווי אַ מדריך, נאָר ווי איינער פון זיי. ניט פון אַ ווייטער דיסטאַנץ, פון אַ הויכן באַרג סיני האָט ער צום פאָלק אַראָב־גערעדט. ער האָט צו זיי „פּנים אל פּנים" יערעדט.

און ניט מיט קיין שווערע לוחות איז ער צו זיי געקו־מען. ניט מיט קיין נייע שיטות, וואָס מוזן פון מענשען פיעל אָנגעשטרענגטע מיה און אַרבייט פאָדערן, זיי זאָלען קענען פון איהם אָנגענומען ווערען. ניט מיט גרויסע נייע אמת'ען איז ער צו זיי געקומען — אויסער אָט יענעם גרויסען אמת, אַז דער גרעסטער אמת איז אַ לעבעדיגער מענש.

קומענדיג צו זיי האָט ער מיט זיך גאָר אינגאַנצען קיין לוחות ניט געבראַכט. ער האָט צום פאָלק זיין גרויסע און ליכטיגע נשמה געבראַכט. ער האָט זיי זיין ברייט און אונ־רוהיג האַרץ אָוועקגעשענקט. ער האָט די רייכע אוצרות פון זייער איינגענער נשמה בעפרייט און האָט מיט זיי זייער גרויע און אָרימע וועלט בעציערט. ער האָט פאַר זיי זייען רייכע און שעהנע אינערליכע וועלט ענטפּלעקט און זיי האָבען אין איהר די אָב־שפּיעגלונג פון זייער איינגענער אי־נערליכער וועלט דערזעהן.

ער איז צום פּשוט'ען פאָלק געקומען — און האָט מיט איהם אויף זיין איינענער שפּראַך גערעדט —

אויף דער שפּראַך פון האַרץ און געפיהל. דאָס שעהנסטע און רייכסטע, וואָס זיין נשמה האָט פערמאָגט, האָט ער דעם פאָלק אָוועקגעשענקט.

און „מדה כנגד מדה."

ביז צו העכסטע און שענסטע גראד האט די פאנטא־זיע פון פאלק זיך אנגעשטרענקט צו שטריכן; און ווען די הארציגסטע און שענסטע לעגענדען וועגן דעם לעבן און ווירקן פון איהר בעליעבטען העלד. דאס שענסטע און הארציגסטע, וואס דאס פאלק האט פערמאגט, האט עס פון זיך ארויסגעבראכט, שפינענדיג אט יענעם צויבערהאפטען פארדים, מיט וועלכען זי האט יעדען קעהר און ריהר פון בעל שם געמאסטען. אויסער נאך איינינע יחידי־סגולה האט וועגען קיין אנדערען די אידישע פאלקס־פאנטאזיע אזויפיעל הארציגע און שעהנע לעגענדען ניט געשאפען. זי האט אלע איהרע גרעניצען פריי געלאזען, וועבענדיג דעם לעגענדארען מאנטעל, אין וועלכען זי האט איהר בעליעבטען העלד איינ־געהילט. יעדען איינציגען מאמענט פון זיין לעבען און ווירקען האט זי ניט דורכגעלאזט, זי זאל איהם ניט אין א ים א גאנצען פון לעגענדארע זונען־שטראהלען טוב'לען. יע־דע בעוועגונג זיינע פון דעם ערשטען מאמענט פון זיין לעבען ביז צום לעצטען האט זי מיט וועלטען גאנצע פון צויבער און פאנטאזיע דורכגעוועבט.

און אליין איז זי נאך אונבעפרידיגט געבליבען.

און אליין האט זיך נאך איהר שעפפונגס־קראפט און שעפפונגס־לוסט ניט אויסגעשעפט.

האט זי איהר טעטיגקייט אויך איבער די גרעניצען פון לעבען איבערגעטראגען. זי האט איהם איהר לעגענדארען מאנטעל אויך אין קבר מיטגעגעבען.

און ניט נאר האט זי דעם גאנצען וועג, וואס ער האט אין זיין לעבען דורכגעמאכט, מיט שעהנע לעגענדארע רויזען אויסגעבעט, נאר אויך איבער דעם וועג, וואס האט צו זיין

לעבן געפיהרט, האט זי די שענסטע בלומען איהרע גע־
ווארפען.

און אט אזוי האט זי אונז וועגען דעם געבורט פון בעל
שם די פאלגענדע לעגענדע געשאפען.

# א.

# די לעגענדע וועגען געבורט פון בעל שם.

די לעגענדע וועגען דעם געבורט פון בעש״ט.— זיינע עלטערן.— זיין פאטער ר׳ אליעזר ווערט פערקויפט פאר א קנעכט. — ער ווערט דער בעל יועץ פון קעניג. — ער איז שוין דאן א בן תשעים געווען. — די טאכטער פון פריהעריגען „יועץ המלך״ פערליעבט זיך אין איהם. — ער שטעהט ביי דעם נסיון.— גאט זאגט איהם צו דורך אליהו׳ן, אז ער וועט איהם בעלוינען פאר דעם גרויסען קדוש השם, וואס ער איז בעגאנגען מיט א זוהן, וואס וועט די אויגען פון כל ישראל בעלייכטען.

ערגעץ אין וואלאכיא, לעבען א דארף, האט אן ארים און עלענד אלט פאר פאלק געוואהנט. אין גרויס נויט און דחקות האבען זיי זייערע עלטערע יאהרען פערבראכט. זיי האבען גאר ניט פערמאגט — ניט קיין קינדער און ניט קיינע אנדערע רייכטימער.

ויהי היום זיינען דאס דאזיגע שטעדטעל רויבער בע־פאלען און האבען צוגענומען ביי יעדען פון די איינוואהנער, וואס זיי האבען נאר געקענט. ווען זיי זיינען אין רבי אליעזר׳ס הויז געקומען — אזוי איז געווען דער נאמען פון אלטען מאן — האבען זיי ביי איהם קיין זאך ניט געפונען, וואס זאל ווערט זיין ביי זיי צו נעהמען עס. האבען זיי בעשלאסען,צונעהמען דאס אלטע פאר פאלק מיט זיך און פערקויפען זיי ערגעץ פאר קנעכט. איז אבער א נס גע־שעהן, און די אלטע האט זיך פון זייערע הענד אויסגעדרעהט און איז א צווייטער שטאדט אנטלאפען.

דער אלטער ר׳ אליעזר אבער איז ביי די רויבער אין די הענד געבליבען.

אזוי איז גאט׳ס ווילען געווען.

האבען די רויבער פערקויפט ר׳ אליעזר׳ן אין א ווייטער מדינה ערגיץ, וואו עס האבען זיך ניט געפונען קיין אידען.

עהרליך און געטריי האט ר׳ אליעזר געדיענט דעם בעל הבית זיינעם. און אזוי איז א שטיק צייט אוועקגעגאנגען.

ווען דער בעל הבית זיינער האט געזעהן, ווי עהרליך און געטריי ר׳ אליעזר דיענט איהם, האט ער ביי איהם זעהר נושא חן געווען און האט איהם פאר דעם פערוואלטער פון זיין הויז געמאכט.

ר׳ אליעזר האט דאן געבעטען זיין בעל הבית, ער זאל איהם שענקען דעם טאג פון שבת פאר זיין רוהע טאג און יע־נער האט די בקשה זיינע ממלא געווען.

דערווייל איז די צייט געלאפען, און ר׳ אליעזר האט שרעקליכע יסורים געליטען, וואס זייענדיג א קנעכט קען ער ניט דיענען גאט, ווי ער איז געוואהנט געווען צו טהאן, ווען ער איז אויף דער פרייהייט געווען. ער האט אויך זעהר שטארק געבענקט נאך זיין אלטער, מיט וועלכער ער האט א גאנצען לעבען פערבראכט.

האט ער אנגעהויבען צו טראכטען וועגען אנטלויפען. האט מען איהם אבער אין חלום פון הימעל געוויזען — זאלסט ניט דוחק זיין את השעה. אייל זיך ניט. ווען עס וועט די ריכטיגע צייט קומען, וועט מען דיר לאזען וויסען.

אין א צייט ארום האט איהם דער בעל הבית זיינער אוועקגעשענקט צום יועץ המלך.

ביים יועץ המלך האט ר׳ אליעזר שוין מעהר צייט און מעגליכקייט געהאט אבצוגעבען זיך מיט תורה און תפלה. ווארום דער יועץ המלך האט איהם א חדר מיוחד אבגעגע־

בען — און ער האט דארטען די גאנצע צייט אין תורה און תפלה פערבראכט.

דער קעניג האט דערווייל אנגעהויבען צו בעמערקען, אז פון א שטיק צייט אן זיינען אלע זיינע מלוכה־ענינים מיט אונגעהויער גרויסער הצלחה אוועק. האט ער אנגעהויבען נאכצופארשען ביז ער איז וועגען ר׳ אליעזר׳ן געוואהר גע־ווארען.

האט ער איהם צו זיך גענומען און האט איהם פאר דעם הויפט קאמאנדיר איבער זיינע ארמייען געמאכט.

ר׳ אליעזר האט זיך אבער פאר דעם גרויסען גליק דער־שראקען. ער האט מורא געהאט דער יצר הרע זאל איהם ניט די אויגען פערבלענדען מיט דעם גרויסען מעמד, צו וועל־כען ער איז געקומען, עס זאל שוין ביי איהם רעכט ווערען די אלע יאהרען, וואס ער האט נאך צו לעבען, צו פערברענגען צווישען ניט אידען.

האט ער בעשלאסען זיך פון שטן׳ן הענד אויסצודרעהען נאך איידער יענער האט נאך דעם קאמפף זיינעם אנגעהוי־בען. נאך איידער ער האט געפרובט איבער איהם די השפעה זיינע אויסאיבען.

האט ער ווידער אנגעהויבען צו טראכטען פערשיע־דענע פלענער, ווי אזוי ער זאל פון דער מדינה אנטלויפען.

האט מען איהם אבער ווידער פון הימעל געלאזט וויסען, אז די שעה איז נאך אלץ ניט געקומען.

דערווייל איז דער יועץ המלך געשטארבען און ר׳ אליעזר האט יעצט זיין פלאץ פערנומען און דער קעניג האט איהם די טאכטער פון פערשטארבענעם יועץ־המלך פאר א ווייב געגעבען.

ר׳ אליעזר האט זיך אבער ניט צוגעריהרט צו איהר.

איז זי דערפון שיער ניט קראנק געווארען. ווארים גרויס איז געווען די ליעבע איהרע צו ר׳ אליעזר׳ן — און אלע מעגליכקייטען האט זי אנגעווענדעט, זי זאל פאר זיך ר׳ אליעזר׳ס ליעבע ערווערבען.

עס האט אבער קיין זאך ניט געהאלפען.

ר׳ אליעזר איז הייליג און ריין געבליבען.

איז זי צוגעשטאנען צו איהם, ער זאל איהר ערקלערען, פארוואס האלט ער זיך אזוי דערווייטערט פון איהר.

דאן האט ער איהר מגלה געווען דעם סוד, אז ער איז א איד, און אז ער וועט זיך ניט פיהלען גוט און גליקליך ביז ער וועט זיך נאכאמאל צווישען זיינע ברידער געפינען.

גרויס זיינען איהרע שמערצען געווען, ווען זי האט דאס אלעס דערהערט. שרעקליך איז פאר איהר געווען דער מאמענט, אין וועלכען זי האט זיך איבערצייגט, אז אלע האפנונגען איהרע, זי זאל ענדליך דאך זיין ליעבע געווינען, זיינען יעצט פאר איהר שוין אויף אייביג פערלארען. שרעקליך איז פאר איהר געווען דער געדאנק, אז זי וועט זיך מוזען מיט איהם אויף שטענדיג שיידען.

עס האט אבער גובר געווען דאס גרויסע געפיהל פון ליעבע און פערגעטערונג, וואס זי האט געפיהלט צו איהם. און זי האט איהם באלד, ווי ער האט פאר איהר זיין סוד מגלה געווען, אהיים געשיקט און האט איהם אויך אונגעהויערע אוצרות פון גאלד און זילבער מיטגעגעבען.

אויפ׳ן וועג אבער האט מען ביי איהם זיין גאנצען פערמעגען אוועקגערויבט.

נאט האט פאר איהם א גרעסערען לוין פון גאלד און זילבער אנגעגרייט פאר דעם גרויסען נסיון, וואס ער איז ביי־

געשטאַנען, פאַר דעם גרויסען קדוש־השם, וואָס ער איז בע־גאַנגען.

מיט עטליכע טעג שפּעטער, ווען ער האָט נאָך איבער דעם וועג געוואַנדערט, האָט זיך צו איהם אליהו הנביא בעוויזען און האָט צו איהם אזוי געזאָגט:

אין זכות פון גרויסען קדוש השם, וואָס דו ביזט בע־גאַנגען וועט דיר גאָט אַ זוהן שענקען, וואָס וועט די אויגען פון כל ישראל בעלייכטען, און אויף איהם וועט מקוים ווערען דער פסוק „ישראל אשר בך אתפּאר!"

און כך הוה.

ר' אליעזר איז אהיים געקומען און האָט לעבעדיג און געזונד געטראָפען די אַלטע פרוי זיינע, און עס איז ביי זיי אויף דער עלטער, ווען זיי זיינען שוין ביידע קרוב צו הונ־דערט יאָהר אַלט געווען, דער בעל שם טוב געבוירען געוואָרען.

---

ניט קיין יחוס בריעף האָט דאָס פאָלק פאַר איהר בע־ליעבטען העלד געזוכט. ניט מיט דעם האָט זי זיין וועג צום לעבען געוואָלט בעציערען. ניט אין אַ הויז, וואָס זאָל זיך מיט פיעל תורה וגדולה, מיט גרויס יחוס און רייכטים אויסצייכענען, האָט זי זיין קינדער־וויעגעלע געשטעלט. נאָר אין אַ הויז פון אָרימע און פּראָסטע פאָלקס־מענשען.

ר' אליעזר'ס גרויסקייט איז — לויט דיעזע לעגענדע דערצעהלט אונז — ניט בעשטאַנען אין דעם, וואָס זיין אָב־שטאַמונג איז ביז אין די טיעפע דורות פון רבנים און גאונים געווען, נאָר אין דעם, וואָס ער איז אַ גרויסער צדיק געווען. ניט זכות אבות איז איהם ביינעשטאַנען, עס זאָל ביי איהם דער בעל שם געבוירען ווערען, נאָר דער זכות פון זיין גרויסער בענקשאַפט נאָך אידען, ווען ער האָט אפילו די גרעסטע

מדרגה פון גליק און כבוד דערגרייכט, אין זכות פון דער גרוי־
סער מדרגה פון קדוש השם, וואס ער האט ארויסגעוויזן.

צו טייער איז דער בעל שם ביים פאלק געווען, עס זאל
אפילו די קינדערשע יאהרען זיינע וועלען די אריסטאקראַ־
טישע שיכטען, די מיוחסים אוועקשענקען. צו טייער איז
ער זיי געווען, זיי זאלען זיך בענוגענען דערמיט, וואס ער זאל
זייערער נאר לויט דעם גייסט זיין. זיי האבען בעדאַרפט
ער זאל אויך אין בלוט און פלייש זייערער זיין —

האבען זיי זיין קינדער וויעגעלע אין הויז פון איינעם
פון זייערען אוועקגעשטעלט.

זאלען די לומדים און רבנים זייערע העלדען מיט יחוס
בריעף בעציערען, זאלען זיי נסים ונפלאות דערצעהלען וועגען
דער תורה וגדולה פון די אלע פערשיעדענע זיידעס און על־
טער־זיידעס, מיט וועלכע דער רבונו של עולם האט זייער
גדול מזכה געווען. דער חסידיזם איז צופיעל פאלקסטימליך.
צופיעל מיט אן אמת'ען דעמאקראטיזם דורכגעזאפט, ער זאל
זיך מיט אזוינע פארבען בענוצען ביים מאלען דאס בילד פון
זיין העלד.

די פאלקס־פאנטאזיע האט די לעגענדארע קרוין פון
ז י י ן געבורט מיט די טייערע פעריל פון ז י י ן לעהרע
בעפוצט —

האט ע ר דאך אונאויפהערליך געפרעדיגט, אז ביי גאט
זיינען קיינע מיוחסים פארהאן, אז „רחמנא ליבא בעי", אין
דער עיקר אין דאס הארץ, די כונה.

האט ע ר דאך געלעהרענט שטענדיג, אז א כשר'ער
איד, ווען ער איז אפילו אן עם הארץ, איז ביי גאט ניט ווע־
ניגער אנגעלעגט, ווי א למדן א גרויסער.

האט ע ר אונז דען ניט געלערענט, אז א איינפאך קא־

פיטעל „תהלים” פון א אידעו א פראסטאק, וואס ווייסט אפילו ניט דעם „פירוש־המלות” דערפון, קען אמאל נאהענטער צום „כסא הכבוד” דערגרייכען, ווי א בלאט גמרא פון א למדן א גרויסען.

## ב.

# צווייטע לעגענדע.

די צווייטע לעגענדע וועגן דעם געבורט פון בעש"ט.— דער רבונו של עולם האט בעשלאסען מיט א געוואלדיג גרויסער נשמה דעם דור מזכה זיין, האט ער די נשמה פון בעש"ט אראבגעשיקט.— דער קאמפף צווישען יליהו און ס"מ.— „אבל וחפוי ראש" קומט דער שטן צוריק אין הימעל פון דער שליחות זיינער.

און אויך די צווייטע לעגענדע וועגן דעם געבורט פון בעש"ט טראגט אויף זיך דעם אייגענעם האראקטער. אויך די צווייטע לעגענדע ווייסט גאר ניט צו דערצעהלען וועגען דעם גרויסען יחוס פון ר' אליעזר און וועגן זיין גרוים־קייט אלס למדן. דערפאר ווייסט זי צו דערצעהלען זעהר פיעל וועגן איהם אלס בעל מדות טובות, וועגן זיין גרוי־סער ליעבע צו אידען, ווען אפילו א „חוטא", וועגען זיין אפענער האנד פאר יעדען איינעם און וועגן דעם געוואלדי־גען כח, וואס ער איז בעזעסען, צו קענען זיך קאנטראלירען, צו קענען זיין א „כובש את יצרו."

---

ר' אליעזר און זיין פרוי — דערצעהלט דיזע לעגענדע — האבען אין א דארף געלעבט. פון די אלע מצוות האט ער אממעהרסטען די מצוה פון הכנסת אורחים מקיים גע־ווען. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז ער האט אויף די וועגען לעבען דארף שומרים געשטעלט און האט זיי אנגע־זאגט, אז יעדען איינעם, וואס זיי וועלען זעהן דורכפאהרען, זאלען זיי ניט לאזען פאהרען ווייטער און זאלען איהם באלד

צו איהם אין הויז ברענגען. און די ערשטע זאך וואס ר' אליעזר פלעגט טהאן באלד, ווי אן אורח פלעגט צו איהם קומען, איז געווען — א שענע נדבה איהם צו דערלאנגען, כדי עס זאל איהם דאס עסען גאר וואויל בעקומען.

ויהי היום איז א גרויסער עת רצון אין הימעל געווען.

פמליא של מעלה איז זיך אין „זיבעטען הימעל" גע־זעסען און האט זיך דארטען געמיטליך פערברואכט —

דער רבונו של עולם האט מיט דער הילף פון זיינע מלאכים די צאהל גערעכענט פון די גרויסע נשמות, וואס האבן זיך אין יענעם דור געפונען.

האט מען יעדער איינציגער נשמה ב„שבע בדיקות" בודק געווען.

יעדען איינעם פון די צדיקי הדור אויף א טעלערעל צעלעגט.

„כביכול" איז ניט צופריעדען געבליבען.

ניטא דער ריכטיגער שטאף.

גרויסע נשמות זיינען געווען א סך.

עס האט אבער די גאר גרויסע געפעהלט.

האט ע ר בעשלאסען מזכה זיין דעם דור מיט איינער פון די גרעסטע נשמות, וואס זיינען ווען אויף דער וועלט געווען, מיט א נשמה, וואס קיין איינער פון די פיעלע לעצטע דורות האט פערמאגט אזעלכע.

— מיט איינעם ווארט —

„מחודר שבמחודר"

„תפארת שבתפארת".

ער האט בעשלאסען איינע פון אט יענע געצעהלטע נשמות, וואס האבען זיך אבגעטראגען נאך פאר דעם „חטא" פון „עץ הדעת" און האבען כלל פון עץ הדעת ניט טועם געווען — אויף דער וועלט אראבצושיקען.

און נאטירליך באדארף אזא גרויסער „זכות" נתגלגל ווערען דורך דעם גרעסטען „זכאי" פון דור.

האט די גאנצע פמליא של מעלה מסכים געווען, אז דער עהרליכסטער און כשר׳סטער איד פון דור איז ר׳ אליעזר.

מען מוז איהם אבער נאך אויספרובען פריהער. מיט דעם אנטרויען פון אזא טייערען אוצר מוז מען זעהר פאר־זיכטיג זיין.

דערביי נאך האט אויך דער ס"מ אביסעל צוגעארבייט.

ער האט געוואוסט, אז עס וועט זיך צו זיין קאפ אויס־לאזען.

ער האט געוואוסט, אז די נייע נשמה, וואס וועט אויף דער וועלט אראבקומען, וועט ברעכען די ממשלה זיינע.

דערזוייל איז געווארען א קאנקורענץ צווישען „בעל־דבר" און צווישען אליהו הנביא.

יעדער איינער האט געוואלט דער שליח זיין.

ענדליך האט אבער דער „בעל דבר" אויסגעפיהרט.

דו ביזט צוביעל סניגור — האט כביכול צו אליהו׳ן געזאגט — צופיעל מליץ יושר אויף אידען — איך זאל דיר דיא דאזיגע שליחות קענען פערטרויען. זאל ע ר געהן. ער וועט שוין ריכטיג זיין ארבייט אבטהון.

האט זיך ייער „בעל דבר" פאר אן ארימאן פערשטעלט און איז א שבת נאך מיטאג איין ער אנגעקומען צו ר׳ אליעזר׳ען אין הויז מיט זיין טארבע און שטעקען. —

און וויא אויף צורייצען זיך מיט איהם, האט ער איהם נאך א ברייטען גוט שבת אבגעגעבען.

ר׳ אליעזר׳ן האט זעהר דאס הארץ וועה געטהון, צו־זעהענדיג דעם חלול־שבת־בפרהסיא, וואס א איד בעגעהט. ער האט איהם אבער ניט געוואלט מבייש זיין. האט ער זיך

ניט וויסענדיג געמאכט אז האט איהם מיט גרויס כבוד ביים שלוש סעודות און ביי דער מלוה־מלכה בעדיענט.

אויף מארגען, זונטאג אין דער פריה, ווען דער „בעל דבר" האט זיך געזעגענט מיט איהם, האט איהם ר' אליעזר א פיינע נדבה געגעבען — און האט איהם אפילו מיט דעם מינדעסטען ווארט ניט דערמאנט וועגען דעם חלול־שבת, וואס ער איז בעגאנגען.

מיט טהר'ערע אין דיא אויגען פאר גרויס פערדרוס, וואס ער האט זיין האפנונג פערלארען, אבצוהאלטען דאס קומען פון דער נייער נשמה אויף דער וועלט, האט זיך דער שטן צוריקגעקעהרט אין הימעל און אויך ער אליין האט געמוזט זיין הסכמה געבען, אז ר' אליעזר זאל מיט א זוהן געבענשט ווער'ן, וואס זאל דיא אויגען פון כל ישראל בעלייכטען.

און אין דעמזעלבען יאהר נאך איז דער בעל שם טוב געבוירען געווארען, און אין זכות פון זיין גרויסער נשמה, וואס איז אויף דער וועלט אראפגעקומען, זענען די אלע נשמות, וואס האבען זיך אין אט יענעם דור געפונען זעהר פון א הויכער מדרגה געוועזן.

---

כביכול האט שוין מעהר ר' אליעזר'ן אויף דער וועלט ניט בעדארפט — און האט איהם צו זיך גענומען, באלד נאכ־דעם, ווי דער בעל שם טוב איז אנטוועהנט געווארען, איז דער פאטער זיינער געשטארבען. ניט פיעל צייט איז פון פאטער'ס טויט אוועקגעגאנגען — און אויך דיא מוטער זיינע איז געשטארבען, נאך ביז יעצט געפינט זיך איה'ר קבר אין קוטאוו.

פאר דעם טויט — דערצעהלט דיא לעגענדע — האט ר' אליעזר דעם בעל שם טוב אויף דיא הענד גענומען און האט צו איהם דיא פאלגענדע ווערטער געזאגט —

איך זעה, אז דו וועסט בעלייכטען דיא וועלט, דו וועסט א ישועה פאר דעם אידישען פאלק זיין, און איך האב ניט זוכה געוועזן דיר צו מגדל זיין. דו זאלסט אבער שטענדיג געדענקען, ליעבער זוהן מיינער, אז גאט איז מיט דיר, און דעריבער זאלסט דו פאר קיין זאך גאר קיין מורא ניט האבען.

---

נאך גאר א קינד איז דער בעל שם אז עלענדער יתום געבליבען. שוין אין דיא פריהסטע שטונדען פון זיין לע־בענס־מארגען האט ער זיין פאטער און מוטער פערלארען און איז אנגעוויזען געווען אויף דעם חסד פון דיא אידישע איינוואוינער פון אקופ. זיי האבען איהם אויף זייער חשבון אויסגעהאלטען און האבען איהם אויך מיט א מלמד בעזארגט.

דאס האט אבער נאר א קורצע צייט אנגעהאלטען כל זמן עס איז נאך געווען פריש אין זייער זכרון דעם בעלשם'ט פערשטארבענער פאטער, צו וועלכען זיי האבען פיעל כבוד געפיהלט. וואס מעהר צייט עס איז אבער פון ר' אליעזר'ס טויט אוועקגעגאנגען אלץ מעהר קיהלער איז געווארען זייער אינטערעס, וואס זיי האבען אין בעל שם גענומען. אלץ מעהר האבען זיי אנגעהויבען פערנאכלעסיגען זייערע פליכטען צום עלענדען יתום.

דערצו האט נאך דער בעל שם אליין מיט זיין אויפ־פיהרען זיך א סך מיטגעהאלפען, דיא „שטאדט" זאל זיך אזוי בעציהען צו איהם. ער איז כלל קיין שטיל און לייטיש קינד ניט געווען. ער האט זיך כלל ניט אויפגעפיהרט וויא אז עלענדער יתום, וואס לעבט אויף דעם חשבון פון שטאדט, בעדארף זיך אויפפיהרען. ער האט ניט געטהון, וואס די גוטע און פרומע לייט, אויף וועמענס חסד ער איז געווען אנגעוויזען, האבען איהם געהייסען טהון.

ער האט ניט געקענט שפּיעלען די ראָלע פון קיין נעבעכל —

ארומגעהען פערחושד׳ט און פערזארגט שטענדיג ווי א עס פאסט פאר א יתום.

ווארום שוין אין די קינדערשע יאהרען האט זיין הארץ די גרויסע פרייד, מיט וועלכער ער איז נאכדעם צו דער וועלט געקומען געקומען, אין זיך געטראגען.

שוין אין די קינדערשע יאהרען איז ער מיט א זינגענ־דער נשמה ארומגעגאנגען.

שוין אין זיא קינדערשע יאהרען זיינע איז ביי איהם דאס פאעטישע געפיהל זיינס שטארק ענטוויקעלט געווען.

און שוין דאן האט די פאנטאזיע זיינע אדלער־פליגלען פערמאגט.

האט ער אויף דעם ענגען און פינסטערען „חדר" ווי א אויף א טורמע געקוקט, און אויף דעם בעזען רבי׳ן, ווי א אויף דעם מלאך המות זיינעם. עס האט איהם שטענדיג אין די פרייע און ברייטע וועלדער און פעלדער געצויגען. די גאנצע מיה וואס די מדריכים זיינען האבען אוועקגעלעגט איהם פאר א „יושב אוהל" צו מאכען, ער זאל ווי א אלע אנדערע קינדער דעם גאנצען טאג אין חדר פערברענגען, איז אומפרוכטבאר געבליבען.

„ער פלעגט אלע מאל פון חדר אנטלויפען און אויף פיעלע שטונדען פערפאלען ווערען. ערשט נאך פיעל מאַ־טערניש פלעגט מען איהם ערגעץ טיעף אין וואלד אבזוכען וואו ער פלעגט שטונדען גאנצע איינער אליין פערברענגען".

און דעריבער האבען די אפּוטרופּסים זיינע ענדליך גאר אינגאנצען א מאך געטהון איבער איהם מיט דער האנד און האבען פון זיהם גאר אין גאנצען זייער השגחה צוגענומען.

ג.

# קינדערשע יאהרען פון בעל שם.

נאך דייענדיג גאר א קינד מוז דער בעש"ט דעם שיקזאל זיינעם אין זיינע אייגענע הענד איבערנעהמען. ער ווערט א בעהעלפער. פיהרענדיג די קינדער אין חדר, זינגט ער מיט זיי פערשיעדענע נגונים הארציגע. זיין געזאנג דערגרייכט ביז צום הימעל. דער שטן וויל עס ניט ליידען. ער איז אבער הילפלאז געגען דעם עלענדען יתום.

דער בעל שם האט אזוי ארום זיין פולע פרייהייט יעצט געקראגען. ער האט פריי און אונגעשטערט זיינע פאעטישע אינסטינקטען געקענט זיך איבערגעבען. ער האט שוין איבער זיך מעהר ניט קיינע בעלי־הבתים געהאט, וואס זאלען איהם פון דיא פרייע וועלדער און פעלדער אין חדר שלעפען.

ער האט זיך אבער דאך ניט אינגאנצען פון חדר בע־פרייט.

פאר דער פאלשטענדיגער פרייהייט וואס ער האט ער־ווארבען, האט דער עלענדער און פערלאזענער יתום א טייע־רען פרייז געמוזט בעצאהלען. ער האט פון יעצט אן שוין אליין פאר זיין חיונה געמוזט זארגען. ער האט זיין שיקזאל אין זיינע אייגענע הענד געמוזט איבערנעהמען.

דאס אכט־ניין יאהריגע איינגעל האט שוין געמוזט ווערען א פערדיענער. ער זאל האבען פון וואנען א טאג אי־בערצולעבען.

איז ער געווארען א בעהעלפער ביי א מלמד.

זיין ארבייט איז געוועזן צו ברענגען די קינדער אין חדר

און פיהרען זיי אין שוהל און זאגען מיט זיי „אמן יהא שמיה רבא" און „קדושה" און „אמן" אויף א שען און הויך קול."

---

און שוין דאן, זייענדיג נאך א קינד, דערצעהלט אונז די לעגענדע, האט ער זיין הארציגע טעטיגקייט אנגעהויבען. צו פערשפרייטען טרייסט און פרייד אויף דער וועלט, צו פערזיסען און פערגרינגערען דאס טרויעריגע לעבען פון דיא, וואס טראגען אויף זיך דעם שווערען יאך פון „עצבות" און „מרה שחורה".

„ווייט ווייט ארום פלעגט מען דאס געזאנג פון בעל שם הערען, ווען ער פלעגט דיא קינדער אין חדר פיהרען". ער האט די אידישע קינדער פון זיין שטאדט געוואלט געבען דאס, וואס זיי האבען אין חדר ניט געהאט, דאס וואס זיי האבען אויך ביי זיך אין דער היים ניט געהאט —

א ביסעל „חדות החיים", א ביסעל פרעהליכקייט און לעבענס־לוסטיגקייט.

ער האט געוואלט, זיי זאלען פערגעסען אויף א ווייל, אז זיי זיינען „קליינע אידען", אויף וועלכע עס דריקט א בארג א גאנצער פון פערשיעדענע מורא'ס, מורא פאר גאט, מורא פאר דעם טאטען, מורא פאר דעם רבי'ן און מורא פאר אלערליי רוחות און שדים, וואס לויערען אויף דעם מענשען אויף שריט און טריט —

און זאלען זיין דאמאלסט נאר דאס, וואס זיי בעדארפען זיין —

זארגלאזע און לעבענסלוסטיגע קינדער.

ער האט געוואלט, זיי זאלען אויף א ווייל פערגעסען. אין דעם ענגען און שטיקענדען חדר, זיי זאלען פערגעסען אויף א ווייל דעם בייזען און אויפגערעגטען רבי'ן, דאס ארימע און ניעדערגעשלאגענע לעבען פון זייערע עלטערען.

פלעגט ער מיט גוואלדיגער התלהבות שעהנע נגונים מיט דיא קינדער זינגען, ווען ער פלעגט זיך מיט זיי ארומ־פיהרען.

א גאנצער קוואל פון שירה האט זיך דאן פון זיין האר־צען ארויסגעריסען און האט זיין אבקלאנג אין דיא יונגע הערצלאך פון דיא קליינע קינדער געפונען.

זיי פלעגען פון זיין געזאנג פער׳כשופ׳ט ווערען און פלעגען מיט איהם מיטזינגען. זייערע יונגע נשמה׳לאך פלע־גען דאמאלסט פון לעבענסלוסטיגקייט און מונטערקייט אי־בערפילט ווערען.

א גרויסע פרייד האט זיך דאמאלס איבער דער וועלט צוגאסען.

און זיא האט אזש ביז צום הימעל דערגרייכט.

„דער נחת רוח, וואס דיעזער געזאנג האט דעם רבונו־של־עולם פערשאפט, איז געווען ניט קלענער פון דעם נחת־רוח, וואס ער פלעגט האבען פון דעם געזאנג, וואס די לויים פלעגען פאר איהם אין בית־המקדש זינגען.”

אויב פון איהם אליין — פון בעש״ט — זיינען פער־היילען געווען דאמאלס די וועגען, וואס זיינען געווען פאר איהם אין דער צוקונפט אנגעצייכענט — האבען זיי אבער דארטען אויבען שוין גאר גאנץ קלאהר און דייטליך דיעזע וועגען געזעהען. זיי האבען געוואוסט, אז ער וועט א נייע ווענדונג דעם אידישען לעבען געבען. זיי האבען דארטען שוין געזעהען, אז עס וואקסט אין איהם א ליכט א גרויסע פאר דעם אידישען פאלק.

און געוואוסט האט עס אויך דער שטן.

האט ער זיך געשראקען און האט פערשידענע תחבולות געזוכט, ווי דאס גרויסע ליכט אויסצולעשען.

„ער האט פערשטאנען, וואס דאס זינגען מיט די קליינע

קינדער בעדייטעט, האט ער מורא בעקומען, עס זאל זיך צו איהם ניט אויסלאזען — עס קען נאך מיט דער צייט א סוף צו זיין ממשלה קומען". האט ער זיך אין א מכשף פערקליבען. און איינמאל, ווען דער בעל שם האט אבגעפיהרט אהיים די קינדערלאך, זינגענדיג בשעת מעשה שעהנע נגונים זיסע, האט זיך דער מכשף אין א בעזער חיה, וואס הייסט וואקולאק פערוואנדעלט און איז אויף זיי אנגעפאלען — און פאר גרויס שרעק זיינען זיי זיך צולאפען אלע."

דער שטן מיט דער גאנצער „כת דיליה" זיינען דאמאלס מלא שמחה געווען. זיי האבען געדענקט, אז זיי זיינען שוין אויף שטענדיג פון זייער געפעהרליכען שונא פטור געווא־רען.

די שמחה זייערע איז אבער נאך צופריה געווען.

דער בעל שם האט זיך דערמאהנט, וואס דער פאטער זיינער האט איהם פאר'ן טויט געזאגט: „דו זאלסט גע־דענקען שטענדיג, אז גאט איז מיט דיר, און דעריבער זאלסט דו פאר קיין זאך קיין מורא ניט האבען."

האט ער גע'פועל'ט ביי די עלטערען פון שטאדט, זיי זאלען איהם ווידער ערלויבען ארומצוגעהן ארום זייערע קינ־דער, פערזיכערענדיג זיי, אז ער וועט זיי פון יעדען אומגליק בעשיצען.

ער האט א גרויסען און שטארקען שטעקען אין האנד גענומען און גענומען די קינדער און געפיהרט זיי זינגענדיג. ווי זיין שטייגער איז געווען. דער „וואקולאק" איז זיי ווידער בעפאלען. דער בעל שם האט זיך אבער יעצט ניט דערשרא־קען. ער איז צוגעלאפען צו דער חיה און האט איהר מיט זיין שטעקען א שטארקען קלאפ איבער דעם שטערען דערלאנגט — און זי איז טויט אוועקגעפאלען.

אויף מארגען האט מען געפונען דעם טויטען קערפער פון מכשף אויף דר'ערד זיך וואלגערען.

א שטיקעל צייט איז אוועקגעגאנגען און דער בעל שם איז אויף א „העכערער שטעלע” דערהויבען געווארען.

אנשטאט ארומצוגעהן ארום די קליינע קינדער, האבען די בעלי בתים פון שטאדט איבערגעגעבען אונטער זיין השגחה די בית־מדרש בחורים. זיי האבען איהם געמאכט פאר א שומר איבער דעם בית־מדרש, א וואו דיא עלטערע איינגלעך פלעגען זיצען און לערנען.

צו יענער צייט איז ער שוין א יאהר דרייצעהן אלט געווען.

די ארבייט, וואס מען האט אויף איהם ארויפגעלעגט, האט ער בשלימות געטהאן און די עלטערען פון די קינדער זענען פון איהם זעהר צופריעדען געווען.

און דא, צווישען די ווענט פון דעם בית־מדרש — שפינט ווייטער די פאלק'ס־פאנטאזיע דעם לעגענדארען מאנטעל, אין וועלכען זי האט איהר העלד איינגעהילט — האט ער זיך שוין צו זיין הייליגער מיסיאן אין לעבען אנגע־הויבען צוגרייטען.

די גאנצע צייט פון דער נאכט וואס די בית־מדרש־בחורים פלעגען וואך זיין, פלעגט ער שלאפען. ווען זיי פלעגען אבער איינשלאפען, פלעגט ער פון זיין שלאף אויפ־שטעהן און האט זיך זיין הייליגע ארבייט געטהון. ביז עס איז געקומען די שטונדע, ווען די מענשען הויבען אן פון זייער שלאף אויפצושטעהן — האט ער זיך ווידער שלאפען געלעגט. זיי האבען דעריבער געמיינט, אז ער איז אזוי די גאנצע נאכט איבערגעשלאפען — פון אנהויב ביז צו ענדע.

און ניט נאר אין „נגלה” האט ער ביי די נעכט, ווען קיינער האט ניט געזעהען און געהערט, עוסק געווען. ניט

נאר האט ער דאמאלסט תלמוד און פוסקים געלערענט. נאר ער פלעגט דאמאלסט אויך אין „נסתר" זיך עוסק זיין. שוין דאן האט ער זיך מיט דער חכמת הקבלה בעשעפטיגט.

שוין דאן, ווען ער איז נאך כמעט א קינד געווען. האט זיין מוח די טיעפסטע „רזין דאוריתא", די טיעפסטע סודות פון דער תורה געקענט משיג זיין, אזוינע אפילו, וואס זענען ווי א „ספר החתום" פאר אלעמען געווען.

מיט א דור פריהער — דערצעהלט די לעגענדע — איי־דער דער בעל שם טוב איז געבארען געווארען, האט א גרוי־סער מקובל און בעל מופת געלעבט, ר׳ אדם בעל שם. האט ער אמאל כתבים געפונען, אין וועלכע עס זיינען גרויסע און טיעפע סתרי תורה געווען. „קבלה עיונית" און „קבלה מעשית". דיעזע כתבים האבען זיך פריהער ביי אברהם אבינו עליו השלום געפונען, און נאכהער ביי יהושע בן נון.

און מיט דעם כח פון די דאזיגע „כתבים" האט ר׳ אדם בעל שם גוואלדיגע וואונדער גרויסע געוויזען.

פאלאצען גאנצע פון קעניגען און פירסטען פלעגט ער מיט דעם כח פון דיא דאזיגע „כתבים" פון זייערע פלעצער. א וואו זיי זענען געשטאנען, אויסרייסען און צו זיך אין שטאדט זיי ברענגען.

אין א שבת און יום טוב פלעגט ער אמאל מיט דעם כח פון די דאזיגע כתבים דער פרוי זיינער אין די טייערסטע זיידענע און סאמעטענע מלבושים אנטהון. ממש בגדי מלכות.

און נאך אזעלכע גרויסע וואונדער פלעגט ער מיט דער הילף פון דיעזע כתבים אויפטהון.

איידער ער איז נסתלק געווארען האט מען איהם פון הימעל מרמז געווען, אז ער זאל דיא דאזיגע כתבים איבער־געבען צום „בחור ישראל." האט ער דאן זיין זוהן צוגערופען

און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט: „איך האָב ביי זיך כתבים, אין וועלכע עס געפינען זיך טיעפע סתרי־תורה, דו ביזט זיי אָבער ניט ווערטה. זאָלסטו זיך נאָכפרעגען אויף דער שטאָדט אָקופּ און דאָרטען ועסטו געפינען איינעם וואָס הייסט ישראל בן אליעזר. ער איז אַרום פיערצעהן יאָהר אַלט. איהם זאָלסט דו דיא כתבים איבערגעבען, וואָרים זיי בעלאַנ־גען צו זיין „שורש נשמה". אויב דו ועסט זוכה זיין, ער זאָל מיט דיר לערנען וועט זיין אַז וואויל צו דיר".

דער זוהן האָט געטהאָן וויא דער פאָטער זיינער האָט איהם געהייסען, און ער איז אין דער שטאָדט אָקופּ אָנגעקו־מען. און היות ער איז נאָך אונפערהייראַטה געוועזן האָט ער געהאט אַן אויסרייד, אַז ער איז געקומען אַהער חתונה האָ־בען. האָבען זיך באַלד שדכנים געפונען און ער האָט חתונה געהאט פאַר אַ גרויסען נגיד'ס אַ טאָכטער.

דערוויילן האָט ער אָנגעהויבען זוכען אַט יענעם מאַן צוליעב וועלכען ער איז עס אַהער געקומען. האָט ער אויסגע־פונען, אַז דער נאָמען פון שומר פון בית מדרש און דער נאָ־מען פון זיין פאָטער שטימען מיט דיא נעמען, וואָס זיין פאָ־טער האָט איהם אָנגעגעבען. עס איז איהם אפילו זעהר שווער געוועזן צו גלויבען, אַז דער דאָזיגער פּראָסטער און מגושם'דיי־גער בחור זאָל עס זיין דער, פאַר וועמען דיא כתבים זיינען בעשטימט. ער און זיין פאָטער האָבען אָבער פּאָרט געטראָגען אויף זיך דיא נעמען, וואָס זיין פאָטער האָט איהם אָנגעגע־בען. האָט ער בעשלאָסען איהם גוט נאָכצושפּירען, האָט ער אויסגעפונען, אַז דער וועכטער טראָגט זיך עפּעס, וויא מיט סודות אַרום. אַז ער איז ניט אָפען אין זיין בענעהמען זיך.

האָט ער געבעטען זיין רייבען שווער ער זאָל איהם אָבצוימען אַ קליינעם פּלאַץ אַ בעזונדערען אין בית מדרש, כדי ער זאָל דאָרט בסדר קענען לערנען. נאַטירליך איז דיא בקשה

זיינע ערפיללט „געווארען. און דער בעל שם פלעגט איהם בעדיענען.

ר׳ אדם׳ס זוהן האט אזוי ארום געהאט דיא מעגליכקייט צו האלטען אן אויג אויף דעם בעל שם און נאכצושפירען אלעס, וואס ער טהוט. ביינאכט פלעגט ער זיך מאכען וויא ער שלאפט און פלעגט זעהן, וויא דער בעל שם פלעגט פון שלאף אויפשטעהן, ווען אלע בחורים זיינען שוין איינגע־שלאפען, און האט זיך צו דער תורה און עבודה גענומען.

איינמאל, ווען ר׳ ישראל איז איינגעשלאפען, האט דער בן הרב עטליכע קונטרסים פון דיא כתבים גענומען און האט זיי פאר איהם אוועקגעלעגט. ווען ער האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און האט פאר זיך דיא כתבים דערזעהן, איז ער א פערציטערטער געווארען און האט זיי דורכגעלערנט און האט זיי נאכדעם ביי זיך אין שויס בעהאלטען.

אזוי האט דער בן הרב עטליכע מאהל געטהאן ביז ער האט זיך איבערצייגט, אז דאס איז ווירקליך דער מאן וועגען וועלכען דער פאטער זיינער האט גערעדט מיט איהם. האט ער זיך דאן אנגערופען צו איהם: „מיין פאטער האט מיר גע־הייסען, איך זאל דיר די כתבים איבערגעבען. איך בעט דיך, דו זאלסט מיט מיר תורה לערנען״.

דער בעל שם האט מסכים געווען מיט דעם תנאי אבער, עס זאל דערפון קיינער ניט געוואהר ווערען און ער זאל איהם וויא ביז יעצט אויף ווייטער בעדיענען.

אויף דעם פערלאנג פון בן הרב האט איהם דער שווער זיינער געדונגען א הויז הינטער׳ן שטאדט און האט איהם דעם בעל שם אהין מיטגעגעבען ער זאל איהם בעדיענען דארטען.

ווען דיא איינוואהנער פון שטאדט האבען געזעהן וויא דעם נגיד׳ס איידעם איז מקרב דעם בעל שם האט ער שוין

אַנגעהויבען חשוב׳ער צו ווערען אין זייערע אויגען. זיי האָ־בען איהם אויך אָנגעהויבען מקרב זיין און ווען ער איז זיעבצעהן יאָהר אַלט געוואָרען האָבען זיי איהם חתונה גע־מאכט.

* * *

און דיא צוויי חברים ר׳ אדם׳ס זוהן און דער בעל שם, האָבען אין התבודדות אויסער דער שטאָדט געלעבט, און האָבען פערבראַכט אין לערנען שטענדיג.

איינמאָהל — דערצעהלט דיא לעגענדע — האָט ר׳ אדם׳ס זוהן געבעטען דעם בעל שם ער זאָל אַראָפּברענגען דעם שר התורה, כדי ער זאָל זיי ערקלעהרען דיא שווערע שטעלע, אויף וועלכער זיי האָבען געמאַטערט דאמאלס זייערע מוחות.

דער בעל שם האָט זיך אין אָנהויב געקווענקעלט. ער האָט מורא געהאט טאָמער וועלען זיי זיך חלילה טועה זיין אין איינע פון דיא כונות, וואָס זיי בעדאַרפען מכון זיין און וועלען דערמיט לידי־סכנה ברענגען.

נאָכדעם אָבער וואָס דער חבר זיינער איז צו איהם זעהר שטאַרק צוגעשטאַנען האָט ער דאָך זיין הסכמה געגעבען.

האָבען זיי אָנגעהויבען פאַסטען הפסקות פון שבת צו שבת און פערשיעדענע טבילות מאַכען.

ענדליך איז שוין דער לעצטער מאָמענט געקומען, ווען זיי האָבען שוין דעם שר התורה בעדאַרפט אַראָפּברענגען.

באַלד אָבער וויא זיי האָבען נאָר דיא ערשטע טריט געמאַכט, האָט דער בעל שם אָנגעהויבען שרייען, אַז זיי האָבען זיך טועה געווען און אַנשטאַט דעם שר התורה האָ־בען זיי דעם שר של אש גאָר אַראָבגעבראַכט און ער וועט אוראי דיא גאַנצע שטאָדט פערברענען.

האָט ער געהייסען דעם נגיד׳ס איידעם. ער זאָל גיך

לויפען אין שטאָדט אריין, מזרז זיין דעם שווער זיינעם און דיא אַלע איבריגע איינוואָהנער, זיי זאָלען גיך פון שטאָדט אנטלויפען, ווארים דיא גאנצע שטאָדט וועט באלד מיט'ן פייער אוועק.

דערוויל האָט דעם גביר'ס אידעם בעקומען א שם פאַר א הייליגען און פון א גרויסען בעל מופת.

ער האָט אָבער ניט לאַנג גענאָסען פון דיזען אונפער־דיענטען כבוד.

ער האָט נאָך א צווייטען מאָל געבעטען דעם בעל שם ער זאָל דעם שר התורה צראָפּברעכען. אויך דאָס מאָל האָט דער בעל שם זיין בקשה ניט געוואָלט ממלא זיין. ער האָט אָבער אויך דאָס מאָל געמוזט נאָכגעבען נאָכדעם וויא דער חבר זיינער איז צו איהם ווידער זעהר שטארק צוגעשטאַנען.

אין מיטען דיא תחינות און תפילות אָבער האָט דער בעל שם אָנגעהויבען צו שרייען, אז עס איז אויף זיי דער טויט נגזר געוואָרען.

איין עצה איז נאָר פאַראַן וויא זיי זאָלען פון זיך דעם גזר דין מבטל זיין: זיי זאָלען א גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג ניט צומאכען און פערברענגען דיא גאַנצע צייט אין תורה און תפלה.

האָבען זיי אָנגעהויבען מרבה בתפלה זיין. פּלוצלינג האָט דער בן הרב איינגעדרימעלט. ער האָט פון זיין תפלה מפסיק געווען און איז באלד געשטאָרבען.

מיט א שטיקעל צייט נאָכדעם וואָס דער בעל שם האָט זיין איינציגען חבר, פאַר וועלכען ער האָט קיין מאסקע אויף זיך ניט בעדאַרפט טראָגען, פערלאָרען, האָט ער אויך זיין פרוי פערלאָרען.

און ער איז ווידער עלענד און פערלאָזען אין לעבען געבליבען.

ד.

# דער בעל שם פערלאזט זיין געבורט׳ס שטאדט

דער בעל שם פערלאזט זיין געבורט׳ס־שטאדט. ער דיענט אלס בעהעלפער אין פערשיעדענע שטעדט און שטעדטלעך. צווישען זיינע תלמידים אין יאזלאוויץ האט זיך אויך דער בעריהמטער גאון ר׳ מאיר מרגלית געפונען, וועלכער איז געווען איינער פון דעם בעש״ט׳ס געטרייסטע און איבערגעגעבענסטע תלמידים, נאכדעם ווי דער בעל שם איז נתגלה געווארען. דער בעל שם פערלאזט בעהעלפעריי און ווערט א דארפ׳ס־מלמד. די שילדערונג פון אידישען פילאזאף שלמה מיימון וועגען די חדרים און מלמדים פון יענער צייט.

דער בעל שם איז אלט געווען א יאהר אכטצעהן*), ווען ער האט זיין געבורט׳ס־שטאדט פערלאזען. בעוואפענט מיט ידיעות גרויסע אין „נגלה" און „נסתר" מיט די הייליגע „כתבים" אין האנד, וואס ר׳ אדם בעל שם האט איהם בירושה געלאזען, האט ער זיך אויף דער וועלט אוועקגעלאזען, ער זאל פאר זיך א מעמד אין לעבען געפינען.

א שטיק צייט האט דער בעל שם איבער פערשיעדענע שטעדט און שטעדטלעך, אין דעם געגענד פון זיין געבורט׳ס־שטאדט ארומגעוואגעלט און האט פון זיין אלטער בעשעפטיגונג, פון בעהעלפעריי, זיין פרנסה געצויגען. ער האט ביי פערשיעדענע מלמדים אלס בעהעלפער געדיענט. צווישען די שטעדטלעך, וואס דער בעל שם האט דאמאלס אלס בעהעלפער פראקטיצירט, האט זיך אויך דאס שטעדטעל יאז־

*) דער בעל שם איז געבוירען געווארען צווישען די יאהרען תנ״ה און ת״ס. אויף גענוי דאס יאהר ווייסט מען ניט. אנדערע גיעבען אן דאס יאהר 1695 אלס דאס יאהר פון זיין געבורט.

לאוויץ געפונען, וואו דער גרויסער גאון ר׳ צבי מרגלית, דער פאטער פון די צוויי בעריהמטע גאונים ר׳ מאיר און ר׳ יצחק דוב מרגלית, איז אלס רב געווען אנגעשטעלט.

די דאזיגע צוויי גאונים זענען נאכדעם ווי דער בעל שם טוב איז נתגלה געווארען פון זיינע געטרייטסטע און איבער־געגעבענסטע תלמידים געוועזן. עס האט פון גאר קיין גרע־ניץ געוואוסט די ליעבע זייערע צו איהם און דער געטליכער רעספעקט, מיט וועלכען זיי האבען זיך צו איהם בעצויגען. זיי האבען אויף איהם ווי אויף א „מלאך אלהים" געקוקט. בעזאנדערס האט צו איהם אונענדליכע פערגעטערונג און ליעבע געפיהלט דער אינגערער פון די צוויי ברידער, ר׳ מאיר מרגלית, וועלכער איז געוועזן פון דעם בעל שם׳ס תלמידים פאר דער צייט וואס ער — דער בעש"ט — איז אין יאזלא־וויץ א בעהעלפער געוועזן.

ווארום אויך יעצט, ווען ער איז שוין פון די קינדער־יאהרען ארויס, האט דער בעל שם די ארבייט זיינע ניט אלס מוז, אלס הכרח געטהון, נאר מיט פיעל ליעבע און איבער־געגעבענהייט. ער האט אויך יעצט געקוקט אויף זיין אר־בייט, ווי אויף א הייליגער מיסיאן אין לעבען, ווי אויף א גאטעס דיענסט, ניט נאר, ווי אויף א קוואל פון וועלכען ער מוז זיין פרנסה ציהען.

די אלע שעהנע מתנות, מיט וועלכע גאט האט זיין נשמה געבענשט, האט ער די קליינע אידישע קינדער אוועק־געשענקט, ער זאל זיי אביסעל פערגרינגערען און פערשעה־נערען דאס לעבען זייערס. ער האט פאר זיי זיין אונרו־היג הארץ אויפגעעפענט און האט זיי געלאזט טרינקען פון דארטען די גרויסע ליעבע זיינע צו גאט, מענש און נאטור.

האבען איהם די קינדער מיט דער זעלבער מטבע גע־צאהלט. מיט דעם גאנצען פייער פון זייערע קינדערשע

הערצלעך האבען זיי זייער מדריך געליעבט. זיי האבען זיך געפיהלט צוגעבונדען צו איהם, ווי נאר קינדער קליינע קע־נען זיך פיהלען צוגעבונדען צו א מענשען, וועמען זיי ליעבען.

און דעריבער איז אזוי גרויס געווען די ליעבע און פער־געטערונג פון ר' מאיר מרגלית צום גרויסען לעהרער זיינעם. דיעזע ליעבע איז ביי איהם א „גירסא דינקותא" געווען. די קערענדלעך איהרע זענען שוין אין די קינדערשע יאהרען ביי איהם אין הארצען פערזייעט געווארען.

איך וויים און גלויב, — האט דיעזער בעריהמטער גאון געשריעבען וועגען בעל שם, נאך דעם טויט פון לעצטען, — אז אלע הנהגות זיינע זענען אין קדושה און טהרה געוועזן. ער האט אלע זיינע יאהרען אין חסידות און פרישות פערבראכט. אויף איהם איז געזאגט געווארען „צדיק באמונתו יחיה". ער האט שטענדיג אין זיין גרויסען גלויבען געלעבט. מען האט איהם פון הימעל די אלע בעהאלטענע זאכען מגלה געוועזן, די גרויסע געטליכע הערליכקייט, וואס איז בעהאלטען פון יעדען **).

און אויף דעם סמך פון דיעזע צוויי פאקטען — די גרוי־סע ליעבשאפט, וואס האט צווישען גרויסען לעהרער און גרוי־סען תלמיד עקזיסטירט און דאס וואס ר' מאיר מרגלית איז שוין אין די קינדערשע יאהרען זיינע איינער פון דעם בעל שם'ס תלמידים געווען — האט די חסידישע פאנטאזיע די פאלגענדע לעגענדע בעשאפען.

נאכדעם, — אזוי דערצעהלט די לעגענדע, — ווען דער נאמען פון בעל שם איז שוין איבער דער גאנצער אידישער וועלט נתפרסם געווארען, האט זיך איינמאל דער בעל שם צו

**) ידעתי ונאמנה שהיו הנהגותיו בקדושה ובטהרה ברוב חסידות ופרישות, צדיק באמונתו יחיה, דמטמרין גלין ליה כבוד ה' הסתר דבר.

זיין בעליעבטען תלמיד, ר' מאיר מרגלית, אנגערופען : —
מאיר'ל, געדענקסט דו אָט יענעם שבת, ווען דו האָסט „חומש" אנגעהויבען צו לערנען. דיין פאָטער'ס־הויז איז דאמאָלס פול און פול מיט מענשען געווען. און אלע האָבען דאן מויל און אויערען אָנגעשטעלט, זיי זאָלען קענען אלעס פון דיין דרשה הערען. געדענקסט דו, מאיר'ל, וואָס האָט פלוצלינג געטראָפען דאמאָלס.

און ר' מאיר'ל האָט געענטפערט : —
אודאי, רבי, געדענק איך, איך געדענק אלעס. עס שטעהט מיר אלעס, ווי לעבעדיג פאר די אויגען. מיין מוטער איז פלוצלינג אין שטוב אריינגעלאָפען און האָט מיר אין מיטען דער דרשה פון טיש א חאפ געטהון.

האָט זיך דער פאָטער מיינער צו איהר אנגערופען : —
— וואָס נעהמסט דו דאָס קינד אין מיטען דער דרשה אוועק ? אשה, פאר וואָס ביזטו איהם פון תורה מבטל ?

האָט איהם די מאַמע מיינע געענטפערט : —
איך זעה דאָרטען איינעם א מאַן אין א פעלץ אָנגעטהון — ער שטעהט און „ראטשעט" מיר צופיעל די אויגען אויף דעם קינד.

די מוטער מיינע האָט זיך דערשראָקען, דיעזער מאַן זאָל מיר מיט זיין אויג קיין שלעכטס ניט טהון. וואָרום איך בין זעהר א שעהן קינד געווען. זי האָט פאר אן עין הרע מורא געהאט.

דאן האָט זיך דער בעל שם צו איהם אנגערופען : —
דאָס בין איך עס דער מאַן אין פעלץ געווען. א גרויסע, גרויסע ליכט האָב איך קוקענדיג אויף דיר דאמאָלס, משפיע געווען אויף דיר. א שאָד, א שאָד וואָס די מוטער דיינע האָט דיך אוועקגעחאפט דאמאָלס אין מיטען דער דרשה. ווען זי וואָלט דיר ניט געווען אין מיטען דער דרשה אוועקנעהמען

— וואָלט איך געוועזן אויף דיר נאָך א פּיעל, פּיעל גרעסערע ליכט משפּיע געוועזן דאַמאָלס.

---

אויב דער בעל שם האָט א גרויסע בעפּריעדיגונג גע־פונען אין דעם, וואָס ער איז אַרום די קליינע אידישע קינ־דער אַרומגעגאַנגען און האָט זיי געלאָזט זיך וואַרימען ביי דעם גרויסען פייער פון זיין ליכטיגער נשמה, האָט ער אָבער אין דעם „בעהעלפער"־ראַנג אַליין קיין בעפריעדיגונג ניט גע־פונען. דער טיפּ מלמד אין יענע יאָהרען און די אַטמאָספע־רע, וואָס האָט דאַמאָלס אין אידישען „חדר" געהערשט, האָ־בען געמוזט עקעל און אונצופריעדענהייט וועקען ביי אזא פּאָעטישע און עסטעטישע נאַטור, ווי דער בעל שם טוב איז געוועזן.

דער פילאָזאָף שלמה מיימון, וואָס האָט בייגעוואוינט אין יענער צייט געלעבט, גיט אונז די פאָלגענדע שילדערונג וועגען דעם דאַמאָלסדיגען „חדר".

דיעזע שילדערונג זיינע אונטערשיידעט זיך אמת ניט זעהר פיעל צום ערגערען פון דעם חדר, וואָס מיר אַליין גע־דענקען נאָך פון אונזערע קינדערשע יאָהרען. דער דאַמאָלס־דיגער חדר ווערט דאָך אָבער ניט בעסער צוליעב דעם.

„דער חדר — שרייבט שלמה מיימון אין זיין אויטאָגראַ־פיע — איז א שמאָלע און ענגע וואוינונג און פול מיט רויך שטענדיג. די קינדער — אייניגע זיצען אויף בענקלעך, און אייניגע פון זיי וואַלגערען זיך אויף דער ערד. דער מלמד געהט אָנגעטהון אין א שמוציגע העמד. ער זיצט ביים טיש, און אין האַנד האַלט ער א „קאַנטשיק". מיט דיעזען קאַנט־שיק רייבט ער דעם טאַבאַק, וועלכען ער האַלט אין א כלי צווי־שען זיינע פיס, און ער דיענט איהם אויך אלס „אַרויסהעל־פער", אַריינצושטאָפּען דורך איהם די תורה זיינע אין קאָפּ

פון די תלמידים. די „בעהעלפער" זיינע זענען ניט ווייניגער פון איהם „פלייסיג", צו מאכען די קליינע אידישע קינדער פאר „למדנים" גרויסע. יעדער איינער פון זיי לערענט מיט זיינע תלמידים די לעקציאן זיינע אין א בעזונדער ווינקעל פון חדר. און אויך זיי שטעהען פון מלמד ניט אב אין דעם אופן, ווי זיי בענעהמען זיך מיט די קינדער. אויך זיי האל־טען אין איין שרייען און גוואלדעווען אויף די קינדער, און פון צייט צו צייט זענען זיי אויך מיט א פאאר קלעפ מזכה".

„פון די מאלצייטען, וואס ווערען אין דער פריה און אין אבענד פאר די קינדער געבראכט, נעהמען דיעזע הערען דעם בעסטען חלק אוועק. און אפטמאל נעהמען זיי פאר זיך שוין גאר אלעס אוועק און פאר די קינדער בלייבט שוין גאר אינגאנצען גאר ניט. די קינדער וואגען אבער ניט צו בע־קלאגען זיך פאר זייערע עלטערען, פאר דעם אומרעכט, וואס ווערט בנוגע זיי בעגאנגען, מורא האבענדיג, זיי זאלען ניט נאך מעהר צורייצען געגען זיך די פייניגער זייערע".

„אין אט אזוינע חדרים זענען די קינדער פון אין דער פריה ביז אויפדערנאכט איינגעשלאסען, און אויסער אין די טעג פון שבת, יום טוב און ראש חודש גיט מען זיי קיינמאל קיין פרייע מינוט ניט".

אן אנדער קוועלע שילדערט אויף פאלגענדען אופן די חדרים מיט די מלמדים פון יענער צייט: —

„וואס בעדארף איך זיך — טראכטען די מלמדים — ארומפיהרען מיט די קינדער א יאהר א גאנץ, בעסער וועט זיין פאר מיר, איך זאל זיך גאר מיט דעם בעל הבית א פאאר וואכען אבגעבען, איך זאל ביי איהם נושא חן זיין, וועל איך שוין אויף דעם קינד גאר אינגאנצען ניט בעדארפען האר־ווען".

אט אזא „פנים" האט דער חדר און דער מלמד געהאט

דאַמאָלס. עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די „בעהעלפעריי” איז ענדליך דעם בעל שם נמאס געוואָרען און ער האָט געשטרעבט דערצו, ער זאָל פון דיעזער בעשעפטיגונג בעפרייט ווערען.

אויסער דעם איז איהם אויך דאָס לעבען אין די בלאָטיגע און שמוציגע קליינע שטעדטליך ניט צום הארצען געווען. עס האָט איהם אין די פעלדער און וועלדער געצויגען. ער האָט נאָך די גרויסע פעלזען און בערג געבענקט. ער האָט זיך מיט דער נאַטור געוואָלט „מתיחד” זיין. ער האָט „התבודדות” בעדאַרפט.

ווארום שוין דאַן האָט זיך דער אונרוהיגער גייסט צו איהם אין הארצען פערקליעבען. שוין דאַן האָט די נשמה זיינע אָנגעהויבען איבערפילט צו ווערען פון די טענער פון די נייע מעלאָדיע, וואָס ער האָט אין אידישען לעבען אריינגעטראָגען.

האָט ער בעדאַרפט מיט זיך אליין זיין —

ער זאָל זיך קענען אונגעשטערט איבערגעבען צו די גרויסע מחשבות זיינע וועגען גאָט, מענש און נאַטור, וועלכע האָבען ביי איהם אין הארצען אָנגעהויבען צו בליהען דאַמאָלס.

עס האָט איהם צו ריינער און שעהנער אטמאָספערע געצויגען —

ער זאָל קענען אין שוים פון דער נאַטור אביסעל טרייסט און בערוהיגונג פאַר זיך געפינען, פון די גרויסע אידעען און געדאַנקען, וואָס האָבען שוין דאַמאָלס זיין הארץ אָנגעהויבען צו שטורמען —

פון די גרויסע אידעען און געדאַנקען, וואָס האָבען שוין דאַמאָלס זיין גאַנצע אינערליכע וועלט אָנגעהויבען צו רעוואָלוציאָניזירען.

האט ער בעשלאסען אויפצוגעבען זיין בעשעפטיגונג אלס בעהעלפער און בעסער א דארף־מלמד צו ווערען —

פערדינגען זיך ערגעץ ביי א ישוב׳ניק, צו זיין א מלמד פאר זיינע קינדער, כדי ער זאל האבען די מעגליכקייט אין דער פרייער צייט, ווען ער וועט מיט די תלמידים זיינע ניט בעדארפען לערנען, גענצליך מיט זיך אליין קענען זיין.

## ה.

# דער בעל שם אין דארף

דער בעל־שם אלס דארפס־מלמד. — דאס לעבען פון די אידישע ארענ־דארעס צו יענער צייט. — דער בעל־שם פלעגט לעהרנען מיט זיינע תלמידים אין וואלד. — צום ארענדאר אין הויז פלעגט ער קומען נאר אבעסען. — זיין בענעהמען זיך מיט די ישובניקעס. — ער איז זייער בעל־יועץ און וועג־ווייזער געווען.

דער בעל שם אלזא האט זיך אלס מלמד פערדונגען ביי איינעם פון דיא ארענדאטארס, וואס האבען אויפן ישוב גע־וואהנט און א שטיק צייט האט ער אזוי אלס דארפ׳ס מלמד פערבראכט ביי פערשיעדענע ישוב׳ניקעס וואס האבען ארום יענער געגענד געוואהנט, ארום דעם געגענד פון זיין גע־בורטס־פלאץ.

ער פלעגט אבער זיין לעבען אבגעזונדערט פון דער „קרעטשמע“־אטמאספערע פיהרען. איבעראל וואו ער פלעגט אלס דארפ׳ס מלמד דיענען, פלעגט ער בעטען דעם ישוב׳ניק, ער זאל פאר איהם א בעזונדערען שטיבעל אין וואלד ארער אין פעלד איינארדנען. און אין דיזען שטיבעל פלעגט ער מיט זיינע תלמידים לערנען. ער פלעגט דארטען אויך פער־ברענגען דיא גאנצע פרייע צייט וואס איז איהם פאר זיך אליין פערבליבען. אין הויז פון ארענדאר פלעגט ער קומען נאר זיין מאלצייט אבצועסען.

און עס איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס דער בעל שם

האט זיך געהאלטען וואס ווייטער פון דעם הויז־לעבען פון דיא ישוב׳ניקעס, ביי וועלכע ער האט אלס מלמד געדיענט, ווארים דיא הויז־אטמאספערע פון דיא אידישע ישוב׳ניקעס צו יענער צייט איז ניט בעזאנדערס אנציהענד געוועזן. דאס הויז פון יעדען אידישען ישובניק איז געוועזן דאמאלס א נעסט פון אומגעלומפערטער עם הארצות און פון אונבע־שרייבליכען שמוץ און עקעל. ארימקייט און אונוויסענהייט פלעגען דארטען דיא שטענדיגע שומרים זיין.

דיא אידישע ארענדארעס צו יענער צייט, זיינען אלע, אהן אן אויסנאהמע, כמעט, גוואלדיגע עמי־הארצים געוועזן, פאר וועלכע ניט נאר דיא העברעאישע שפראך אליין איז א „ספר החתום" געוועזן. אין די מעהרסטע פעלע האבען זיי אפילו קיין אידיש ניט געקענט רעדען, און זיי פלעגען דעם גאנצען לעבען זייערען, אפילו אין דיא יום־טוב׳דיגסטע לע־בען־מאמענטען זייערע, זיך מיט דער גוי׳אישער שפראך בענוצען.

און ניט נאר שפראכליך אליין האבען זיי זיך אסימילירט מיט דיא ארומיגע פויערים, צווישען וועלכע זיי האבען זייער גאנצען לעבען פערבראכט. דיזער אסימילירענדער פראצעס האט נאך אויף א מעהר גרעסערען און ברייטערען שטח פון זייער לעבען זיין ממשלה פערשפרייט. אין זייער גאנצען ארט לעבען זיינען זיי עהנליך אויף דיא ארומיגע פויערים געוועזן. נאר זייער צוגעבונדענקייט צו דער אידישער רעליגיאן, זייער שטרענגעס אבהיטען דיא אידישע דינים און מנהגים, אויף וויפיעל זיי האבען דאס אלעס געוואוסט און פערשטא־נען, האט זיי אבגעהאלטען זיי זאלען זיך ניט גענצליך מיט דער ארומיגער בעפעלקערונג פערמישען, האט זייער אנגע־הערינגקייט צום אידישען פאלק פערצייכענט.

און פונקט אזוי „ציוויליזירט" און אין אידישקייט בע־

הבינ'ט וויא דער „הויז־מייסטער" איז געווען, זיינען אויך געווען דיא פרוי און קינדער זיינע.

דער פילאָזאָף שלמה מימון, וועמען מיר האָבען שוין אויבען דערמאָהנט, גיט אונז אין זיין אויטאָגראַפיע דיא פאָלגענדע שילדערונג וועגען דעם לעבען פון דיא אידישע ארענדאַרעס צו יענער צייט.

די הייזער זייערע — שרייבט ער אין דיזער שילדערונג — זענען עהנליך אויף די פויערשע „הייזקעס" — אַלטע חורבות, איינגעפאַלענע, שוואַרץ פון רויך פון אינוועניג און פון דרויסען. דיזע הייזקעס האָבען קיינע קוימענס ניט געהאַט, נאָר אין מיטען דאַך פלעגט מען אַן עפענונג מאַכען, און דורך דאָרטען פלעגט דער רויך ארויסגעהן. מען פלעגט אָבער לאַנג די עפענונג אין דאַך ניט לאָזען אָפען. באַלד, ווי מען פלעגט דעם אויוון אויסהייצען, פלעגט מען די עפענונג פאַרמאַכען, כדי דאָס פייער זאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען. פאַר פענסטער האָט מען זיך בענוצט מיט הילצערנע שטעקעלעך — איין שטעקעלע איבער דעם צווייטען איבערגעלעגט. דאָס גאַנצע הויז פלעגט פון איין צימער בעשטעהן, און דיזער צימער האָט פאַר אַלע פאַרשידענע „מלאכות" און „ברכות" געדיענט. דאָרטען האָט מען געהאַט די וואוינונג און דעם שענק. דאָרטען האָט מען אויך מיט די קינדער געלערענט, און ביינאַכט האָט ער אַלס שלאָף־צימער געדיענט. א שרעקליכע היץ פלעגט שטענדיג אין דיזען צימער הערשען, און שטענדיג איז ער איבערפילט מיט רויך געווען — ביז צום דערוואַרגען ווערען.

און אין דער מיט פון חדר, אין דער ברייט, פלעגט זיך פון איין עק ביז צום צווייטען א גרויסע שטריק ציהען, אויף וועלכען עס פלעגען הענגען די שומציגע קליידער פון די שטוב־מענשען. די שמוץ אין שטוב איז אין לשער גע־

ווען, צוזאמען מיט דער קעטיגער וועש פלעגן אויך „וואורשטלעך״ צום טריקענען זיך אויף דעם שטריק הענגען. די ריינע וואסער וואס מען האט געהאלטען פאר דעם הויז־געברויך, די פעסער מיט קרויט און אוגערקעס זענען גע־שטאנען צוזאמען מיט די „פאמיניעצעס״. דאס קאכען און באקען, צוזאמען מיט דעם מעלקען פון די קיה, פלעגן פאר־קומען אין דעם זעלבען צימער, און אין דערזעלבער צייט, ווען די שכורע פויערים פלעגן זיך דארטען געפינען. עס איז דארטען פאר אלעמען פלאץ געווען. פאר די שיכור׳ע גוים, פאר די בעלי־בתים און פאר די קליינע קינדער מיט דעם מלמד זייערען.

---

דער בעל שם האט אבער בשום אופן קיין „גדלות״ ניט געפראוועט. נאר פון דער הויז־אטמאספערע האט ער זיך אפגעזונדערט געהאלטען. ער האט זיך אבער ניט געהאלטען אבגעזונדערט פון די הויז־מענשען. פארקעהרט, ער האט צוזאמען מיט זיי זייער גאנצען לעבען מיטגעלעבט. ער האט מיט זיי אלע זייערע פריידען און ליידען געטיילט.

שוין דאמאלס האט פון איהם א גרויסע נשמה־ליכט ארויסגעשטראהלט.

א גרויסע נשמה ליכט, וועלכע האט געלייכט און גע־ווארעמט יעדען איינעם, וואס איז מיט איהם אין בעריהרונג געקומען.

א גרויסע נשמה־ליכט, וועלכע האט צו זיך מענשען גע־צויגען.

האבען דעריבער די אלע ישוב׳ניקעס, ביי וועלכע ער האט אלס מלמד געדיענט, א ליעבע א גרויסע געפיהלט צו איהם און האבען זיך צו איהם מיט גרויסען רעספעקט בע־צויגען.

אין יעדער וויכטיגער פאמיליען אדער געשעפט'ס אנגע־לעגענהייט פלעגען זיי זיך צו איהם ווענדען, ער זאל זיי זיין עצה געבען.

און דער בעל שם פלעגט אין דיזע אלע פעלע אלע א הארציגען אינטערעס נעהמען און פלעגט זיי מיט זיין ראט פיהרען.

טראץ דעם, וואס זיי האבען געוואוסט און פארשטאנען, אז ער שטעהט הימעל הויך ווייט פון זיי אין תורה און עבודה, האבען זיי זיך דאך היימיש געפיהלט מיט איהם. מיט דעם שכ' איז ער ניט זייערער געווען. זיי האבען צופיעל דרך ארץ געהאט פאר זיין תורה און יראת שמים. מיט זייער גע־פיהל און אינסטינקט האבען זיי איהם אבער אלס איינעם פון זיי געפיהלט.

אין זיין אנוועזענהייט האבען זיי קיינמאל ניט געפיהלט דאס געפיהל פון שרעק, אבגעפרעמדקייט און קאלטקייט, וואס זיי האבען געפיהלט שטענדיג, ווען זיי פלעגט אויסקומען אין דער אנוועזענהייט פון די שטאטישע בני־תורה זיך צו־געפינען.

זיין תורה און זיין עבודה האט זיי ניט געבראכט דערצו, זיי זאלען זיך נישטיג און ניעדערגעשלאגען פיהלען.

אויף אזוי פיעל פלעגט ער זיך היימיש מיט זיי האל־טען, אויף אזוי פיעל נאהענט און אינטים האט ער געקענט צוגעהן צו זיי, אויף אזוי פיעל האט ער זיך פראסט און פשוט געקענט מיט זיי בעגעהן, אויף אזוי פיעל האט ער זיך געהיט, ער זאל פון זיך אין זייער אנוועזענהייט קיין גרויסען וועזען ניט מאכען.

און ניט נאר פאר דעם ישוב'ניק, ביי וועלכען ער איז אלס מלמד אנגעשטעלט געווען, פלעגט ער אלס עצה־געבער

און וועג־ווייזער דיענען. נאָר אויך די אַלע אָרומיגע ישוב׳־ניקעס האָט ער מיט זיין ראט געפּיהרט.

עס דרינגען אריין די זון־שטראהלען אין די אַלע פאַר־באָרגענסטע ווינקעלעך. עס דערשפּירט דאָס אין ערגעץ פאַרוואָרפען גרעזעלע די זון־שטראהלען און עס ציהט זיך אין זיין גאַנצער גרויס אויס, עס זאָל וואָס נאָהנטער צו דער זון זיך געפינען.

דיזע פשוטע פאָלק׳ס מענשען, וועלכע האָבען אַ לעבען פון אַ צווייטען קלאַס אידען געלעבט און האָבען אין הוילע שרעק אויך פאַר יענער וועלט געלעבט, דיזע פשוט׳ע פאָלק׳ס מענשען, צו וועלכע די לומדים און שעהנע אידען האָבען נאָר פאַראַכטונג און שנאה שטענדיג געפיהלט, האָבען מיט זייער אינסטינקט דערשפירט די גרויסע ליכט, וואָס האָט זיך אַרום זיי געפונען.

זיי האָבען די גרויסע ליכט פון בעל שם דערשפּירט און האָבען זיך פון אַלע עקען געצויגען צו איהם, זיי זאָלען פון זיין השפעה געניסען.

ער האָט פאַר זיי אַלעמען אַלס אַ לייכט־טהורם געדיענט.

זיי האָבען אין איהם דערפיהלט זייער קינפטיגען משיח און ערלייזער, וואָס וועט פאַר זיי זייער אוועקגערויבטע עולם הזה און עולם הבא צוריקברענגען —

און אין יעדער עת צרה פלעגען זיי זיך צו איהם נאָך אַן עצה ווענדען.

---

אַט אַזוי האָט דער בעל שם אַ פּאָר יאָהר אַלס מלמד אין פאַרשידענע דערפער פאַרבראַכט, אוועקגעבענדיג אַ טייל פון זיין צייט מיט די קינדער פון די ישוב׳ניקעס תורה צו לער־נען און אַ טייל די אינטערעסען פון די אָרומיגע ישוב׳ניקעס.

וואָס פלעגען קומען צו איהם זיך דאָס האַרץ פאַר איהם אבי־סעל אויסצורעדען און זיך מיט איהם שואל בעצה זיין.

ער האָט אָבער דאָן אויך זיין אייגען פאַרפאָלקאָמען זיך ניט פאַרגעסען.

אין זיין פרייער צייט פלעגט ער שטונדען גאַנצע איבער די פעלדער און וועלדער ארומשפּאַצירען, קאָנצענטרירענדיג דאָס גאַנצע אינערליכע וועזען זיינס, דעם גרויסען סוד פון נאַטור און גאָט צו דערגעהן.

ער פלעגט שטונדענווייז אין דביקות און התבודדות פאַרברענגען. ווי ביי א געטרייער און צערטליכער מוטער האָט ער אין שויס פון דער נאַטור טרייסט און בערוהיגונג גע־זוכט פון די גרויסע מחשבות זיינע, וואָס האָבען זיין האַרץ געשטורעמט און זיין נשמה בעאונרוהיגט.

## ז.

# דער בעל שם ווערט ר׳ אפרים קוטאוווערס אַן איידעם

דער בעל שם איז געווארען א מלמד פאר זיך. — א שתדלן ביי די פריצים פאר די אידישע ארענדארעס. — זיין איינפלוס האט זיך פון דארף אין שטאדט איבערגעטראגען. — דער בעל שם אלס בורר און שליש. — דער בעל שם גלייכט אוים א געלד סכסוך צווישען ר׳ אפרים, ר׳ גרשון קאטיווער׳ס פאטער מיט איינעם פון זיין קהלה. — ר׳ אפרים נעהמט איהם פאר אן איידעם. — אויפ׳ן וועג צוריק שטארבט ר׳ אפרים. — זיין זוהן גרשון וויל מבטל זיין דעם שידוך. — די כלה איז אבער דאגעגען.

נאכדעם, וואס דער בעל שם האט א פאאר יאהר אלס מלמד אין פערשיעדענע דערפער פערבראכט, האט ער זיך אין טלוסט בעזעצט און איז דארטען א מלמד פאר זיך געווארען.

דאמאלס אבער האט ער נאך וויניגער, ווי פריהער, ווען ער איז א דארפ׳ס־מלמד געווען, נאר מיט מלמדות אליין זיך געקענט בעשעפטיגען. זיין נאמען איז שוין דאמאלס שטארק פאפולער געווען אין דעם גאנצען געגענד ארום. דורך דעם, וואס ער האט זיך א שטיק צייט מיט דארפ׳ס־מלמדות בעשעפטיגט, האט מען איהם אין פיעלע דערפער געקענט און אין דיא וואס מען האט איהם פערזענליך ניט געקענט, האט מען זיין נאמען געוואוסט.

און וואס ווייטער איז זיין נאמען אלץ מעהר און מעהר

נתפרסם געוואָרען. וואָס ווייטער איז ער אַלץ מעהר נחמד על הבריות געוואָרען.

און ניט נאָר צווישען די אידישע פאָלקס־מאַסען איז זיין פּאָפּולאַריטעט געוואַקסען. ער האָט אויך צווישען פיע־לע פון די אָרומיגע פּריצים אַ גרויסען נאָמען בעקומען. דער־צו האָט אַ סך מיטגעהאָלפען דאָס, וואָס ער האָט געקענט גוט די פּוילישע שפּראַך און האָט געוואוסט ווי צו רעדען און בעגעהן זיך מיט זיי. דיעזע פּאָפּולאַריטעט זיינע צווי־שען די פּוילישע פּריצים פלעגט ער אויסנוצען, אויף פער־שיעדענע טובות צו טהון די אידישע ישובניקעס. פּלעגט אַמאָל אַ פּוילישער פּריץ אַ בעז האָרץ אויף אַ אידישען אַרענ־דאַר האָבען, פלעגט דער אידישער אַרענדאַר צום בעל שם זיך ווענדען, און דער בעל שם פלעגט צום פּריץ געהן און זיין כעס שטילען. און פלעגען צוויי ישוב'ניקעס וועלכען עס איז סכסוך האָבען צווישען זיך, פלעגען זיי זיך ווענדען צום בעל שם, ער זאָל זייער מתווך און שלום־מאַכער זיין. ער האָט עס אויך אַלס זיין לעבענס־אויפגאַבע בעטראַכט זיין גאַנצען איינפלוס אויף די אידישע ישוב'ניקעס אויס־צואיבען, זיי זאָלען קיין מיאוסע קאָנקורענץ צווישען זיך ניט אָנפיהרען, זיי זאָלען איינער דעם צווייטען ביים פּריץ ניט אויסדינגען.

און ביסלעכווייז האָט זיך זיין גרויסער איינפלוס פון דאָרף אין שטאָדט איבערגעטראָגען אין אַ צייט אַרום האָבען אויך די איינוואָהנער פון זיין שטאָדט און פון די אַרומיגע שטעדט ביי יעדען סכסוך, וואָס זיי האָבען געהאט צווישען זיך, צו איהם זיך אָנגעהויבען צו ווענדען. ער איז דער שתדלן פון גאַנצען געגענד געוואָרען. מען פלעגט זיך ווענ־דען צו איהם, ער זאָל זייער שליש זיין. מען פלעגט ביי איהם געלד און חפצים איינלעגען, און איז שטענדיג מיט

פערשיעדענע בוררות פערוואָרפען געווען. ער פלעגט פער־שיעדענע סכסוכים אויסגלייכען, און די ביידע צדדים פלעגען שטענדיג העכסט צופריעדען בלייבען.

און דיעזע כלל טהועריי פון בעל שם צו יענער צייט האָט מיטגעבראכט צום ערשטען שריט, וואָס האָט צו זיין התגלות געפיהרט. זי האָט איהם אריינגעבראכט אין דער פאַמיליע פון בעריהמטען גאון ר' גרשון קוטיווער, וועלכער האָט אין אָנהויב מיט שרעקליכען האַס און פעראַכטונג צו איהם זיך בעצויגען און נאָכדעם, ווען דער בעל שם איז נתגלה געוואָ־רען, האָט ער פאַר איהם טיעף דעם קאָפּ געבויגען און איז זיינער אַ תלמיד נכנע געוואָרען.

---

צו יענער צייט — דערצעהלט די לעגענדע — האָט געטראָפען, אַז ר' אפרים קוטעווער, דער פאָטער פון בעריהמ־טען גאון ר' גרשון קוטיווער, וועלכער איז דאַמאָלס אַ רב אין בראָד געווען, האָט עפּיס אַ געלד סכסוך געהאַט מיט איינעם פון די איינוואָהנער פון טלוסט, אַ וואו דער בעל שם איז מלמד געווען. ר' אפרים איז אַראָבגעפאָהרען קיין טלוסט מזמין לדין זיין דעם בעל דין זיינעם, ער האָט איהם פאָרגעלעגט, ער זאָל מיט איהם קיין בראָד אַראָבפאָהרען, זיי זאָלען זיך דאָרטען ביי די בראָדער דיינים קענען „לודען". דער בעל דין זיינער האָט איהם אָבער איבערגערעדט, זיי זאָלען זיך בעסער אויף דעם בעל שם פערלאָזען. ר' אפרים האָט זיך פריהער געקווינקעלט. ענדליך האָט ער אָבער דע־רויף איינגעשטימט.

זיינען זיי צום בעל שם אין הויז געקומען.

און תיכף ווי ר' אפרים האָט נאָר די שוועל פון הויז איבערגעטראָטען, האָט דער בעל שם באַלד דערזעהן מיט רוח הקודש, אַז ר' אפרים'ס טאָכטער איז זיין זיווג.

האָט ער פאַר ר' אפרים'ען אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין דין תורה „אַ פּשט אין רמב"ם געזאָגט — מיט גוואַלדיגער חריפות גרויסער".

איז דער בעל שם זעהר געפעלען געוואָרען ר' אפרים'ען און ער האָט איהם פאַרגעשלאָגען, ער זאָל נעהמען זיין גע־גט'ע טאָכטער פאַר אַ פרוי.

ר' ישראל האָט דערויף זיין הסכמה געגעבען, ער האָט אָבער מיט איהם אַ תנאי אויסגענומען, אַז די תנאים זאָלען אין דער שטיל געשריבען ווערען, און ער זאָל אין זיי הייסען „מו"ה ישראל במו"ה אליעזר".

ניט מעהר אַ וואָרט זאָל דאָרטען זיין וועגען איהם.

דער דין תורה האָט זיך דערוויל געענדיגט צו דער צו־פריעדענהייט פון ביידע צדדים, און ר' אפרים איז זיך אַ היים געפאָהרען.

אין מיטען וועג איז ער געשטאָרבען.

ניט בעשערט געווען איהם זיין טאָכטער אונטער דער חופּה מיט דעם גרויסען צדיק צו פיהרען.

איז געקומען ר' גרשון, זיין פאָטער צו מספּיד צו זיין — און האָט ביי איהם אין רייזע טאַש די תנאים געפונען.

איז פאַר איהם דער ענין אַ גרויסע חידה געווען.

קיין וואָרט האָט דער פאָטער ניט איבערגעלאָזט וועגען דעם חתן און וועגען דער משפחה זיינער.

ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ חתן דאָס איז און פון וואָס פאַר אַ משפחה ער שטאַמט ?

און עס איז ביי איהם אַ גרויסער ישוב הדעת געווען, ער זאָל גאָר דעם גאַנצען ענין פערוואַרפען.

אַנדערש האָט אָבער זיין שוועסטער געדענקט.

ווען ר' גרשון האָט איהר די גאַנצע געשיכטע דער־צעהלט, האָט זי איהם געענטפערט : —

אז עס איז פאר דעם טאטען רעכט געווען, מוז דאס אויך פאר אונז רעכט זיין.

עס איז ניטא, וואס צו קלערן און טראכטן.

דער שידוך בעדארף שידוך בלייבן.

און ווען עס האט זיך דער סעזאן פון מלמדות געענדיגט, האט זיך פערשטעלט דער „בעל שם" און האט זיך „כאחד הריקים" איבערגעטהון. ער האט זיך אנגעטהון אין א קורצען פעלצעל, אויף וועלכען ער האט א ברייטען גארטעל גע־טראגען, און האט אויף זיך א מגושמ׳דיגע צורה און פראסטע מאניערען ארויפגעצויגען און האט זיך אוועקגעלאזט קיין בראד צום קינפטיגען שוואגער זיינעם, ר׳ גרשון.

ביים רב אין שטוב — שפינט די פאלק׳ס־לעגענדע דעם סיפור־המעשה ווייטער, און בענוצט זיך דערביי מיט שעהנע און רעליעפע פארבען, כדי דאס בילד זאל וואס שעהנער און שטארקער ארויסקומען — זיצען די דיינים ארום די טישען אויסגעזעצט, און ער אליין געהט פון איין טיש צום צוויי־טען ארום חאפען דא און דארטען א קוק אין די דינים, וואס ווערען געבראכט פאר זיי.

פלוצלינג האבען זיי דערזעהן א מאן, אין פויערשע קליי־דער אנגעטהון שטעהט אין טהיר.

ר׳ גרשון האט איהם אנגענומען פאר אן ארימאן, וואס איז געקומען א נדבה בעטען.

האט ער איהם א מטבע דערלאנגט.

דער בעל שם האט אבער די מטבע ניט געוואלט נעה־מען, זאגענדיג איהם דערביי, אז ער האט עפיס מיט איהם א סוד צו רעדען.

האט איהם ר׳ גרשון אין א בעזונדערען צימער אריינ־געפיהרט.

דאן האט דער בעל שם א קאפיע פון די תנאים ארויס־

געגומען, ער האָט זי ר׳ גרשונ׳ען געוויזען, און תוך כדי דיבור האָט ער זיך צו איהם מיט דעם טאָן פון בעל עגלה אָנגע־רופען: —

איך וויל איהר זאָלט מיר מיין ווייב געבען. איך וויל זי צו זיך נעהמען.

מען קען זיך פאָרשטעלען, וואָס דער גאון ר׳ גרשון קאַטאָווער האָט געמוזט פיהלען אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט דערזעהן, וואָס פאַר אַ גראָבען נפש דער פאָטער זיינער האָט עס פאַר זיין שוועסטער אויסגעקליבען. עס האָט איהם געשווידערט פון דעם געדאַנק, אַז דיעזער מגושמ׳ער עם הארץ וועט עס זיין שוואָגער זיין. מען קען זיך פאָרשטע־לען, וואָס פאַר אַ שוידערליכען איינדרוק עס האָט אויף איהם געמאַכט דאָס אויסזעהן פון דיעזען מענשען און דער טאָן, — שוין ניט נעהמענדיג אין אכט די פּראָזא אליין, — מיט וועלכען ער האָט די ווערטער „איך וויל, איהר זאָלט מיר מיין ווייב געבען" ארויסגערעדט.

זיין פערצווייפלונג איז אַזוי גרויס געווען, אַז ער איז גרייט געווען, ברעכען דאָס וואָרט, וואָס זיין פאָטער האָט געגעבען, מבטל זיין, די תנאים, וואָס זיין פאָטער האָט גע־שריעבען.

אויף דאָס מאָל אָבער איז איהם די שוועסטער זיינע אין וועג געשטאַנען.

זי האָט געהאַלטען אין איין טענה׳ען: —

מען קען געגען דעם פאָטער׳ס ווילען ניט געהן.

אַז דער שידוך איז איהם געפעלען געווען, בעדאַרף ער אויך אונז געפעלען.

האָט מען אַלזאָ די צייט פון חתונה בעשטימט.

פאַר דער חופּה האָט דער בעל שם זיין סוד פאַר זיין פרוי ענטפּלעקט.

ער האָט איהר דערצעהלט, וועך ער איז עס אַזוינס, און וואָס ער דענקט אין דער צוקונפט צוטהון.

ער האָט אָבער אַ תנאי מיט איהר אויסגענומען, זי זאָל וועגען איהם קיינעם קיין שום זאַך ניט דערצעהלען — ביז עס וועט פאַר דעם דער ריכטיגער מאָמענט קומען.

---

על אפו ועל חמתו האָט אַלזאָ ר' גרשון קאָטיווער געמוזט דעם בעל שם אַלס זיין שוואָגער אַנערקענען. האָט ער אָבער חאָטש אויף וויפיעל עס איז איהם „אויסמענשלען" געוואָלט. ער האָט איהם חאָטש אויף וויפיעל עס איז פאַר אַ שטיקעל יודע תורה געוואָלט מאַכען.

האָט ער אָנגעהויבען צו האָרעווען איבער איהם. ער אַליין האָט מיט איהם תורה געלערענט.

זיין ארבייט האָט זיך אָבער מיט קיין ערפאָלג ניט געקרוינט. דער בעל שם האָט זיך פאַר אַ זעהר שלעכטען תלמיד ארויסגעוויזען. אפילו די גרינגסטע זאַכען, וואָס ר' גרשון האָט איהם געלערענט, האָט ער ניט געקענט תופס זיין.

דער בעל שם האָט זיך די גאַנצע צייט, וואָס ר' גרשון האָט מיט איהם תורה געלערענט, פאַר אַ גרויסען עם הארץ פערשטעלט, וואָס די פערשטאַפּטע קאָפּ זיינע קען קיין זאַך ניט אויפנעהמען.

האָט ר' גרשון אויף איהם מיט דער האַנד אַ מאַך גע־טהון. ער האָט איינגעזעהן, אַז ער וועט שוין פון איהם קיין לםדן ניט קענען מאַכען.

ער האָט אָבער, דאַך אַזאַ גוואַלדיגען עם הארץ פאַר קיין שוואָגער ניט געוואָלט האָבען. האָט ער אָנגעהויבען איבערצורעדען זיין שוועסטער, זי זאָל זיך גט'ען מיט איהם.

ביי איהם איז רעכט געווען, די שוועסטער זיינע, וועלכע

האט זיך שוין איינמאל מיט א מאן גע׳גט, זאל אויך פון איהר צווייטען מאן א גט נעהמען.

ווי גרויס אין תורה און צדקות ער איז ניט געווען, האט ער דאך אויף זיין געוויסען די גרויסע זינד גענומען, צווישען מאן און פרוי מחלוקת צו ברענגען און פעראורזאכען זייער שיידען זיך.

אזוי גרויס איז געווען די שנאה, וואס ער האט צום בעל שם געפיהלט.

אויף אזוי פיעל האט ער איהם ניט געקענט סובל זיין.

די אלע רעד זיינע זיינען אבער אהן דער קלענסטער ווירקונג אויף זיין שוועסטער געבליעבען.

אויב ער האט אויף איהר קיין איינפלוס ניט געהאט נאך פריהער דעם שידוך צושטערען, דאמאלס נאך, ווען זי האט קיין אהנונג וועגען דעם בעל שם׳ס גרויסקייט ניט גע־האט, איז שוין א פשיטא, אז ער האט אויף איהר קיין איינ־פלוס ניט געקענט האבען יעצט, ווען זי האט שוין גוט גע־וואוסט, אז דער מאן איהרער איז א פערבארגענע ליכט א גרויסע, וועלכע וועט אין דער גאר נאהענטער צוקונפט די גאנצע אידישע וועלט בעשיינען.

ר׳ גרשון האט זיך אבער פעסט געהאלטען ביים בעשלוס זיינעם, אז זיין שוועסטער מוז זיך מיט דעם בעל שם גט׳ען. ער האט איהם פאר קיין שוואגער ניט געוואלט האבען.

און ווען זי האט זיך אלץ אבגעזאגט זיין ווילען צו ער־פילען, האט ער זיך אנגערופען צו איהר : —

איך קען די חרפה בושה, וואס איך האב פון דיין מאן אויסצושטעהן, ניט איבערטראגען. דאס בעסטע וואלט גע־ווען, ווען דו וואלסט זיך וועלען גט׳ען מיט איהם. אויב גט׳ען זיך אבער מיט איהם ווילסט דו ניט, וועל איך דיר

אַ פערד קויפען און פאָהר דיר אַוועק מיט איהם פון דאנען, אַ וואו דיין הארץ גלוסט.

דער גרויסער גאון און צדיק האָט פון זיך זיין אייגענע שוועסטער פערטריעבען, אבי ער זאָל ניט דארפען דעם מגושם'דיגען שוואָגער זיינעם פאַר די אויגען זיינע זעהן.

אַזאַ גוואלדיגע שנאה האָט ער צו איהם געפיהלט.

אַזאַ טיעפער האס האָט צו איהם, ביי איהם אין הארצען געלעבט.

## ז.

# זיעבען יאהר התבודדות.

דער בעל־שם מיט זיין פרוי האבען זיך אין א דארף בעזעצט. ער פלעגט ליהם גראבען און די פרוי זיינע פלעגט די ליהם אין א וואגען אין די נאהענטע שטעדט צום פערקויפען אוועקפיהרען. — דער בעל־שם פראוועט זיעבען יאהר התבודדות. — צווישען די קארפאטען בערג האט ער זיינע גרויסע געדאנקען אויסגעטראגען. — נאך די זיעבען יאהר איז דער בעל־שם א שוחט געווארען.

ר׳ גרשון האט אלזא פון זיך זיין שוועסטער און שוואגער פערטריבען.

ווי אכזריות׳דיג דיעזער אקט זאל אבער אויסערליך ניט אויסזעהן, קען ער דאך קיין שווארצען פלעק אויף ר׳ גרשון׳ס פערזענליכקייט ניט ווארפען. מיר קענען דורך דעם בשום אופן ניט קוקען אויף איהם, ווי אויף א מענשען, וואס האט א שטיינערען הארץ פערמאגט.

מיר בעדארפען פערשטעהן די פסיכאלאגיע פון אזא מענשען ווי ר׳ גרשון. מיר מוזען זיך אין זיין אינערליכער וועלט איינטראכטען, מיר זאלען איהם קענען מוחל זיין די זינד, וואס ער איז געגען זיין שוואגער און שוועסטער בעגאנגען.

ר׳ גרשון איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים פון זיין דור. ער איז ניט נאר אין נגלה אליין גרויס געווען. ער איז אויך א גרויסער מקובל געווען. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע אויטאריטעטען אין דער קבלת האר״י ז״ל, איינער פון די גרעסטע וואס האט אין יענעם דור געלעבט.

דער גרויסער גאון ר׳ יחזקאל לאנדא, דער בעל הצל״ח, טיטולירט איהם אין איינעם פון זיינע בריעף צו איהם מיט פאָלגענדע שבחים: „אהובי, ידיד נפשי, הרב המופלא, מופלג בתורה ובחסידות״, און אין א צווייטען בריעף שרייבט ער אויף איהם: „בר פחת, ובריכי, חכם עדיף מנביא, ליש ולביא, מופלג בתורה ובחסידות, שושן סודות, החכם השלם והכולל״.

און ניט קיין קלענערע שבחים פערמאָגט פאר איהם אויך דער גרויטער גאון ר׳ יונת׳ל פראגער. אין זיין לוחות העדות שרייבט ער ווענען איהם פאָלגענדעס: „הרב החסיד, מופלג בתורה ומקובל אלהי.״

און אויך פיעלע אנדערע גאונים און גדולים פון יענעם דור האָבען ווענען איהם מיט גוואלדיגען יראת הכבוד גערעדט.

עס וואָלט דעריבער פאר אזא גאון און צדיק, ווי ר׳ גרשון קוטיווער איז געווען, פאר אזא גאון און צדיק, וועל־כער האָט זיין גאנצען לעבען אין תורה און יראת שמים געווייקט, פיעל גרינגער געווען פון זיין עולם הבא זיך אָב־זאָגען, איידער צו וואָהנען אונטער איין דאך מיט אזא פראסטען נפש און גראָבען ברודער, פאר וועלכען דער בעל שם האָט זיך אין זיינע אויגען אויסגעגעבען, איידער צו מיהלען איהם און זעהן איהם שטענדיג פאר זיינע אויגען אלס א שוואָגער זיינעם, אלס דעם מאן פון זיין שוועסטער.

סיי ווי סיי, דער בעל שם האָט געמוזט בראָד פערלאָ־זען. ער האָט געמוזט ווידער אמאָל דעם וואנדער־שטעקען אין זיין האנד נעהמען און געהן זוכען פאר זיך און פאר זיין פרוי א מקום מנוחה ערגעץ.

זייער איינציגער פערמעגען, וואָס זיי האָבען געהאט מיט זיך, איז געווען דער פערד און וואָגען, וואָס ר׳ גרשון האָט געקויפט פאר זיי.

האבען זיי זיך אין א דארף צווישען קוטעוו און קאסעוו בעזעצט.

זיין פרוי האט אין דארף געוואהנט, און ער פלעגט זיך אוועקלאזען שטענדיגע „התבודדות פראוועו צווישען בערג גרויסע", צווישען די דארטיגע קארפאטען־בערג, „צווישען וועלכע עס האט זיך א טיעפער טהאל געפונען".

און צוויי דריי מאל א וואך פלעגט צו איהם זיין פרוי קומען מיט איהר פערד און וואגען. פלעגט ער אויף דעם וואגען לייהם אנלעגען, און זי פלעגט די לייהם אין דער נאהענטער שטאדט אוועקפיהרען און זי פערקויפען דארטען— און דערפון האבען זיי זייער ארים חיונה געצויגען.

דער מאן, וואס איז מיט גאט'סווארט צו צעהנדלינגער טויזענד מענשען געקומען, האט נאך דאן, ווען די גרויסע ליכט האט שוין פון איהם ארויסגעשטראהלט, געמוזט ערד גראבען, כדי ער זאל קענען זיך און זיין פרוי ביים לעבען דערהאלטען.

דער מאן, וואס האט אזוי פיעל נייעס און רייכען אינהאלט אין אידישען לעבען אריינגעטראגען, וואס זיעבען יאהר גאנצע אין שרעקליכער נויט און דחקות פערבראכט און האט מיט געצעהלטע גראשענס א וואך לעבען דורכגעמאכט.

ארים און פינסטער איז אבער דאמאלס נאר זיין מאטעריעלע, אויסערליכע וועלט געווען. אין זיין אינערליכער וועלט האט דיא אלע זיעבען יאהר א גרויס רייכטהום געהערשט. עס האט דאמאלס דעם לעבענס וועג זיינעם א העלע ליכט א גרויסע בעלויכטען.

ער האט דארטען די אלע זיעבען יאהר אין התבודדות און אין יחוד מיט דער נאטור פערבראכט. ווייט און אבגעזונדערט פון דעם גאנצען לעבענ'ס־טומעל און אויסגעטהון פון אלע מענשליכע ליידענשאפטען, האט ער אין א פערוואר־

פענער הייהל געלעבט. נאך ביז צום היינטיגען טאג ווערט
אויף דעם ארט און אויף דער הייהל, אוואו דער בעל שם
פלעגט זיינע נעכט און טעג פערברענגען, דעם פערבייגעהער
אנגעוויזען.

ער האט די שענע שטילקייט און ריינע מנוחה בעדארפט,
כדי ער זאל אונגעשטערט זיך קענען קאנצענטרירען אין די
טיעפע געדאנקען זיינע, וועלכע האבען אנגעהויבען דאמאלס
רייף ווערען ביי איהם.

האט ער דארטען אפילו אין דעם טאג צופיעל טומעל
און מגושם לעבען פאר זיך געפונען.

ווי יעדער פאעטישע און טרוימערישע נאטור, האט ער
אויך די פערטרויערטע און פערטרוימטע נאכט ליעב געהאט
און האט ביי זיך אין הארצען איהר סוד געטראגען.

„עס איז בעסער עטליכע שטונדען ביי טאג צו שלא־
פען — פלעגט ער זיינע תלמידים לערנען — כדי מען זאל
קענען וואס מעהר שטונדען ביי נאכט וואך זיין" —

פלעגט ער שלאפען ביי טאג און וואך זיין די נעכט —
און מיט זיין הארץ און נשמה אין יחוד פערברענגען.

ביי דעם גרויסען פייער פון זיין נשמה פלעגט ער,
אין דער פינסטערער און נאכדענקליכער שטילקייט פון דער
נאכט, שלייפען דיא פעריל זיינע, וואס ער האט פון די
טיעפסטע טיעפענישען זיינע ארויסגעבראכט.

אט דא א צווישען די קארפאטען־בערג, וואס געפינען
זיך אין דעם טייל גאליציען, נעבען בוקאווינען, אט אין
יענעם נשמה־רייכען און שענעם ווינקעל, א וואו די נאטור
בעווייזט זיך פאר דעם מענשען אין איהר גאנצער פראכט און
גלאנץ, האט דער בעל שם זיעבען יאהר גאנצע געלייטערט
די גרויסע נשמה זיינע.

אט דא, צווישען די גרויסע בערג און טיעפע טהאלען,

צווישען די געדיכטע וועלדער און דעם ווילדען פראכט פון דער נאַטור דאָרטען, האָט דער בעל שם גאַנצע זיעבען יאָהר אין קלעהרען און דענקען און טראַכטען פערבראַכט. „און אָפטמאָהל פלעגט ער אין אַזאַ גרויסער עמיקות פערגעהן, אַז ער פלעגט קענען אַרומגעהן טראַכטענדיג דריי טעג און דריי נעכט דורכאַנאַנד, ניט וויסענדיג און בעמערקענדיג עס“.

דאָ האָט ער זיך צונויפגעגאָסען מיט דער גאַנצער נאַטור דערפיהלט.

אַט דאָ האָט ער זיך אין גאָט און גאָט אין זיך דערשפירט.

דאָ איז ער צו דעם גרויסען און גראַנדיעזען פאַנטעאיס־טישען אמת דערגאַנגען, אַז עס זיינען גאָר קיינע בעזונדערע זאַכען פאַראַן.

אַז די אַלע מילי־מיליאָנען פערשידענע פאָרמען פון לעבען און עקזיסטענץ זיינען אין תוך זייערען די איינהייטליכע און איינפאַכע סובסטאַנץ פון דער געטהייט.

דאָ אָ איז ער דעם גרויסען און שענעם סוד דערגאַנגען, אַז אַלעס, אַלעס, וואָס לעבט און עקזיסטירט, לעבט און עקזיסטירט נאָר דערפאַר, וואָס גאָט׳ס לעבען און גאָט׳ס עקזיסטענץ געפינט זיך אין דעם.

„ווען דער מלכו של עולם וואָלט זיין געזיכט פון אונז בעהאַלטען, וואָלט דאָס גאַנצע לעבען אויסגעלאָשען ווערען. ווען דיא שכינה וואָלט פון אוניווערזום איהר השפעה אוועק־נעהמען, וואָלט אַלעס, אַלעס זיין לעבען און עקזיסטענץ פערלאָרען“.

־אָ האָט ער זיך דערטראַכט צום גרויסען פרינציפ

אויף וועלכע זיין שיטה וועגן דער גאָטהייט איז געבויעט, אַז —

„צווישען די אַלע עולמות און אַלעם דעם, וואָס געפינט זיך אין זיי, אַלעס, וואָס מיר קענען מיט אונזער געפיהל און שכל בעגרייפען, אַלעס, וואָס געפינט זיך אין דער נאַטור, וועלכע זעהען און ווייזען זיך אונז אויס אַלס זאַכען, וואָס זיינען אויסערהאַלב השם יתברך און זענען אָבגעשיידט פון איהם, זענען אין זייער איינענער וועזענליכקייט גאָר ניט, און זייער עקזיסטענץ העננט גענצליך אָב פון דעם וואָרט פון איהם יתברך. און ער און זיי זענען אַלע איינס. מעהר ניט — קודשא ברוך הוא האָט זיך אַליין בעהאַלטען כביכול אין פיעלע פערשיעדענע מינים לבושים און בעהעלטענישען און קאָנצענטראַציאָנען, אין וועלכע אין דורך וועלכע ער בעהאַלט זיך אויס פון די אויגען פון די, וואָס ער האָט בעשאַפען, און זיי זעהען יעדער זאַך ווי אַ וואָלקען־מחיצה, וואָס שיידעט און טיילט אָב צווישען זיי אין זייער בעשעפער. און אין דעם אַליין טאַקי בעשטעהען די גוואַלדיגע און שרעקליכע גבורות פון: „יוצר בראשית" —

„ער פערהילט זיך פון אונז אין זיינע ענטפּלעקונגען און ענטפּלעקט זיך פאַר אונז אין זיינע פערהילונגען". *)

דאָ האָט ער זיך אויף אַזוי פיעל אין דער נאַטור איינגעלעבט, אַז ער האָט זי אָנגעהויבען אַלס אַ לעבעדיג וועזען

*) בין כל העולמות כלם וכל מה שיש בהם, כל המורגש והמוטבע והמושכל, שהם נראים ונדמים לנו שהם דברים הוי"ה לו י"ת ונפרדים ממנו, אינם בעצמותם כלום, ותלויים רק ברוח פיו י"ת, יהוא והם הכל אחד. ורק שהסתיר הקב"ה את עצמו כביכול, בכמה מיני לבושין והסתרים וצמצומים, שבהם ועל ידם הוא מסתתר מעיני בריותיו והם רואים כל דבר כענן חוצץ, מבדיל ומפריד בינו לבין קונו. והן הן גבורותיו ונוראותיו של יוצר בראשית, שהוא מתעלם בגלויו ומתגלה בהסתרו.

צו עמפפינדען. יעדער בוים און יעדער גרעזעלע האט ביי איהם א נשמה פערמאגט.

פלעגט ער מיט זיי אין די שטילע און טיעפע נעכט גע־שפרעכען פיהרען וועגען דעם גרויסען סוד פון וועלכען זיין הארץ און נשמה זיינען דאמאלס פול געווען.

זיי האבען איהם פערשטאנען.

און אויך ער האט זייער געשפרעך געהערט און פערשטאנען.

„ער האט זיך דארטען די שפראך פון עופות און בוימער אויסגעלעהרענט צו פערשטעהן".

זיינע אויערען האבען פערנומען די שירה, וואס האט זיך איבער דעם גאנצען וועלטאל צום בורא עולם געטראגען, פון אלעם דעם, וואס ער האט מיט לעבען געבענטשט.

ער האט געשפירט די גרויסע פרייד, וואס איבערפילט דעם גאנצען אוניווערזום אין זיין שטרעבונג ז י י ן הייליגען נאמען צו דיענען.

„אלע, אלע דיענען איהם יתברך לויט דעם פערשטאנד און שכל, וואס ער האט זיי געגעבען. און אפילו דאס קליינע ווערימעל טהוט די ארבייט זיינע לויט די כחות וואס ער, יתברך, האט אויך איהם משפיע געווען".

ער איז דא דעם גרויסען סוד דערגאנגען, אז אלעס, אלעס וואס געפינט זיך אויבען און אונטען איז „איין האר־מאנישע אחדות".

אט אזוי האט דער בעל שם זיבען יאהר פערבראכט ווייט פון שטאדט־טומעל און אבגעזונדערט פון מענשען. ער פלעגט שטענדיג גרזיה'ן הפסקות פאסטען, און פלעגט ער וועלען עסען, פלעגט ער א גריבעל אין דער ערד אויסגראבען און אנפילען עס מיט מעהל און וואסער. ער פלעגט עס

לאזען זיך אויסבאקען אויף דער זונן, און דאס איז זיין גאנ־
צער עסען געווען נאך דעם לאנגען תענית זיינעם.

---

נאך די זיבעצן יאהר האט דער בעל שם דאס דארף
פערלאזען און האט זיך א שטיקעל צייט ווידער מיט
מלמדות בעשעפטיגט. ניט ער און ניט די פרוי זיינע זענען
שוין מעהר אימשטאנד געווען די שרעקליכע דחקות־הפרנסה
איבערצוטראגען. ער האט אבער בשום אופן ניט געוואלט
געהן בעטען זיך צו זיין שוואגער. האט ער זיך דעריבער צו
זיין פריהערדיגער בעשעפטיגונג גענומען.

ער האט אבער אויך יעצט ווי ווייט מעגליך פון מענשען
זיך אויסבעהאלטען, און האט אלס „נסתר״ געלעבט. אויב
ער האט פריהער, אין די ערשטע מלמדות־יאהרען זיינע, דאך
פון צייט צו צייט אביסעל ליכט פון זיך געלאזט ארויס־
שטראהלען, האט ער יעצט די גאנצע גרויסע ליכט זיינע אין
זיך בעהאלטען.

ער האט אלעס מעגליכעס געטהון, ער זאל וואס מעהר
אלס פראסטער מענש אויסזעהן, מען זאל וואס ווייניגער די
פערבארגענע ליכט זיינע קענען בעמערקען.

פלעגט ער גלייך מיט אלע פויערים און עמי הארצים א
פעלצעל טראגען, וועלכען ער פלעגט מיט א ברייטען גאר־
טער ארומבינדען.

דיזער פעלץ פלעגט איהם אלס מאסקע דיענען, מען זאל
זיין סוד ניט ענטדעקען. אין דיזען פעלץ פלעגט ער איבע־
ראל געהן, און יעדער איינער האט אויף איהם, ווי אויף א
זעהר פראסטען און גראבען נפש געקוקט.

אין א צייט ארום האט ער זיך שחיטה אויסגעלערענט.
ער האט זיך מיט זיין פאמיליע בעזעצט אין דארף קשיליוויץ,
וואס האט זיך געפונען ניט ווייט פון יאזלאוויץ, א וואו

ער איז אמאל א „בעהעלפער" געווען. זיין פרוי פלעגט מיט דעם שנאפס־פערקויף אונטערהאנדלען, און ער פלעגט זיך ביי איהם אין דארף און אין דיא ארומיגע דערפער מיט שחיטה בעשעפטיגען.

ער איז אבער אויך יעצט א „נחבא אל הכלים" געווען — „א שוחט ווי אלע שוחטים".

אויב ער האט שוין מעהר ניט געקענט פאר גאר א פראסטען מענשען זיך אויסגעבען, האט ער אבער אלעס גע־מהון, מען זאל וואס ווענינער זיין גרויסקייט פערדעכטיגען.

ווארום עס איז נאך די צייט ניט געקומען, ער זאל נתגלה ווערען.

ער האט נאך בעדארפט אלס נסתר לעבען.

## ח.

# די ערב מאמענטען פון זיין התגלות.

די ערב מאמענטען פון זיין התגלות. דער בעל שם איז א שוחט געווארען. די צוויי ברידער מרגליות אנטלויפען אין דארף צו איהם. ר׳ גרשון נעהמט דעם בעל שם צו זיך און מאכט איהם פאר זיין פערד־טרייבער. ער פערפיהרט איהם אין א בלאטע. שיקט ער איהם ווידער פון זיך אוועק. דער בעל שם ווערט אן ארענדאר. אויף ראש־השנה פלעגט ער קיין בראד פאהרען. ער טראגט זיך ארום שטענדיג מיט ספרים אין עברי־טייטש. ר׳ גרשון פיהרט איהם צו איינעם פון די בראדער רבנים, ער זאל איהם אויס׳מוסר׳ען.

עס איז שוין אבער דער מאמענט פון התגלות ניט ווייט געוועזן.

געגען זיין ווילען האט דער בעל שם שוין ניט מעהר געקענט די גאנצע גרויסע ליכט זיינע אין זיך פארבארגען האלטען.

איידער עס ווערט דער ליכטיגער טאג געבוירען, שיקט די זונן די ערשטע שטראהלען איהרע זיין אנקומען אנ־צוזאגען.

די גרויסע פערבארגענע ליכט פון בעל שם האט שוין מעהר ניט געקענט גאר אין גאנצען פארבארגען און פארהוי־לען בלייבען.

איניגע שטראהלען זיינע האבען דאך פאר זיך א וועג אויסגעבראכען און האבען אנגעהויבען ארום זיך ליכט פאר־שפרייטען.

די פאָלגענדע לעגענדע ווערט אונז וועגען די ערב־מאָ־מענטען פון זיין התגלות דערצעהלט:

אין דער שטאָדט יאזלאוויץ איז דער בעריהמטער גאון ר׳ צבי מרגליות, דער פאטער פון די צוויי בעריהמטע גאונים ר׳ יצחק און ר׳ מאיר מרגליות, אלס רב געווען אָנגעשטעלט. צו יענער צייט זענען זיי נאָךביידע גאָר יונגע קינדער געווען און האָבען ביי זייער פאטער תורה געלערנט. דער ער־שטער איז דאמאלס זעכצעהן יאָהר אַלט געווען, און דער צווייטער עלף.

פלוצלונג האָט ביי יעדען איינעם פון זיי אין הארצען א גוואלדיגער פארלאנג אָנגעהויבען צו ברענען, זיי זאָלען צום שוחט פון קשילאָוויץ אראָבפאָהרען.

וואָס זיי האָבען אייגענטליך געוואָלט דאָרטען, וואָס עס האָט זי נעצויגען אהין —

האָבען זיי ניט געוואוסט.

איין זאך האָבען זיי אָבער געפיהלט און געוואוסט, אַז זיי מוזען אהין וואָס גיכער פאָהרען.

זייער גאַנצע אינערליכע וועלט איז פון דיזען פארלאַנג בעהערשט געווען.

עפּיס אַ פארבאָרגענע קראפט האָט זיי געצויגען אהין.

ווי פאר׳כשופ׳טע זענען זיי א שטיק צייט ארומגעגאנ־גען. זיי האָבען פון קיין שלאָף און רוה ניט געוואוסט.

די פאנטאסטישע און אונבעקאנטע פיגור פון שוחט אין קשילאָוויץ איז זיי שטענדיג פאר די אויגען געשטאנען און האָט זיי צו זיך גערופען און געצויגען.

האָבען זיי זיך ענדליך גענצליך אין דער האנד פון דער פארבאָרגענער קראפט איבערגעגעבען.

זיי האָבען געפיהלט, אַז זיי וועלען זי ניט קענען גובר זיין, אַז זיי וועלען מוזען איהר פארלאַנג נאָכגעבען.

האָבען זיי, קיינעם קיין וואָרט ניט זאָגענדיג דערפון, זייער היים פארלאָזען, און האָבען זיך צום בעל שם אוועק־געלאָזען.

דערווייל האָט זיך פארשפרייט די ידיעה אין שטאָדט, אז די צוויי ברידער מרגליות זענען פארלאָרען געגאנגען.

ביי זייער פאָטער אין הויז איז אַן אמת'ער תשעה באב געווען, און די גאנצע שטאָדט האָט געקאָכט און געדרוישט.

מען האָט פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָדט צו שטאָדט שלוחים געשיקט, זיי זאָלען זיי ערגעץ אויפזוכען.

האָט מען זיי ענדליך אין דאָרף קשילאָוויץ געפונען ביים שוחט ר' ישראל, און מען האָט זיי צוריק אהיים געבראַכט.

פיעל גערעדט אָבער וועגען אַלעם דעם, וואָס זיי האָ־בען אין הויז פון שוחט געהערט און געזעהן, האָבען זיי ניט.

נאָר די פאָלגענדע ווערטער האָבען זיי צו זייער פאָ־טער געזאָגט:

דו האָסט איהם ניט געזעהן. איז דאָס אונמעגליך דיר אָבצומאָהלען, וואָס פאר א מין גרויסער מענש דאָס איז. גלויב אונז אָבער, אז ער איז קליגער פון אַלע מענשען, וואָס מיר האָבען וועז געזעהן, און ער איז אויך מעהר ירא שמים פאר זיי.

---

אויך דיביידע פרנסות אָבער, דער שנאַפּס־פאַרקויף מיט דער שחיטה־באשעפטיגונג, זענען ניט גענוג געווען, דער בעל שם מיט זיין פאמיליע זאָלען קענען פון זיי אַן אנשטענ־דיג לעבען מאַכען.

כביכול האָט איהם נאָך לייטערען געוואָלט.

ער האָט געוואָלט, דער בעל שם זאָל נאָך אַלץ אין לע־בען ניט איינגעאָרדענט בלייבען, כדי עס זאָל פון איהם דער

וועג, וועלכע ער האָט פאַר איהם אין לעבען אַנגעצייכענט, ניט פאַרלאָרען געהן.

עס איז, דאָס אַלעס, וואָס דער בעל שם האָט אין זיין לע־בען ביז דער התגלות זיינע דורכגעלעבט און דורכגעמאכט געוויסע עטאַפּען געווען, וואָס האָבען צו דעם גרויסען מאָ־מענט פון זיין התגלות בעדאַרפט פיהרען.

די פאָלגענדע לעגענדע שילדערט אונז אין וואָס פאַר א נויט און דחקות זיי האָבען דאַמאָלסט געלעבט.

עס איז שוין איינמאָל נאָר א פּאָר טעג צו פסח געבלי־בען און דער בעל שם האָט נאָך אַלץ גאָר ניט אויף פסח געהאַט. —

ניט קיין מצות און ניט קיין פליישׁ. האָט ער זיין פערד אַנגעזאָטעלט און האָט זיך אין די דערפער אוועקגע־לאָזט. האָט ער דאָרט אביסעל שחיטה געהאַט, און פאַר דעם געלד, וואָס ער האָט פאַרדיענט, האָט ער מעהל און פליישׁ אויף פסח געקויפט, און האָט דאָס אַלעס אהיים גע־פיהרט.

פּלוצלונג אָבער, איידער ער איז אהיים פאַרפאָהרען, האָט אָנגעהויבען גיסען א שלאַק'ס־רעגען, און די מעהל איז חמצ'דיג געוואָרען.

האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אין אַנדערע דערפער צו קוי־לען, און האָט פאַר דעם געלד, וואָס ער האָט ווידער פאַר־דיענט, נייע מעהל געקויפט.

דער בעזער שיקזאַל האָט איהם אָבער אויך יעצט ניט אָבגעלאָזט.

אין מיטען וועג האָט זיך דער פערד אוועקגעלעגט און דער בעל שם האָט געמוזט אליין דעם וואָגען שלעפען.

א שטיק צייט האָט ער אַזוי דעם וואָגען איבער דעם

וועג געשלעפט. נאכהער אבער האט ער זיך פון די כחות ארויסגעשלאגן.
ער האט שוין מעהר דעם וואגען ניט געקענט שלעפען.
כאטש פארבלייב דא אין וואלד איבער פסח.
האט ער אנגעהויבען צו וויינען.
ער האט א שטיק צייט מיט הייסע טרערען געגאסען.
האט איהם דאס ביטערע געוויין זיינס אויסגעמאטערט.
און עס איז אויף איהם א טיפער שלאף אנגעפאלען.
איז צו איהם אין שלאף אליהו הנביא געקומען און האט זיך צו איהם אנגערופען:
עס זענען דיינע טרערען אנגענומען געווארען און גאט האט דיין תפלה דערהערט.
באלד האט זיך אויף דעם פלאץ א גוי בעוויזען, איז האט די מעהל זיינע צו איהם א היים אוועקגעפיהרט.
און דאס איז געווען — ענדיגט די לעגענדע — דאס ערשטע מאל, וואס דער בעל שם האט גלוי־אליהו געהאט.
אביסעל אנדערש דערצעהלט די אייגענע געשיכטע אן אנדער לעגענדע:
דער בעל שם — דערצעהלט דיזע לעגענדע — האט זיין מעהל אין שטאדט איינגעקויפט און האט זי אויף זיין פערד און וואגען אהיים געפיהרט.
האט אנגעהויבען א גרויסער רעגען צו גיסען, און די מעהל איז חמצ׳דיג געווארען.
דער בעל שם האט מעהר קיין געלד ניט געהאט, ער זאל קענען נייע מעהל קויפען.
איז ער אזוי געפאהרען און מיט ביטערע טרערען געוויינט.
אין מיטען וועג איז זיין פערד אוועקגעפאלען.
באלד איז פאר זיינע אויגען א גוי אויסגעוואקסען,

וועלכער האָט ביי איהם די פעל פון פערד פאר פיער גילדען אוועקגעקויפט.

דער בעל שם האָט דאָס געלד גענומען און צוריק אין שטאָדט געגאנגען און האָט פאר דעם געלד נייע מעהל גע־קויפט און האָט זי דעם גאנצען וועג א היים אין זיין וואגען געשלעפּט.

---

ענדליך איז דער בעל שם דאָך געצוואונגען געוואָרען צו בעטען הילף פון זיין שוואָגער.

איז ער מיט זיין פרוי קיין בראָד געפאָהרען.

— מיר האָבען זיך פון שטאָדט צו שטאָדט ארומגע־שלעפּט — האָט ער פאר זיין שוואָגער זיין ביטער הארץ אויסגעגאָסען — און מיר האָבען אין ערגעץ קיין מקום מנוחה פאר זיך געפונען. מיר האָבען שוין מעהר קיין כח ניט די צרות איבערצוטראָגען.

דיזע איינפאכע און הארציגע ווערטער האָבען דאָס הארץ פון ר׳ גרשון געריהרט און ער האָט אויף זיי מיט־לייד געקראָגען.

ער האָט זיין שוועסטער און שוואָגער צו זיך אין הויז אריינגענומען. דעם בעל שם האָט ער פאר זיין משרת גע־מאכט.

איינמאָל האָט ר׳ גרשון בעדארפט אויף איינער פון זיינע רייזען פאָהרען. האָט ער גענומען דעם בעל שם פאר דעם פערד־טרייבער זיינעם.

ער האָט זיך אָבער אלס שלעכטער בעל עגלה ארויס־געוויזען, און האָט די פערד אין א גרויסער זינקיגער בלאָ־טע פארפיהרט.

— וואָס פאר א ווילדער מענש דאָס איז — האָט ר׳ גרשון אויסגעשריען — אפילו פאר קיין בעל עגלה טויג ער

אויך ניט. אפילו אין דיזען הינזיכט קען מען פון איהם קיינע נוצען ניט האבען. אן אמת'ער לא יוצלח, וואס טויג צו קיין מלאכה ניט.

ווען ר' גרשון האט געזעהן, אז ער קען איהם ביי זיך אין שטוב פאר קיין ארבייט ניט אויסנוצען, האט ער פאר איהם א דארף געדונגען, ער זאל דארטען אלס מוכסן זיין און דערפון זיין פרנסה ציהען.

דא, אין נייעם דארף, איז זייער מעמד־הפרנסה פיעל פארבעסערט געווארען. די פרוי זיינע פלעגט די קרעטשמע פיהרען, און ער פלעגט, ווי שטענדיג, התבודדות פראווען.

„ער האט זיך א התבודדות־שטיבעל אויסגעבויט אין וואלד, און דארטען האט ער געדאווענט און געלעהרענט גאנצענע טעג און נעכט פון דער וואך. נאר פון שבת צו שבת פלעגט ער א היים קומען".

„ער פלעגט זיך דאן אין ווייסען אנטהון און פארברענ־גען מיט זיין הויז א גאנצען מעת לעת אין עונג שבת. ער האט דארטען פאר זיך אויך א מרחץ מיט א מקוה אויסגע־בויט. די פרוי זיינע פלעגט אורחים אין שטוב אריינברענ־גען און ער פלעגט אין דארף קומען, די אורחים זיינע משמש זיין.

און אויך יעצט האט ער א פארשטעלט לעבען געפיהרט: אויך יעצט האט ער זיך אויסגעגעבען ניט פאר דעם, וואס ער איז אין דער ווירקליכקייט געווען.

פאר די געסט פלעגט ער זיך שטענדיג נאר אין פעלצעל ווייזען, און זיי האבען אויף איהם אלע, ווי אויף א פראס־טען מענשען געקוקט.

פאר ראש השנה פלעגט דער בעל שם מיט זיין פאמיליע קיין בראד פאהרען און פלעגט דארטען ביז נאך סוכות פאר־בלייבען.

און ווי עפּעס א מין לײדענשאַפט איז דאָס בײ איהם געװען, צו רײצען זיך מיט זײן שװאָגער ר׳ גרשון, צו טהון אלץ אזױנע זאכען, צוליעב װעלכע ר׳ גרשון זאָל איהם אלס װאָס גרעסערען עם הארץ מוזען בעטראַכטען. עס איז איהם עפּיס װי אין לעבען געגאַנגען, אז ר׳ גרשון זאָל אין איהם זײן אמת׳ע פּערזענליכקײט ניט פארדעכטיגען, און זאָל גלױבען באמונה שלימה, אז ער האָט דאָ צו טהון מיט א זעהר גראָבען און פּראָסטען נפש.

פלעגט ער זיך שטענדיג מיט טײטש־ספרים ארומטראָגען. װי ער האָט נאָר ר׳ גרשון׳ען פאר זײנע אױגען דערזעהן, אזױ האָט ער זיך גענומען פאר זײנע װײבערשע ספרים, תורה פון זײ צו לערנען.

בײ ר׳ גרשון פלעגט עס עקעל ארױסרופען און ער פלעגט דאמאלסט גװאלדיג אױפגערעגט װערען.

אײנמאָל, אין חול המועד של סוכות, האָט ר׳ גרשון געזעהן, אז דער בעל שם לעגט קײן תפילין ניט. האָט ער איהם געפרעגט: „פאַר װאָס לעגסטו הײנט קײן תפילין ניט?“ — האָט ער איהם געענטפערט: „איך האָב אין די טײטש־ספרים געזעהן, אז יעדער אײנער, װאָס לעגט תפילין אום חול־המועד איז חייב מיתה.“

איז אױף איהם דער רב זעהר אין כעס געװאָרען, װאָס עס פאלט איהם אײן דינים צו פּסק׳ענען פון די עברי־טײטש ספרים.

האָט איהם ר׳ גרשון צו אײנעם פון די בראדער רבנים געפיהרט, ער זאָל איהם אױס׳מוסר׳ען און זאָל איהם זײן ברכה געבען, אז גאָט זאָל איהם העלפען, ער זאָל קענען אױפ׳ן דרך הישר געהן.

— ער איז דוקא א ירא שמים, — האָט ער דעם בעל שם פאר דעם רב פאַרגעשטעלט, — ער איז אָבער א גרױסער

עם הארץ, און אז עם הארץ קען קיין ירא שמים ניט זיין — אין בור ירא חטא.

און דער רב איז זעהר א גרויסער צדיק געווען, און האָט א שאַרף אויג פאַרמאָגט, וואָס האָט אַלעם געזעהן און בע־מערקט.

האָט ער געזעהן, ווי בשעת זיי זענען אריינגעגאַנגען, האָט ר' גרשון די מזוזה א קוש געטהון, ווי עס פאָדערט זיך פון יעדען כשר'ען און עהרליכען אידען. דער בעל שם אָבער האָט די מזוזה ניט געקושט.

דאָס זעלבע האָט אויך ר' גרשון בעמערקט און איז צו־ליעב דעם אויף איהם שטאַרק אין דער הקפדה אריין.

און באַלד, ווי זיי זענען צום רב אין צימער אריין, האָט דער בעל שם די מאַסקע פון זיין פנים אראָבגענומען, און דער רב האָט פאַר זיינע אויגען א גוואַלדיגע גרויסע ליכט דערזעהן.

האָט ער זיך באַלד פון זיין פּלאַץ אויפגעהויבען און איז פאַר דעם בעל שם שטעהן געבליבען.

דאַן האָט דער בעל שם צוריק אויף זיין געזיכט די מאַסקע ארויפגעצויגען.

האָט זיך דער רב צוריק אויף זיין פּלאַץ אוועקגעזעצט.

האָט דאַן דער בעל שם ווידער אמאָל פון זיין געזיכט די מאַסקע אראָבגעוואָרפען, האָט זיך אויך דער רב ווידער אמאָל פון זיין פּלאַץ אויפגעהויבען און איז פאַר דעם בעל שם שטעהן געבליבען.

אַט אזוי האָט זיך עס עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט.

אַט האָט ער, דער רב, דערזעהן א גרויסע ליכט פון דעם בעל שם ארויסשטראַהלען.

און פּלוצלינג איז די ליכט נעלם געוואָרען.

איז אויף איהם א גרויסע אימה אָנגעפאַלען.

ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר אַזוינס.

אַט, האָט איהם דער בעל שם אַ הייליגער צדיק גע־שיינט צו זיין און אַט האָט ער אין זיינע אויגען אַלס זעהר פראָסטער מענש אויסגעזעהן.

האָט ער דעם בעל שם אין אַ חדר מיוחד אוועקגענו־מען און האָט אויף איהם גוזר געווען, ער זאָל איהם דעם גאַנצען אמת אויסזאָגען.

האָט זיך צו איהם ר' ישראל אַלס בעל שם טוב ענטפּלעקט.

ער האָט אָבער אויף דעם רב גוזר געווען, ער זאָל קיי־נעם וועגען דעם קיין וואָרט ניט זאָגען.

און ווען זיי האָבען די הויז פון רב פאַרלאָזט — ענ־דיגט די לעגענדע — האָט דער רב די מזוזה גענומען און גע־זעהן, אַז זי איז אַ פּסול'ע געווען.

ט.

# דער גרויסער התגלות מאמענט

דער שליסענדער אקארד אין ערשטען פעריאד־יאהרען פון בעל־שם׳ס לעבען. — איידער משה רבנו איז א „רועה־ישראל״ געווארען, האט ער געמוזט פריהער א „רועה־צאן״ ווערען און דער בעל שם האט געמוזט פריהער א מנהיג איבער די קליינע אידישע קינדער ווערען, איידער ער איז א מנהיג איבער די גרויסע אידען געווארען. — נאך די פיעלע יאה־רען פון פארבערייטונגען איז דער גרויסער מאמענט פון זיין התגלות געקומען.

איידער דער רבונא של עולם האט משה רבנו פאר א מנהיג איבער דעם פאלק ישראל בעשטימט, האט ער בעשלא־סען, איהם פריהער צו פראבע שטעלען. ער האט איהם גע־וואלט אויספרובען, צי מען קען איהם די דאזיגע הייליגע אר־בייט — דאס פאלק ישראל אויף דעם ריכטיגען וועג צו פיה־רען — אנפארטרויען.

האט ער א־הם געלאזט זיין אין די יונגע יאהרען א פאסטוך פון שאף.

ווען ער האט געזעהן, וויפיעל ליעבשאפט און געטריי־שאפט משה רבנו האט די שעפעלעך ארויסגעוויזען, האט ער געזאגט:

— ווער ז־אך ווי משה איז ווערט א „רועה־ישראל״ צו ווערען.

אויך דער בעל שם איז פון רבונא של עולם צו פראבע געשטעלט געווארען, צו זעהן, צי ער איז ווערט, עס זאל זיך

מיט איהם א נייע תקופה אין אידישען לעבען אנהויבען, צי ער איז ווערט, מען זאל איהם פאר א מנהיג איבער דעם אידי־שען פאלק בעשטימען.

האט ער איהם פריהער אלס מנהיג איבער אידישע קינ־דער בעשטימט.

לאמיר נאר זעהן, ווי ער וועט די קליינע אידען פיהרען, וועט מען וויסען, צי מען קען איהם דאס פיהרען פון די גרוי־סע אידען אנפארטרויען.

און אויך ער האט, ווי משה רבנו, גלענצענד די פראבע אויסגעהאלטען.

ער האט זיך פיעלע יאהרען מיט די אידישע קינדער פון זיין געגענד ארומגעפיהרט. ער איז פאר זיי די אלע יאהרען זייער גוטער מלאך געווען און האט זיי אונאויפהערליך מיט זיין אונענדליכער ליעבע און געטריישאפט געשיצט און גע־ווארעמט שטענדיג.

און צוזאמען מיט דער ערציהונג פון די אידישע קינ־דער, האט ער זיך אין דיזער ארבייט אויך מיט זיין ער־ציהונג, ער זאל קענען אין דער צוקונפט א פאסענדער מנהיג ישראל זיין, בעשעפטיגט.

און אויך נאך דעם, וואס די דיענסט זיינע ביי די קליי־נע קינדער האט זיך גענדיגט, אויך דאן אפילו האט ער נאך ניט געוואלט ארויסטרעטען אויף דעם ברייי־טען און ליכטיגען וועג, וואס די השגחה האט פאר איהם אנגעצייכענט. אויך דאן האט ער נאך ניט געוואלט פריי און ברייט צעעפענען די אלע רייכע אוצרות, וואס ער האט אין זיין גרויסען הארץ און נשמה בעהאלטען געטראגען.

ער האט בעשלאסען נאך מעהר אויף זיך צו ארבייטען, כדי ער זאל קענען אין העכסטען גראד ווערט זיין די היילינגע מיסיאן, וואס איז אויף איהם אין לעבען ארויפגעלעגט גע־

ווארען. ער האט בעשלאסען נאך ווייטער מיט זיין ערציהונג זיך בעשעפטיגען, נאך פיעלע יאהרען אנצונעהן מיט זיינע פארבערייטונגען צום גרויסען מאמענט, וואס ווארט אויף איהם אין דער צוקונפט.

ער האט געוואלט פריהער די גרעסטע מדרגה אין אהבת־ישראל דערגרייכען, איידער ער וועט אויף זיך די ראלע פון א מנהיג איבער אידען נעהמען.

ער האט דעריבער בעשלאסען נאך עטליכע יאהר ב„הסתר" לעבען און פון דער זייט שטודירען און לערנען דאס אידישע לעבען און שטילערהייד ברענגען איבעראל הילף און טרייסט מיט זיך.

איידער ער האט בעשלאסען א מנהיג־הדור צו ווערען, האט ער זיך פריהער ב ר ע כ ע ן געוואלט, ארבייטען אויף זיך, ער זאל ווערען אויסגעטהון פון אלערליי כונות און פניות זרות, פון אלערליי פערזענליכע אמביציעס און שטרע־בונגען, וועלכע פאזרפאלגען דעם גרעסטען צדיק אפילו אין די הייליגסטע מאמענטען זאגאר פון זיין לעבען. ער האט פרי־ער די גרעסטע מדרגה פון „ענייוות" געוואלט דערגרייכען, בעפרייען זיך פון דעם קלענסטען שפור פון דער מדה פון „גדלות", כדי אז ווען ער וועט איבערנעהמען די פיהרער־שאפט איבער דעם פאלק ישראל, זאל דאן די הייליגע אר־בייט זיינע דורך און דורך נאר לשם שמים זיין, ער זאל פון איהר זיך קיין אייגענע נוצען ציהען, אז דער פרסום און כבוד, וואס ער וועט דורך זיין פיהרערשאפט איבער דעם אידישען פאלק קריגען, זאל אויף איהם קיין שליטה ניט הא־בען און ער זאל קענען בלייבען גענצליך אונגעריהרט פון דעם אלעם. ער האט געוואלט אין זיין גרויסקייט נאר געבען שטענדיג, אבער גאר ניט נעהמען פאר זיך דורך איהר.

און דאריבער האט ער אזוי פיעל יאהרען די מאסקע

פון א גראבען יונג און א וואולגארען נפש אויף זיך געטראָגען.

און דאריבער האָט ער אזוי פיעל יאָהרען אויף זיבען שלעסער די גרויסע ליכט זיינע געהאלטען פערשלאָסען.

ער האָט געוואָלט די מדה פון גדלות און כבוד־זוכעריי מיט די ווארצלען זייערע פון זיך אויסרייסען.

ער האָט זיך ברעכען געוואָלט, און דאריבער האָט ער זיך געסטארעט מען זאָל זיך צו איהם מיט וואָס מעהר פער־אכטונג און בטול בעציהען.

ער האָט געוואָלט, אז עס זאָל דורך דעם אטראַ־פירט ווערען ביי איהם די שטרעבונג, וואָס לעבט ביי יעדען איינעם פון אונז, מענשען זאָלען זיך צו אונז מיט כבוד און רעספעקט בעציהען.

ער האָט דאָרטען אָט יענע הויכע מדרגה געוואָלט דער־גרייכען, ווען עס ווערט פאר א מענשען אלעס איינס, צי מען לויבט איהם ביז דעם זיבעטען הימעל, צי מען שיט אויף איהם די גרעסטע זלזולים אוים.

און ער האָט זי דאָרטען ווירקליך דערגרייכט.

„אלעס באדארף פאר דעם מענשען גלייך זיין — האָט ער זיך און אנדערע שטענדיג געלערנט — און אויף דעם אייגענעם און זעלבען אופן באדארף ער שטענדיג די שבחים און זלזולים פון מענשען אננעמען. זייער ליעבע און שנאה באדארף ביי איהם די אייגענע ווערטה האָבען. עס באדארף ביי איהם זיין אלעס איינס, צי מען האלט איהם פאר אזא איינעם, וואָס קען די גאנצע תורה אָדער פאר אלס אזעלכען וואָס וויים גאר אין גאנצען גאר ניט".

„און דאָס, וואָס קען דעם מענשען ברענגען ער זאָל דיזע גרויסע מדה פון „השתוות" — גלייכגילטיגקייט — דער־גרייכען, איז, ער זאָל זיך שטענדיג מתדבק זיין אין בורא

יתברך. ווארים צוליעב דעם, וואס ער וועט שטענדיג זיין בע־שעפטיגט מיט דער דביקות זיינער, וועט ער קיין צייט ניט האבען, צו פערנעהמען זיך מיט אזוינע לייכטע און אונ־וויכטיגע זאכען". *)

„און דאס איז דער ענין פון „שויתי ה' לנגדי תמיד". ווי באלד איך האב די מדה פון השתוות, ווי באלד אלעס איז אין מיינע אויגען גלייך, ווייס איך, אז גאט איז מיט מיר שטענדיג".

„זאל יעדער מענש טראכטען, אז ער איז מעהר ניט, ווי א קליין ווערימעל, און אז אלע בעשעפענישען, וואס געפינען זיך אויף דער וועלט זיינען חברים זיינע, און קיין איינער פון זיי פערמאגט נאר אט יענעם חיות און יענע פעהיגקייטען, וואס דער בורא יתברך האט איהם געשאנקען". **)

איידער ער האט ביי זיך בעשלאסען, ער זאל לעהרער און וועג־ווייזער פאר דעם אידישען פאלק ווערען, האט ער געוואלט פיעלע יאהרען מיט זיך אליין בלייבען, פיעלע יאה־רען התבודדות פיהרען, פיעלע יאהרען איינטראכטען און איינטיעפען זיך אין דער גרויסער ראלע, וואס שטעהט איהם פאר אין אידישען לעבען צו שפיעלען, און איבערקלערען און איבערטראכטען יעדען שריט און טריט, וואס ער וועט בא־דארפען אין דער צוקונפט אין זיין לעבענס־וועג דורכמאכען.

איידער ער האט באשלאסען מיט זיין נייעם ווארט צום

---

*) הכל צריך שיהיה שוה לאדם, בין שישבחו אותו בני אדם, בין שיגנו אותו, בין שיאהבוהו, בין שישנאוהו, בין שיחזיקו אותו ליודע כל התורה כלה או לחסר כל ידיעה.

ודבר הגורם למדה זו של השתוות — היא הדביקות בהבורא יתברך תדיר, שמחמת טרדת הדביקות אין לו שום פנאי לחשוב בדברים קלים ופחותים כאלה.

**) „שויתי ה' לנגדי תמיד". מכאן, שיש לי מדת ההשתוות, שהכל שוה אצלי, אז יודע אני, ש"ה לנגדי תמיד. יחשוב כל אדם, שהוא בריה קטנה וכל הבריות שבעולם חברים לו, ואין ביד אחד מהם יכולת רק מה שנתן לו הבורא יתברך.

אידישען פאָלק קומען, האָט ער פריהער געוואָלט וויסן, ווייט פון דעם ארומיגען טומעלדיגען און וואכעדיגען לעבען, אין דער שטילער און ריינער אטמאָספערע פון די טיעפע וועלדער און ברייטע פעלדער, די אַלע אַלטע ווערטען, וואָס מען האָט איהם געלערנט, איבערערעווידירען און איבערשאצען, און פאָרמולירען געגוי פאַר זיך אַליין פריהער דעם אינהאַלט פון די נייע ווערטען, וועלכע זענען ביי איהם אין מארך און הארצען געבוירען געוואָרען.

ווארום אויב די גאַנצע שיטה פון בעל שם וועגען דעם, ווי אזוי מען בעדארף גאָט דיענען, אויב די אַלע שענע אין גרויסע געדאנקען זיינע וועגען די בעציהונגען, וואָס עקזיסטי־רען צווישען גאָט, מענש און לעבען, האָבען זייערע ערשטע בליטען אין מארך פון בעל שם נאָך אין די גאָר יונגע יאָה־רען זיינע ארויסגעגעבען, זיינען זיי אָבער ערשט אין די התבודדות - יאָהרען זיינע פאָלשטענדיג רייף און פאַרטיג געוואָרען.

ער האָט פריהער די אַלע נייע וועגען אויף וועלכע ע־האָט נאָכדעם זיינע אנהענגער געפיהרט, נאָר דורך אַ געבעל געזעהן. די אַלע גרויסע און שענע אמת׳ען, מיט וועלכע ער איז נאָכדעם צום אידישען פאָלק געקומען, זיינען נאָך ביי איהם דאַן נאָר ווייטע אהנונגען געוועזן. עס האָט בעדארפט פיעל צייט נעהמען, ביז זיי זאָלען זיך קענען פאָלשטענדיג קריס־טאַליזירען און פאָרמירען, ביז זיי זאָלען אויף זיך בלוט און פלייש ארויפציהען, און זאָלען זיך אין לעבעדיגע און קרעפ־טיגע געשטאַלטען פערוואַנדלען. עס האָט בעדארפט פיעל צייט נעהמען, ביז זיי זאָלען קענען אלע אין איין פעראייניג־טען סיסטעם זייער פאָלשטענדיגען אויסדרוק געפינען.

נאָך דעם וואָס ער אַליין האָט אויסגעפרובט אין די התבודדות־יאָהרען זיינע גאַנצע זיעבען יאָהר דעם אַלטען

וועג פון דיענען גאָט דורך סגופים און ענויים, אויף וועלכען עס זענען ביז איהם אַלע גרויסע און פרומע אידישע נשמות געגאַנגען, האָט ער זיך נאָכדעם פון דיזען וועג אָבגעזאָגט און האָט אַ נייעם וועג פּראָקלאַמירט.

ער איז צו זיין הייהל, אין וועלכער ער האָט די אַלע זיבען יאָהר התבודדות געפּראַוועט, מיט דיזעלבע כונות און אויף דעם זעלבען וועג געגאַנגען, אויף וועלכען עס איז דער ערשטער און גרעסטער העלד פון די אידישע מיסטעריען, רבי שמעון בן יוחאי, וועמען עס ווערט דער היילינער „זוהר" צוגעשריבען, צו זיין הייהל געגאַנגען, אין וועלכער ער האָט דרייצעהן יאָהר גאַנצע אין בדידות און סגופים פערבראַכט.

פערשיעדען זענען אָבער געווען די וועגען זייערע ווען זיי האָבען זייערע הייהלען פערלאָזט.

דעם ערשטען, ווען ער האָט זיין הייהל פערלאָזען, איז די גאַנצע וועלט נמאס און מאוס געווען. ער האָט דאַן אַ געוואַלדיגע שנאה און אַ ביטערען האַס צום לעבען געפּיהלט, און עס האָט פון איהם מיט טויט און פערניכטונג געוועהט. פון יעדער זאַך, אויף וועלכער ער האָט זיינע אויגען אָנגע־שטעלט, איז אַ באַרג ביינער געוואָרען, און האָט ער געזעהן, ווי מענשען אַקערען, זייהען און שניידען, האָט ער זיי מיט טויטע קללות געשאָלטען, אמאי זיי פאַרנאַכלעסיגען דאָס אייביגע לעבען, דעם למוד־התורה, און פאַרנעהמען זיך מיט אַ „חיי שעה".

אַנדערש איז דאָס אָבער מיט דעם בעל שם געווען.

ווען ער האָט פערלאָזען די הייהל, האָט ער די גאַנצע וועלט מיט אַ זוניגען שמייכעל אויף די ליפּען באַגעגענט, און עס האָבען זיך פון זיין מויל ברכות פאַר דעם לעבען גע־גאָסען, און ער האָט אין זיין האַרצען דעם גרויסען סוד צום אידישען פאָלק געטראָגען, אַז דער וועג פון דיענען גאָט

דורך סגופים און ענוים, דורך פייניגען דעם קערפער און פערנאכלעסיגען דעם חומר, אז דיזער וועג, וועלכער ווערט בעטראכט פון אידישען פאלק אלס דער העכסטער און בעסטער, אלס דער מעהר אנגעלעגטער פאר גאט, אז דיזער וועג, אויף וועלכען ער אליין איז אויך גאנצע זיבען יאהר געגאנגען, איז שקר בתכלית השקר און איז דערווידער כביכול —

און האט דאן דעם אידישען פאלק אויף זיין נייעם וועג אנגעוויזען —

אויף דעם וועג וואס פיהרט צו פרייד און לעבענס־געגוס.

---

ער האט געמוזט פיעל צייט אין התבודדות און אין קלעהרען און טראכטען פארברענגען, ביז עס איז פאר איהם פאלשטענדיג קלאר געווארען דער וועג אויף וועלכען ער זאל דאס אידישע פאלק פיהרען, ביז ער האט זיך פאר זיין שיטה אין עבודת־אלקים צו אט יענער שענער פארמולא דערטראכט, אז —

„דאס לעבען פון דער וועלט איז פאר זיך א תכלית און אז דער מענש וואס לעבט אין פרייד, טהוט דערמיט דעם ווילען פון בורא זיינעם".

אין די יאהרען פון זיין התבודדות און יחוד מיט דער נאטור האט ער די אלע טענער פון דער געטליכער סימפאניע, וואס ווערט פון יעדען בוים און פון יעדען גרעזעלע ארויסגעזונגען, אין זיין נשמה איינגעזאפט, און איז מיט זיי נאכדעם, וואס ער האט זיין הייהל פערלאזען, צו די מענשען פון זיין דור געקומען.

ער האט דערהערט דארטען דעם גרויסען שבח, וואס דער גאנצער יוניווערזום זינגט צום בורא עולם פאר דעם לעבען און עקזיסטענץ, וואס ער האט איהם געשאנקען, און

אויף זיין אייגען הארץ איז פון דעם אלעם איבערפיללט גע־וואָרען.

ער האָט דערשפּירט דאָרטען דעם גרויסען תענוג און די גרויסע נשמה־פרייד און די ליידענשאפטליכע ליעבע צום לעבען, וואָס הערשט איבעראל אין דער נאַטור און האָט דאָס אלעם אויך אין זיך איינגעזאפּט.

---

דער גרויסער „נסיון" האָט זיך אלזאָ געענדיגט. דער בעל שם האָט די שווערע פּראָבע אויסגעהאַלטען. די פיעלע יאָהרען פון פאַרבערייטען און פאַרפאַלקאָמען זיך זענען צו ענדע געקומען —

און דער בעל שם האָט באשלאָסען, אראָבצונעהמען די שלעסער פון די אלע רייכע אוצרות, וואָס ער האָט געטראָ־גען אין זיך, און לאָזען געניסען דער גאנצער אידישער וועלט פון דער גרויסער שפע וואָס האָט זיך געפונען דאָרטען.

עס איז דער גאַנצער קורס פון זיין ערציהען זיך אליין שוין צו ענדע געווען. עס איז דער מאָמענט געקומען, ווען דער בעל שם האָט דערפיהלט, אז ער האָט שוין אין אהבת השם, אין אהבת התורה און אין אהבת ישראל די העכסטע מדרגה דערגרייכט —

און ער האָט באשלאָסען דעם פערלאַנג פון הימעל נאָכ־צוגעבען —

די מאַסקע פון זיין שטראהלענדען געזיכט אראָבצונעה־מען און לאָזען דער וועלט דערזעהן דאָס גרויסע שכינה־ליכט וואָס האָט גערוהט אויף איהם.

עס איז דער גרויסער און גראַנ־דיעזער מאָמענט פון זיין התגלות געקומען.

## ו.

# די לעגענדע וועגען זיין התגלות.

דער עפּאָס ביי די אומות העולם וועגען די שעפּפער און רעפאָרמער פון זייערע רעליגיאָנען און דער אידישער עפּאָס וועגען אונזערע. — די צווייטע לעגענדע וועגען דעם התגלות־מאָמענט פון בעל־שם. — ר׳ גרשון קוטיווער זעהט דעם בעל־שם מיט א „זוהר" זיך ארומ־טראָגען. — דער עונש, וואס ער האט געהאט פאר זיין שנאה צו אידען־עמי־הארצים

אין די לעגענדאַרע ביאָגראַפיעס וועגען די אַלע גרויסע פּערזענליכקייטען, וואָס האָבען די אָדער יענע רעליגיאָן גע־שאַפען אָדער האָבען אויף איהר א טיעפען און שאַרפען שטעמפעל ארויפגעלעגט, ווערט מיט א שאַרפען שטריך אָנ־געצייכענט דער מאָמענט, ווען זייער „התגלות" איז פאָרגע־קומען, דער מאָמענט פון זייער לעבען, ווען זיי האָבען דעם ערשטען מאָל זייער „גלוי־שכינה" געהאָט.

דיעזער מאָמענט ווערט אין זיי געשילדערט ניט אלס ווייטערע און העכערע פאָרם, צו וועלכער דאָס גאַנצע פריי־הערינע לעבען זייערם — פון שעפּפער אויף דעם רעליגיעזען געביט — האָט געפיהרט, ניט אלס פאָרטזעצונג פון זייער ביז יעצטיגען לעבען, נאָר אלס אָן אָנהויב פון א גאַנץ נייע לעבען, אלס א נייע קאַפּיטעל, וואָס שטעהט ניט אין קיין צו־זאַמענהאַנג מיט די פריהעריגע קאַפּיטלען פון זייער לעבען. ער ווערט ניט אָט יענע אלע לעגענדען אלס עוואָלוציאָנערער אקט פון זייער לעבען אויפגענומען,

נאר אלס רעוואלוציאנערער. דער מאַ־מענט פון זייער התגלות, לויט ווי ער ווערט אין אַט יענע לע־גענדאַרע ביאָגראַפיעס געשילדערט, טראָגט אויף זיך אַ מין פּאַטאַלען האַראַקטער.

פּלוצלינג און אונערוואַרטעט דערפיהלען זיי אין זיך אַ געטליכען כח אַ גרויסען; פּלוצלינג און אונערוואַרטעט דערשפּירען זיי אַ נייעם „איך" אין זיך און אַ שטרעבונג אַ נייעם לעבען אָנצוהויבען; און פּלוצלינג און אונערוואַרטעט שניידען זיי אָב הינטער זיך די אַלע וועגען, אויף וועלכע זיי זענען ביז יעצט געגאַנגען, און לאָזען זיך אַוועק אויף דעם נייעם וועג, וואָס זיי האָבען אַט ערשט יעצט דערזעהן פאַר זיך, אויף דעם נייעם וועג, וואָס דער מאָמענט פון „התגלות" האָט פאַר זיי אָנגעצייכענט.

אַנדערש איז דאָס אָבער אין די לעגענדען, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געשאַפען וועגען די גרויסע פערזענליכ־קייטען זיינע, וועלכע האָבען זיך אויף דעם געביט פון דער אידישער רעליגיאָן אויסגעצייכענט.

דער מאָמענט פון „גלוי־שכינה" אין זייער לעבען איז ניט, לויט דיעזע לעגענדען, פון פאַטאַלען האַראַקטער.

שוין פון געבוירען אָן ווערט פאַר זיי זייער וועג אין לעבען אָנגעצייכענט. דער מאָמענט פון „גלוי־שכינה" קומט צוזאַמען מיט דעם טאָג פון זייער געבוירען. זייער גאַנצער לעבען איז איין גאָלדענע קעט. אין די אַלע פערשיעדענסטע מאָמענטען פון זייער לעבען שטעהען זיי אונטער דער השפּעה פון „רוח־הקודש" שטענדיג. שוין מיט דער גאַנצער טעטיג־קייט זייערער, וואָס זיי האָבען נאָך ביז דעם מאָמענט פון „התגלות" פּראַקטיצירט. האָבען זיי זייער גרויסע מיסיאָן אין לעבען געדיענט. שוין פון זייערע קינדערשע יאָהרען אָן זענען זיי אויף זייער אייגענעם און נייעם וועג געגאַנגען.

גאט׳ס־ווארט, וואס די גאנצע וועלט האט פון זיי נאך דעם מאמענט פון זייער „התגלות" דערהערט, איז אויך פרי־ הער אויף זייערע ליפען געלעגען און האט שטיל און בעשיי־ דען אומעטום זיין ברכה אין לעבען פערשפרייט.

זיי האבען דאס גרויסע געטליכע ליכט נאך פריהער אין זיך געטראגען. עס איז נאר פון דער וועלט בעהאלטען געווען. ביי זיי אין הארצען אבער האט עס שטענדיג געשיינט און געלויכטען און האט אויך פאר דער „התגלות" זייערער ליכ־ טיגע „רואה ואינו נראה" שטראהלען איבעראל פערשפרייט.

און אויב דער מאמענט פון זייער התגלות בעצייכענט דאך מיט זיך אין די לעגענדען וועגען זיי א נייע תקופה אין זייער לעבען, איז דאס נאר אויף אזוי פיעל, אויף ווי־ פיעל זיי האבען דאן די גרעסטע מדרגה אין זייער פערפאל־ קאמענעם זיך דערגרייכט, אויף וויפיעל עס האט זיך גע־ ענדיגט דאן דער לאנגער און שווערער וועג פון זייער ערצי־ הען און צוגרייטען זיך, זייער טעטיגקייט אין דער עפענט־ ליכקייט און אויף א גרויסען מאסשטאב אנצופיהרען, אבער ניט אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי זאלען ערשט אין דיע־ זען מאמענט זייער מיסיאן אין לעבען דערזעהן, אויף וויפיעל זיי זאלען אין דיעזען מאמענט ערשט די געטליכע „השפעה" אין זיך דערשפירען.

און דעריבער ווערט ניט אין דעם אידישען עפאס ווע־ גען די שעפפער און רעפארמער פון דער אידישער רעלי־ גיאן מיט זעהר שארפע שטריכען דער מאמענט פון זייער התגלות פאר דער וועלט אנגעצייכענט, און דעריבער ווערט ניט געניי און פינקטליך דער „ווען" און „וואו" פון דיעזען התגלות־מאמענט אין זייער לעבען אנגעוויזען, ווי עס ווערט אין עפאס פון די אנדערע פעלקער וועגען זייערע רעליגיאנס־ העלדען געטהון.

ווארום ער שטעלט מיט זיך דא ניט פאר אזא וויכטיגען און קאטאסטראפאלען ווענדונגס־פונקט אין זייער לעבען, ווי אין דעם לעבען פון די רעליגיאנס־העלדען פון אנדערע פעלקער. זיי זענען אויך פאר דער „התגלות“ זעהר גרויס און הייליג געווען. אין דיעזען מאמענט האבען זיי נאר דיא העכסטע מדרגה דערגרייכט, האט זייער מיסיאן אין לעבען איהר העכסטען „תקון“ אנגעהויבען צו בעקומען. זיי האבען אויך ביז זייער התגלות אנגעפיהרט די זעלבע טעטיגקייט, וואס זיי האבען נאך דעם מאמענט פון זייער התגלות אנ־געפיהרט. דער אונטערשיעד איז נאר אין דעם מאסשטאב און נאר אין דעם, וואס פריהער איז דיעזע טעטיגקייט נאר „בהסתר“ געווען און יעצט איז זי אין „נגלה“ איבערגאנגען.

און דאריבער געפינען מיר אויך ניט אין עפאס, וואס די אידישע לעגענדע האט וועגען דעם בעל שם געשאפען, גענויע דעטאלען און פינקטליכקייטען בנוגע דעם מאמענט פון זיין התגלות.

דאמאלט, ווען דער עפאס אין עהנליכע פעלע גיט אן גענוי די צייט און דעם פלאץ, ווען דער העלד זיינער האט אליין און די גאנצע וועלט מיט איהם צום ערשטען מאל דער־זעהן די גרויסע ליכט, וואס שטראהלט פון איהם ארוים, רעדט וועגען דעם אלעם דער אידישער עפאס, וואס איז וועגען בעל שם געשאפען געווארען, נאר אין אלגעמיינע שטריכען.

ניט נאר דערצעהלט אונז ניט די אידישע לעגענדע דעם יאהר און אין וועלכען חודש און אין וועלכען טאג איז די התגלות פון בעל שם פארגעקומען: זי ווייסט אפילו ניט אנצורופען דעם נאמען פון דער שטאדט, אין וועלכער דיע־זער גרויסער מאמענט פון דעם בעליעבטען העלד איהרען האט פאר זיך פלאץ געפונען.

דעם איינציגען דעטאל, וואס זי גיט אונז וועגען דעם

אַלעם איז דאָס, וואָס זי דערצעהלט אונז, אַז דער בעל שם טוב איז זעקס און דרייסיג יאָהר אַלט געווען, ווען ער האָט דעם „אור הגנוז“ זיינעם פאַר דער וועלט בעוויזען, ווען ער האָט פון זיך זיין מאַסקע אַראָבגענומען און האָט פריי און ברייט זיין מיסיאָן אין לעבען אָנגעהויבען דורכצופיהרען.

און פונקט ווי די ערשטע לעגענדע — די לעגענדע וועגען דער פסול'ער מזוזה — וועלכע איך האָב אין פאַר דעם לעצטען קאַפּיטעל איבערגעגעבען, פונקט ווי אַט יענע לעגענדע שילדערט אין שטילע און רוהיגע פאַרבען און אָהן דראַמאַטישע עפעקטען שטאַרקע דעם התגלות־מאָמענט פון בעל שם, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל פרעמדע מענשען זעהן געלאָזט דאָס גרויסע נשמה־ליכט, וואָס האָט אויף זיין פנים גערוהט, איז אויך די צווייטע לעגענדע וועגען דעם התגלות־מאָמענט פון בעל שם, פון שטילע און רוהיגע אָקאָר־דען צוזאַמענגעשטעלט.

אויך די צווייטע לעגענדע שילדערט ניט די התגלות פון בעל שם אַלס אַ שטורם און דראַנג מאָמענט, אַלס אַ מאָ־מענט פון קאַטאַסטראָפאַלען כאַראַקטער און פון אויסערגע־וועהנליך איבערראַשענדען אינהאַלט.

דער הויפּט־אינהאַלט, וואָס די צווייטע לעגענדע גיט אונז וועגען דעם התגלות־מאָמענט פון בעל־שם, בעשטעהט אין דעם, וואָס דער בעל שם האָט זיין פערבאָרגענע ליכט פאַר איינעם פון די גרעסטע גאונים פון זיין דור ענטפּלעקט און האָט איהם געצוואונגען, ער זאָל פאַר איהם ביז ד'ערד דעם קאָפּ זיינעם בויגען. דעם וויכטיגסטען אַקט אין דעם התגלות־מאָמענט זיינעם זעהט זיך אין דעם, וואָס אײ־נער פון די גרעסטע פאָרשטעהער פון דעם טראַדיציאָנעלען אידענטום, וואָס האָט אַלע זיינע יאָהרען נאָר אויף גמרא און פסוקים פער־

בראַכט, האָט געמוזט דעם קאָפּ זיינעם פאַר דער חסידות בויגען, אין דעם וואָס איינער פון די גרעסטע גאונים פון זיין דור האָט אַ גרויסע ליכט דערזעהן איבער דעם קאָפּ פון איינעם, וואָס האָט מיט גרויס דביקות „תהלים" געזאָגט, אין דעם, וואָס אַזאַ גרויסער למדן און גאון ווי דער קאַלאָמעער רב איז געווען, איז אין חלשות געפאַלען, ווייל ער האָט ניט געקענט זעהן די גרויסע ליכט, וואָס האָט איבער דעם קאָפּ פון בעל שם געשיינט.

---

דער רב פון קאַלאָמעא — דערצעהלט די צווייטע לעגענדע, וואָס מיר האָבען וועגען דעם התגלות מאָמענט פון בעל שם — איז אַרומגעפאָהרען איבער די דערפער מעות־חטים צו קלייבען.

אויף'ן וועג האָט ער פאַרבלאָנדזשעט און האָט זיך צו דעם הויז פון בעל שם צוגעשלאָגען. דער בעל שם איז אָבער דאַמאָלס אין הויז ניט געווען. ער האָט זיך דאַמאָלס אין זיין התבודדות שטיבעל געפונען.

האָט זיך דער רב מיט די פאָלגענדע ווערטער צו דער פרוי פון בעל שם געווענדעט:

אַ וואו איז דער בעל הבית ?

האָט זי איהם געענטפערט, אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען צום „מוכסן", העלפען איהם די בהמות זיינע אַנצוטרינקען.

ווען דער בעל שם איז אַהיים געקומען, האָט ער דעם רב משמש געווען און האָט איהם אַליין די בעט אויסגעבעט און האָט איהם וואַסער אין אַ כלי אויף צו וואַשען זיך אָנגע־גרייט און ער אַליין האָט זיך מיט זיין פרוי אין איין בעט געלעגט, ווי דער שטייגער פון די דאָרפס־לייט איז.

האַלבע נאַכט האָט זיך דער בעל שם טוב אויפגעכאַפּט

און האָט זיך הינטער'ן אויווען פאַרקליבען און האָט דאָרטען אין דער שטיל מיט זיין עבודת אלקים זיך באַשעפטיגט.

דערווייל האָט זיך דער רב פון שלאָף אויפגעכאַפּט א'ן האָט אַ שטאַרקע ליכטיגקייט אויף דעם הינטער־דעם־אויווען דערזעהן.

האָט ער געמיינט, אַז דאָס האָט זיך עס אַנגצונדען דאָס האָלץ וואָס איז דאָרטען געלעגען.

האָט ער גענומען די כלי מיט וואַסער, וואָס איז נעבען איהם געשטאַנען און איז געגאַנגען דאָס פייער אויסלעשען.

ווי איבעראַשט איז ער אָבער געוואָרען, ווען ער איז צום אויווען צוגעגאַנגען און האָט דערזעהן דעם בעל שם זיצען און אַ גרויס ליכטיגקייט שיינט ווי אַ בויגען איבער איהם.

דער רב איז אין חלשות געפאַלען און נאָכדעם ווי ער איז צו זיך געקומען, האָט ער דעם בעל שם געפרעגט:

ווער זענט איהר און ווי אַזוי איז דאָס מיט אייך געשעהן?

האָט איהם דער בעל שם דערויף געענטפערט:

— וואָס ווייס איך? איך ווייס גאָר ניט. איך האָב „תהלים" געזאָגט. אפשר האָב איך זיך אין השם יתברך מתדבק געווען און פון דעם איז דאָס גרויסע ליכט געוואָרען.

און פון דאַן און ווייטער — פערענדיגט די לעגענדע — פלעגט דער קאָלאָמעער רב יעדען מאָל פאָהרען צו איהם, ער זאָל פון איהם דברי תורה לערנען.

און יעדען מאָל ווען מען האָט פון קאָלאָמעער רב זיין נייע תורה געהאָרכט, פלעגט מען איהם פרעגען:

— וואו האָסט דו גענומען דאָס אַלעס?

און ער פלעגט דאַן ענטפערען:

— פון איינעם אַן אָרימאַן.

און פון דאַמאָלס אָן פלעגט ער יעדעס מאָל, ווען ער

פלעגט הערען ר' גרשון קוטיווער זידלען דעם שוואגער זיי־
נעם, זיך אנרופען צו איהם :

— לאזט איהם געמאך. ער איז מעהר חכם פאר אייך.

ער האט איהם אבער גאר ניט געזאגט וועגען אלעם
דעם, וואס ער האט שוין וועגען בעל שם געוואוסט.

דער בעל שם האט עס איהם פארבאטען.

און אזוי ארום איז אויך דאן, ווען די גרויסע ליכט
פון בעל שם האט אלץ העלער און גרעסער ארום און ארום
אנגעהויבען צו שיינען, האט נאך אלץ ר' גרשון פון גאר ניט
געוואוסט און גאר ניט געזעהן. ווי פריהער האט ער אויך
נאך יעצט אויף איהם ווי אויף א גרויסען עם הארץ און גאר
פראסטען נפש געקוקט. וואס מעהר גרעסערע מדריגות דער
בעל שם טוב האט דערגרייכט, וואס מעהר די ליכט זיינע
האט זיך אנגעהויבען ארויסצו־ווייזען, אלץ מעהר האט ער
איהם פעראכטעט און פערהאסט.

איינמאל — דערציילט אונז די פאלקס לעגענדע —
האט ער געזעהן דעם בעל שם א ספר טראגען. האט ער גע־
הייסען דעם בעל שם, ער זאל איהם ווייזען, וואס פאר א ספר
דאס איז. ער איז זיכער געווען, אז דאס איז איינער פון די
עברי־טייטש ספרים מיט וועלכע דער בעל שם פלעגט זיך אין
זיין — ר' גרשון'ס —אנוועזענהייט שטענדיג ארומטראגען.

דער בעל שם האט זיך געפרובט אויסדרעהען, ער זאל
ניט בעדארפען ווייזען דעם ספר דעם שוואגער זיינעם.

ר' גרשון איז אבער צוגעשטאנען צו איהם, ער זאל
איהם דוקא יא ווייזען.

האט ער איהם געוויזען.

און איהר קענט זיך פארשטעלען ווי גרויס זיין איבער־
ראשונג איז געווען, ווען ער האט דערזעהען דעם ספר
„הזוהר" פאר זיך —

און ער האָט דאָן די גאַנצע פּעראַכטונג זיינע צום בעל שם און די איבערראַשונג זיינע, וואָס ער האָט איהם געזעהן מיט אַ זוהר זיך אַרומטראָגען אין דער פאָלגענדער פראַזע אויסגעדריקט :

—דעם ספר הזוהר בעדאַרפסטו? נאָר דאָס פעהלט דיר?

עס איז זיין —- ר׳ גרשון׳ס — עונש געווען, ער זאָל זיין דער לעצטער נהנה צו זיין פון דעם „זיו השכינה“, וואָס האָט אויף דעם בעל שם גערוהט, דערפאַר וואָס ער האָט אַ טיעפען האַס און פעראַכטונג צו די אידישע עמי הארצים גע־פיהלט, ווי ער האָט עס אין זיינע בעציהונגען צום בעל שם אַרויסגעוויזען.

## יא.

# אין וואלד צווישען בוימער ווערט דער בעל שם אלס אידישער מנהג געקרוינט.

די דריטע לעגענדע וועגען בעל־שם׳ם התגלות. — אין וואלד צווישען די בוימער קרוינט א עדה אידען דעם בעל־שם אלס אידישען מנהיג. — מיט א נאכט פריהער איידער דער בעל שם איז נתגלה געווארען, האט מען איהם פון הימעל געלאזט וויסען, אז עס איז איהם שוין זעקס און דרייסיג יאהר געווארען—און עס איז שוין צייט, ער זאל פאר דער וועלט זיין גרויסקייט ווייזען.

מיט אביסעל מעהר פייערליכקייט, ווי די ערשטע צוויי, שילדערט אונז א דריטע לעגענדע די התגלות פון בעל שם, כאטש אין אלגעמיין האלט אויך זי אן דעם שטילען און „נאטירליכען" כאראקטער פון די ערשטע צוויי.

צו יענער צייט — דערציילט אונז דיזע לעגענדע — איז ביי א צופאל איינער פון ר׳ גרשון׳ס תלמידים אין דארף פון בעל שם פארפאהרען.

דער בעל שם האט איהם מיט גרויס כבוד אויפגענומען און האט איהם בעדיענט.

נאך׳ן עסען האט זיך דער תלמיד אנגערופען צו איהם:

— ישראל, דו זאלסט מיר די פערד אנגרייטען, כדי איך זאל קענען פאהרען באלד א היים.

דער בעל שם האט איהם די פערד געגעבען, און יענער האט זיי אין וואגען איינגעשפאנט:

איז דאַן דער בעל שם צו איהם צוגעשטאַנען, ער זאָל ביי איהם אויף שבת בלייבען.

האָט דיזע בקשה זיינע נאָר גרויס געלעכטער ביים תלמיד אַרויסגערופען. וואָרים דאָס אַלעס האָט איהם דינסטאָג געטראָפען. זיי האַלטען ביי דינסטאָג ערשט און ער בעט איהם ער זאָל ביי איהם שבת האַלטען, פּונקט ווי דאָס וואָלט פרייטאָג פאַר ליכט־בענטשען געווען.

דער תלמיד האָט זיך אַלזאָ אין וועג געלאָזט. ער איז אָבער נאָך קיין האַלבען מייל ניט אָבגעפאָהרען, ווי עס האָט זיך ביי איהם אַ ראָד צעבראָכען. האָט ער זיך צוריק צום בעל שם אומגעקעהרט, און האָט אַן אַנדער ראָד גענומען, און האָט זיך ווידער אין וועג געלאָזט.

ער איז ווידער אַמאָל קיין גאַנצען מייל ניט אָבגעפאָהרען, ווי עס האָט זיך ביי איהם ווידער עפּעס צובראָכען, און ער האָט נאָך אַמאָל אין דאָרף צום בעל שם זיך געמוזט אומקעהרען.

אַזוי האָט זיך מיט איהם די גאַנצע וואָך אַלע מאָל אַן אַנדער סיבה געטראָפען, און ער האָט זיך נאָך אַלץ פון דאָרף ניט געקענט אַרויסרייסען.

דער תלמיד איז אַלזאָ געצוואונגען געווען שבת צו האַלטען אין דאָרף.

האָט ער דערפון זעהר גרויסע יסורים געהאַט, וואָרים, „וואָס וועט ער דאָ מיט דעם דאָרפס־מאַן טאָן?"

דערווייל האָט דער ערב שבת געהאַלטען וואָס מעהר ביים פערשווינדען. עס איז שוין די צייט פון מנחה דאַוועגען געקומען, און דער בעל שם איז נאָך אַלץ אין דער היים ניט געווען.

— אַ וואו איז דער מאַן דיינער? — האָט דער תלמיד די פרוי פון בעל שם געפרעגט.

— ער איז אין פעלד מיט די שאף און רינדער — האט זי איהם געענטפערט.

האט ער זיך געשטעלט מנחה דאווענען. נאכהער האט ער מערב אבגעדאווענט, און דער בעל שם איז נאך אלץ ניט געקומען.

ערשט טיעף אין אבענד האט זיך דער בעל שם אין הויז אריינגעכאפט. ער האט זיך אויף א פשוט׳ען אופן אויפגעפיהרט און האט דעם אורח מיט „קדוש" מכבד געווען.

נאכהער האבען זיי זיך צום טיש עסען געזעצט אויף דעם זעלבען אופן, ווי אלע דארפס לייט זיצען מיט זייערע פאמיליען ביים עסען: דאס ווייב האט זיך נעבען איהם געזעצט.

דער אורח איז ווי אויף שפילקעס געזעסען און א שרעקליכער צער האט זיין הארץ גענאגט.

אין מיטען עסען האט איהם דער בעל שם געבעטען, ער זאל פאר איהם דברי תורה זאגען.

האט איהם ר׳ גרשון׳ס תלמיד דערציילט דעם אינהאלט פון דער סדרה „שמות" וואס איז דאמאלס געגאנגען.

ער האט איהם על דרך הפשט דערציילט וועגען גלות מצרים, וואס די אידען האבען דארטען פון פרעה׳ן געהאט אויסצושטעהן. וואס דען זאל ער אזא גראבען יונג דערציילען?

נאך׳ן עסען האבען זיי א געלעגער געמאכט פאר דעם אורח אין בעט ביים טיש.

און ער, דער בעל שם, האט זיך מיט זיין ווייב אויף איין געלעגער געלעגט.

האלבע נאכט האט זיך דער גאסט אויפגעכאפט און האט דערזעהן א גרויס פייער אויף דעם אויווען ברענען. איז ער צום אויווען צוגעלאפען, ווארים ער האט געמיינט, אז דאס האלץ האט זיך אנגעצונדען.

ווען ער איז אָבער גאָר נאָהענט צום אויווען צוגעגאַנגען, האָט ער דאָרטען אַ גרויסע ליכט דערזעהן. איז ער צו דער ערד געפאַלען און איז חלשות געבליבען.

דער בעל שם האָט איהם אָבגעמינטערט און האָט זיך אָנגערופען צו איהם:

— דו וואָלסט ניט געווען בעדאַרפט קוקען דאָרטען, וואו עס איז דיר ניט ערלויבט צו קוקען.

אין דער פריה איז דער בעל שם אוועקגעגאַנגען אין זיין התבודדות שטיבעל, דאַוונען דאָרטען, און איז צוריקגעקומען זעהר פרעהליך און אויפגעלעגט און האָט ארומגעשפּאַצירט היין און הער איבער'ן הויז. ער האָט אַ „סדר לסעודתא" געזונגען און האָט מיט געוואַלדיגער דביקות קידוש געמאַכט.

אויף יעצט האָט דער בעל שם אין מיטען עסען געבעטען דעם גאַסט זיינעם, ער זאָל פאַר איהם תורה זאָגען.

איז דער גאַסט זעהר מבולבל געוואָרען.

וואָס זאָל ער זאָגען פאַר איהם?

ער האָט שוין אַ פערר־אַכט געהאַט, אַז ער האָט דאָ אַ גרויסען פאַרבאָרגענעם צדיק פאַר זיך.

ענדליך האָט ער דאָך דעם פאַרלאַנג פון בעל שם נאָכגעגעבען און האָט פאַר איהם אַ „מאמר מיט פשט" געזאָגט.

האָט איהם דערויף דער בעל שם געענטפערט:

— איך האָב אַן אַנדער פירוש אויף דעם דאָזיגען מאמר געהאַרכט. — ניט מעהר אַ וואָרט אָבער.

נאָך דער סעודה איז דער בעל שם ווידער אין זיין התבודדות שטיבעל אוועק.

נאָך מנחה איז ער שוין מיט זיין ה ת ג ל ו ת געקומען, און האָט פיעל תורה ביים טיש געזאָגט. ער האָט פאַר דעם גאַסט פיעלע „רזין דאורייתא" מגלה געווען, וואָס קיין אויער האָט נאָך קיין מאָל עטוואָס עהנליכעס ניט געהאַרכט.

נאך הבדלה האט ער אויף איהם גוזר געווען, ער זאל וועגען דעם אלעם גאר ניט דערציילען דעם שוואגער זיינעם.

ער האט איהם אבער געהייסען געהן צו די גרויסע חסידים פון שטאדט און אויך צום רב פון דער קהלה, און זאל צו זיי זאגען בזה הלשון:

„א גרויסע ליכט שיינט ארום אייערע מקומות. עס וואלט כדאי געווען, איהר זאלט געהן די גרויסע ליכט אויפזוכען און זי ברענגען אין שטאדט אריין".

דער גאסט איז זיך א היים געפאהרען און האט איבערגעגעבען אלעס, וואס ער האט געזעהן און געהארכט.

און ווען די חסידים און דער רב האבען דאס אלעם געהערט, האבען זיי אלע בעשלאסען, אז דער בעל שם איז דאס גרויסע ליכט. זיי האבען זיך אויך דערמאנט אין דעם גאנצען וואונדערבארען און אונפערשטענדליכען אויפפיהרען זיינעם ב ז איצט, וואס האט נאר דורך דעם געקענט פארענטפערט ווערען, מען זאל איהם ווירקליך פאר א גרויסען צדיק האלטען.

האבען זיי זיך אלע צו איהם אין דארף אוועקגעלאזט, בעטען איהם, ער זאל אין שטאדט קומען.

דער בעל שם וואס האט דאס אלעס נאך פריהער פארויסגעזעהען, האט ניט געווארט ביז זיי וועלען אין דארף קומען:

ער האט זיך אין שטאדט אוועקגעלאזט.

און ווען זיי האבען זיך צוזאמענגעטראפען, זיינען זיי אלע אויף איין פלאץ אראבגעגאנגען, און האבען אין וואלד א שטוהל פון צווייגען פון בוימער געמאכט.

זיי האבען דעם בעל שם אויף דער שטוהל אוועקגעזעצט און האבען איהם דארטען פאר זייער רב בעשטימט.

אין וואלד, א וואו ער האט אזוי פיעל יאהרען אין התבודדות און אין יחוד מיט דער נאטור פארבראכט, אוואו ער האט זיך אזוי פיעל יאהרען צוגעגרייט צו זיין גרויסער ראלע, וואס ער האט באדארפט אין אידישען לעבען שפיעלען. האט ער דעם טראהן פון זיין אמנהינג איבער דעם אידישען פאלק באשטיגען. אין דער שענער און ריינער אטמאספערע פון דער מוטער־נאטור, מיט וועלכער ער האט זיך אזוי צוזאמענגעגאסען געפיהלט, איז ער אלס לעהרער און וועג־ווייזער פון אידישען פאלק געקרוינט געווארען.

וואס פאר א מערקווירדיגען טיעפען זינן די לעגענדע פון א פאלק פערמאגט אמאל פאר הארמאניע און שענקייט, ווען זי פלעכט די בלומען־קראנצען פאר די בעליעבטע העל־דען איהרע.

---

נאר אין איין לעגענדע ווערט יא באצייכענט דער פלאץ, אוואו דער בעל שם איז נתגלה געווארען. דיזע לעגענדע גיט אן אלס דיזען פלאץ, די שטאדט טלוסט אין גאליציען.

און עס איז ווירקליך א גענוגענדער גרונד פאראן די באהויפטונג פון דיזער לעגענדע אלס א פאקט אנצונעמען. ווארים אין די ערשטע יאהרען פון זיין התגלות פלעגט מען איהם איבעראל „דער בעל שם טוב פון טלוסט" רופען.

לויט דיזע לעגענדע דערציילט אונז, איז ער דאמאלס א מלמד אין טלוסט געווען.

יעדען טאג — דערציילט אונז ווייטער די לעגענדע וועגען זיין התנהגות צו יענער צייט — פלעגט ער פאר׳ן דאווגען אין מקוה געהן. ער האט קיין איין טאג אפילו, אין די קאלטע תקופת־טבת־טעג זאגאר, קיינמאל ניט דורכ־געלאזט.

און דאָס דאַווגען זיינס פלעגט זיין מיט גוואַלדיגער דביקות און גוואַלדיגער התלהבות, אַזוי, אַז „בשעת׳ן דאַווגען פלעגען פון איהם טראָפּען שווייס, גרויס ווי באָב, פאַלען״. מראַ׳ן דעם וואָס אַט ערשט אין שטאַרקען פראָסט פון דער אייז־קאַלטער מקוה געקומען.

ער איז זעהר אָרים געווען, און די פינגער פון די פיס פלעגען פון די לעכער אין די שיך זיך אַרויסזעהן.

מען האָט איהם פאַר אַ הייליגען מענשען באַטראַכט, און אַלערליי קראַנקע פלעגט מען ברענגען צו איהם, ער זאָל זיי היילען, ער פלעגט אָבער קיינמאָל אויף זייערע בקשות ניט ענטפערען.

איינמאָל אָבער ביינאַכט, האָט מען איהם פון הימעל מודיע געווען, „אַז עס איז איהם זעקס און דרייסיג יאָהר געוואָרען און עס איז שוין געקומען די צייט ער זאָל נתגלה ווערען״.

אין דער פריה האָט ער אויסגערעכענט זיינע יאָהרען, און האָט אויסגעפונען, אַז עס איז איהם די נאַכט ווירקליך זעקס און דרייסיג יאָהר געוואָרען.

האָט ער דאַן געהייסען אַריינפיהרען דעם משוגענעם, וואָס מען האָט צו איהם יענעם פריהמאָרגען געבראַכט, און האָט איהם פאַלקאָם געזונד געמאַכט.

און פון דאַמאָלס אָן האָט ער דאָס מלמדות אויפגעגעבען, און איז אַ בעל שם געוואָרען.

# רב ישראל בעל-שם-טוב

## זיין לעבען, לעהרע און ווירקען

פון ש. צ. זעצער

*Copyright 1919,*
*by*
*Samuel H. Setzer*

פאַרלאַג
„פייערבערג“

# צווייטעס בוך

## לעהרער, חבר און פיהרער

## א.

# די אידישע מיסטיק אין שפּאַניען און אין פּוילען.

דאַס בליהען און וואַקסען פון די אידישע קבלה אין שפּאַניען.—אַ קורצע פעריאָד יאָהרען פאַר דעם גלות־שפּאַניען האָבען זיך אויף דעם פעלד פון אידישען מיסטיציזם אין שפּאַניען סימנים פון דעקאַדאַנץ אָנגעהויבען צו בעווייזען. — אין אָנהויב פון פיערטען יאָהרהונ־דערט האָט די אידישע קבלה אָנגעהויבען אַ נעסט פאַר זיך אין פוילען בויען. — דער אונטערשיעד פון דער קבלה אין שפּאַניען און דער קבלה אין פוילען און אין רוסלאַנד.

איידער איך געה אָבער איבער צו דעם צווייטען פּע־ריאָד אין בעל שם׳ס לעבען, מוז איך פריהער ווידמען אַ פּאָר קאַפּיטלען אין וועלכע איך וועל אין אַלגעמיינע שטריכען שילדערן דעם גייסטיגען צושטאַנד פון די אידען אין פּוי־לען, גאַליציען און פּאַדאָליען אין דער עפּאָכע, אין וועלכער דער בעל שם האָט געלעבט און געווירקט, און אין אַ פּאָר פּעריאָדען ־ יאָהרען פריהער.

איך מוז אין אַלגעמיינע שטריכען רעדען פריהער וועגען דעם פּלאַץ, וואָס די „קבלה מעשית,״ די פּראַקטישע קבלה, האָט צו יענער צייט אין אידישען לעבען פאַרנומען, און שילדערן די טעטיגקייט פון די האַרציגע פּערזענליכקיי־טען, וואָס האָבען זיך דאָ און דאָרטען אין יענע פּלעצער געפונען און וועלכע זיינען פון פאָלק מיט דעם נאָמען „בעל שם“ געקרוינט געוואָרען.

דאָס אַלעס וועט געבען דעם לעזער די מעגליכקייט צו

פערשטעהן, פאר וואס עם האט זיך אויסגעגאסען די טעטיג־קייט פון בעל שם אין די ערשטע מאמענטען פון נאך זיין „התגלות“ אין אט יענע פארמען, אין וועלכע זי איז פאר אונז ארויסגעטראטען דאמאלס.

דאס אלעס וועט געבען דעם לעזער די מעגליכקייט, צו זעהן און פיהלען דעם געוואלדיג גרויסען אונטערשיעד צווי־שען ר׳ ישראל בעל שם און די אלע איבעריגע הארציגע אי־דישע פערזענליכקייטען, וואס האבען אין זיין צייט און נאך פריהער זייער טעטיגקייט צווישען פאלק אונטער דעם נא־מען „בעל שם“ אנגעפיהרט.

דאס אלעס איז נויטיג, כדי מיר זאלען קענען מיט שאר־פע און רעליעפע ליניען אבגרעניצען די וועגען, אויף וועלכע עס זענען געגאנגען די אנדערע, וואס האבען זיך מיט דעם נאמען „בעל שם“ גערופען, פון די וועגען, אויף וועלכע דער בעל שם טוב איז געגאנגען.

כדי מיר זאלען קענען מיט שארפע און רעליעפע ליניען אבגרעניצען די וועגען, אויף וועלכע אויך ער אליין איז אין די ערשטע יאהרען פון זיין התגלות געגאנגען, און וועלכע האבען זיך דא און דארטען מיט די וועגען פון זיינע חברים אין איינינע פונקטען צוזאמענגעגאסען, פון דעם וועג, אויף וועלכען ער האט זיך עטליכע יאהר נאך זיין התגלות אוועק־געלאזט און איז שוין גאר אינגאנצען אויסשליסליך זיין איי־גענער געווען.

---

שפאניען איז א פרוכטבארער באדען געווען ניט נאר פאר דער אידישער רעליגיאנ׳ס־פילאזאפיע, נאר אויך פאר דער אידישער מיסטיק.

די דריי יאהרהונדערטע בעפאר דעם גלות־שפאניען,

וואָס איז פאָרגעקומען ענדע דעם פינפצעהנטען יאָהרהונ־דערט, זענען די תקופת־הזהב, די גאָלדענע עפּאָכע, פון דער אידישער קבלה געווען.

די פערשיעדענע אונבעדייטענדע קערענדעלעך פון דער אידישער רעליגיאָנ'ס־פילאָזאָפיע, וועלכע זענען פון פער־שיעדענע לענדער אין שפּאַניען פערטראָגען געוואָרען, און זע־נען דאָרטען אויף דעם אידישען באָדען פערזייהט געוואָרען, האָבען פון זיך דאָרטען א מעכטיגע און שענע זריעה ארויס־געגעבען. אפשר האָט די אידישע רעליגיאָנ'ס־פילאָזאָפיע שוין אויך ביז דאַן איהר סקעלעט פערמאָגט. ערשט אין שפּאַניען אָבער האָט דער סקעלעט אויף זיך בלוט און פלייש ארויפגע־צויגען. די אידישע רעליגיאָנ'ס־פילאָזאָפיע האָט דאָרטען אלע איהרע פעריאָדען פון בליהען און וואַקסען דורכגעמאַכט.

דאָס אלעס, וואָס איז ביז דאַן געווען אויף דעם געביעט פון דער אידישער רעליגיאָנ'ס־פילאָזאָפיע, קען ווירקליך נאָר אלס הקדמה, אלס אָנפאַנג בעטראַכט ווערען. דער רעכטער עיקר טעקסט האָט ערשט אין שפּאַניען אָנגעהויבען געשאַפען צו ווערען. פריהער זענען נאָר איינציגע בעזונדער שטעהענדע קאַפּיטלען געווען. עס האָבען עקזיסטירט אויף דעם געביעט איינציגע אנשויאונגען, מיינונגען און קאָנצעפּציאָנען, וואָס זענען דאָס אינדיווידועלע אייגענטום פון געצעהלטע יחידי סגולה געווען. זיי זענען אָבער ניט געווען דאָס נאַציאָנאַלע אייגענטום פון אידישען פאָלק. ערשט אין שפּאַניען האָט די אידישע רעליגיאָנ'ס־פילאָזאָפיע דערגרייכט אָט יענע הויכע מדרגה, זי זאָל שוין קענען אלס שיטה בעטראַכט ווערען. ערשט דאָרטען איז די אידישע רעליגיאָנ'ס־פילאָזאָפיע ארויס־גענומען געוואָרען פון רשות פון די יחידי־סגולה און איז אין רשות פון גאַנצען אידישען פאָלק געשטעלט געוואָרען. ערשט דאַן איז זי געוואָרען דאָס נאַציאָנאַלע אייגענטום פון אידי־

שען פאָלק, דער ביישטראָג אין דער אַלגעמיינער קולטור, וואָס האָט אויף זיין חשבון בעדאַרפט פערשריבען ווערען.

עס זענען ביז דאַן אויף דעם געביעט פון דער אידישער רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע נאָר בליטען געווען, און ערשט אין שפּאַניען זענען זיך די בליטען אין א מעכטיגען בוים צע־וואַקסען.

און דאָס אייגענע איז אויך אין בעצוג צו דער אידישער מיסטיק.

אויף די אידישע קבלה האָט ביז דאַן — העכסטענס — נאָר איהר סקעלעט פערמאָגט, און ערשט אין שפּאַניען האָט דער סקעלעט בלוט און פלייש אויף זיך ארויפגעצויגען.

אויך די אידישע קבלה האָט די אַלע פעריאָדען פון איהר שענעם בליהען און וואַקסען אין שפּאַניען דורכגעמאַכט.

ניט ווייניגער — אויב ניט נאָך מעהר — ווי אין בעצוג צו דער אידישער רעליגיאָנ׳ס־פילאָזאָפיע, קענען מיר אין בעצוג צו דער אידישער מיסטיק זאָגען, אז אַלעס, וואָס איז ביז דאַן געווען אין אידענטום אויף דיעזען געביעט, בעדאַרף עס ניט מעהר, ווי נאָר אַלס א אָנפאַנג, ווי נאָר אַלס אַן הקדמה בעטראַכט ווערען: דער רעכטער עיקר טעקסט אָבער האָט ערשט אין שפּאַניען אָנגעהויבען געשאַפען צו ווערען. די מיסטישע בליטען, וואָס זענען ביז דאַמאָלס אין אידענטום געווען, האָבען זיך אין שפּאַניען אין א שענעם און מעכטיגען מיסטישען בוים צעוואַקסען.

די פערשיעדענע אונבעדייטענדע מיסטישע קערענד־לעך, וועלכע זענען פון פערשיעדענע לענדער אין שפּאַניען פערטראָגען געוואָרען, און זענען דאָרט אויף דעם אידישען באָדען פערזייהט געוואָרען, האָבען פון זיך דאָרטען א מעכ־טיגע און שענע זריעה ארויסגעגעבען.

דאָס קלאַסישסטע בוך אין אידישען מיסטיציזם, דער

גראַנדיעזער און קאָלאָסאַלער „זוהר," אַט יענער ברייטער און טיפער מיסטישער ים, פון וועלכען עס רייסען זיך ביז צו דער העכסטער הויך וועלען שטאַרקע פון מענשליכער פאַנטאַזיע און מענשליכער שווערמעריי, אַט יענער גרויסער און מעכטיגער קוואַל, פון וועלכען עס האָבען אַלע גרעסערע און קלענערע מקובלים געטרונקען, איז אויך דעם באָדען פון שפּאַניען געשאַפען געוואָרען.

ער איז דער פּראָדוקט פון דעם העכסטען גליק און פרייהייט, פון וועלכע די אידען אין שפּאַניען האָבען אין משך פון פיעלע הונדערטע יאָהרען גענאָסען.

און עס איז שפּאַניען געווען אוואו עס זענען געשאַפען געוואָרען אויך די אַלע אנדערע קלאַסישע קבלה־ספרים, וועלכע זענען פון גרויס ווערט און בעדייטונג.

א גאַנצע רייהע פון מיסטישע נשמות און שווערמער גרויסע האָבען דאָרטען אין א משך פון פיעלע דורות דעם גאָרטען פון אידישען מיסטיציזם בעארבייט און יעדער איינער האָט אין איהם שענע און פּראַכטפאַלע נשמה־בלומען פערפלאַנצט. דאָרטען איז דער אידישער מיסטיציזם צו א פערענדיגטער און אויסגעהאַלטענער שיטה דערהויבען געוואָרען, צו א פערענדיגטער און אויסגעהאַלטענער שיטה, וועלכע האָט אין זיך וועלטען גאַנצע פון טיעפען און שענעם פּאָעטישען און פילאָזאָפישען אינהאַלט פערמאָגט.

---

אַט אזוי האָט אין א משך פון דריי הונדערט יאָהר גאַנצע די אידישע קבלה אין שפּאַניען געבליהט.

אין דעם לעצטען פעריאָד יאָהרען אָבער האָבען זיך סימנים פון דעקאַדאַנס אָנגעהויבען צו בעווייזען.

און עס איז שווער צו זאָגען, צי דאָס איז נאָר א צייטווייליגע ערשיינונג, אָדער זיי האָבען מיט זיך בעציי־

כענט אַן אָנהויב פון אַ פּראָצעס, וואָס האָט בעדאַרפט אַלץ מעהר און מעהר באַרג אַראָב דעם אידישען מיסטיציזם פיה־רען.

עס איז שווער אַ בעשטימטע בעהויפּטונג וועגען דעם צו מאַכען —

ווארום באַלד איז דער גרויסער אומגליק אויף דעם שפּאַנישען אידענטום געקומען, דער שרעקליכער גרוש שפּאַ־ניען, און די זאַלע טעמפּלען שענע פאר תורה און חכמה, וואָס די אידען אין שפּאַניען האָבען פערמאָגט, זענען, צוזאַמען מיט דעם שענעם גאָרטען פון אידישען מיסטיציזם, וואָס האָט געבליהט דאָרטען, אין חורבות פערוואַנדעלט געוואָרען. צו־זאַמען מיט דעם שפּאַנישען אידענטום האָבען זיי אויך דאָן גלות געמוזט אָבריכטען.

---

און סאַמע אין יענער צייט, ווען עס האָבען זיך אין אידי־שען מיסטיציזם פון שפּאַנישען אידענטום סימנים פון דע־קאַדאַנס אָנגעהויבען צו בעווייזען, האָט די אידישע קבלה אָנגעהויבען אַ נעסט פאַר זיך צו בויען אין פּוילען און אין רוסלאַנד.

און שוין אין אָנהויב פון פיערטען יאָהרהונדערט לאלף הששי האָבען זיך שוין גאָר בעמערקבאַר איהרע ערשטע שפּראָצונגען אָנגעהויבען צו זעהן. זי האָט שוין דאַן פיעלע אָנהענגער געהאַט. עס האָבען זיך שוין פיעלע, פיעלע אין פּוילישען אידענטום געפונען, וועלכע האָבען זייער גאַנצע צייט דעם למוד־הקבלה אוועקגעגעבען.

בעלי בתים — קלאָגט זיך דער רמ"א אין זיין „תורת־העולה," — וואָס ווייסען ניט בין ימינם לשמאלם, וואָס טאַ־פּען אין דער פינסטער און זענען ניט אימשטאַנד אפילו אַ

פרשה אדער א סדרה חומש מיט רש"י אבצולערנען, רייסען זיך אויף קבלה צו לערנען.

זעהר פיעל האט אויף דער גרוש שפאניען מיטגעווירקט די קבלה זאל זיך, וואס מעהר און מעהר צווישען די ברייטע שיכטען פון פוילישען אידענט'ם פערשפרייטען. זי איז מיט די אידישע עמיגראנטען, צווישען וועלכע עס האבען זיך פיע־לע בעלי־קבלה געפונען, אהין געקומען.

עס איז אבער א גרויסער אונטערשיעד געווען צווישען דער קבלה, וואס האט דאן פאר זיך פלאץ אין פוילען און אין רוסלאנד געפונען, און צווישען דער קבלה, וואס האט אין איהרע בעסטע יאהרען אין שפאניען געבליהט.

פוילען האט ניט איבערגענומען אט יענע שענע און טיעפע עלמענטען, וואס האבען זיך אין שפאניש־אידישען מיסטיציזם געפונען, ווען ער איז נאך בימי גדלותו געווען. דער אידישער מיסטיציזם איז קיין פוילען אין זיינע דקעא־דאנס־פארמען איבערגעגאנגען.

די קבלה, וואס איז אממעהרסטען פערשפרייט געווען אין פוילען, איז געווען די קבלת־האר"י, די גרעסטע פאר־שטעהער פון וועלכער עס זענען דארטען געווען צו ענדע פון פיערטען יאהרהונדערט די צוויי גרויסע מקובלים, דער בעל השל"ה, ר' ישעיהו איש הארוויץ, און ר' נפתלי כ"ץ. זיי הא־בען זייער לעבען אוועקגעגעבען א ברייטען און פרייען פלאץ אין לעבען פון פוילישען אידענטום פאר איהר צו שאפען.

און אויך די קבלת האר"י איז ניט אינגאנצען, ווי זי איז, פון פוילישען אידענטום אנגענומען געווארען.

דער שווערער טייל איהרער, דער טעארעטישער, וועל־כער פערמאגט א בעדייטענדען פילאזאפישען עלעמענט, די „קבלה העיונית," האט פאר זיך קיין וועג ניט געקענט דורכ־שלאגען. די, וואס האבען זיך מיט דעם למוד הקבלה אבגע־

געבען, האבען זיך מייסטענס נאר מיט דער „קבלה מעשית," מיט דער פראקטישער קבלה בעשעפטיגט. דער הויפט אינ־האלט פון וועלכער איז בעשטאנען אין „סגופים," אין אנט־לויפען פון לעבען, פון פערגניגען זיך אבזאגען, אין „השבעות" פערשיעדענע מאכען און אין „קמיעות" שרייבען.

און אויב עס איז פיעל אמת פערהאן אין דער בעהויפ־טונג, אז צווישען דער חכמת־הפלוסופיא און דער חכמת־הקבלה איז קיין אונטערשיעד פערהאן, ווארום זיי רעדען נאר אין פערשידענע שפראכען, ווארום דער אונטערשיעד צווישען די חכמי הקבלה און די חכמי הפלוסופיא איז נאר אין דער טערמינאלאגיע אליין, מיט וועלכער זיי בענוצען זיך: די אפערירען מיט די טערמינען „ספירות" און „שמות" און די מיט די טערמינען „תוארים" און „פעולות" —

אויב עס איז פיעל אמת פערהאן אין דיזער בעהויפטונג, בעציהט זי זיך נאר אויף דער קלאסישער קבלה, וואס האט אין שפאניען געבליהט, ווארום זי האט ווירקליך פיעל טיע־פען פילאזאפישען אינהאלט פערמאגט אין זיך, אבער ניט אויף דער קבלה פון פוילישען אידענטום אין אט יענער תקופה, וועגען וועלכער מיר האבען אויבען גערעדט, אויף דער קבלה פון יענעם פעריאד יאהרען, וועלכע האט קיין פילאזאפישען שוואונג אין זיך ניט פערמאגט און האט זיך מעהר מיט אבער־גלויבען און קרענקליכער שווערמערי, ווי מיט פילאזאפיע און פאעטישער פאנטאזיע, געשפייזט.

## ב.

# די אידישע מיסטיקער צווישען דער פאַריזער קריסטליכער אַריסטאָקראַטיע.

די קבלה מעשית אין פאַראַליען.—דער איינפלוס פון איינינע אידישע בעלי־שם'ען אויף דער הויכער פאַריזער קריסטליכער אַריסטאָקראַטיע. — די פאַריזער קעניגין ווענדעט זיך צו איינעם פון זיי, ער זאָל זי מיט אַ זרע של קיימא בענשען. — דער אונטערשיעד צווישען די בעלי־שם'ען אין פוילען און די בעלי־שם'ען אין פאַראַליען.

אַט אַזוי האָט זיך די קבלה מעשית וואָס ווייטער און ווייטער אַלץ מעהר און מעהר פערשפרייט אין פוילען און רוסלאַנד. דער צענטער איהרער איז געווען אין פאַלעסטינאַ, אַוואו עס האָט עקזיסטירט די לוריאַנער שולע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פון האר"י הקדוש און זיינע תלמידים, און האָט נאָך מעהר לעבענס־זאַפטען און שאַפענדע ענערגיע צוגעקראָגען דורך די מקובלים־עמיגראַנטען, וואָס האָבען אין דער בעגלייטונג פון חיים מלאך און יהודה חסיד קיין פאַלעסטינאַ עמיגרירט.

און פון דאָרטען האָט זיך איהר השפעה געצויגען אין די אַלע אידישע ישובים, וואָס האָבען זיך אין פוילען און איהרע גרעניצען געפונען.

און אַ דאַנק דעם וואָס די קבלה מעשית האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר צווישען דעם אידישען ישוב אין פוילען און רוסלאַנד פערשפרייט, האָבען זיך דאָן אַט יענע פערזענליכקייטען אָנגעהויבען צו באַווייזען אין דער אידישער

וועלט, וועלכע דאָס פאָלק האָט מיט דעם נאָמען „בעל שם“ געקרוינט.

דיזע הארציגע פערזענליכקייטען האָבען ניט נאָר פאַר זיך אין זייערע אָבגעשלאָסענע ד׳ אמות מיט דער קבלה מעשית זיך בעשעפטיגט. זיי זיינען טעטיגע נאַטורען געווען און האָבען אַ ברייטען פעלד פאַר זייער טעטיגקייט בע־דאַרפט. זיי זיינען אונרוהיגע גייסטער געווען, האָבען זיי פון שטאָדט צו שטאָדט געוואַנדערט און איבעראַל זייער ענערגיע אויסגעבראכט. זיי האָבען פיעל הארציגקייט און טיעפען מיטלייד צו זייערע מיטמענשען פערמאָגט, זיינען זיי צו די ברייטע שיכטען פון פאָלק געגאַנגען און האָבען מיט זיך פאַר זיי זייער הילף געבראכט. דאָס פאָלק פלעגט זיך צו זיי מיט גוואַלדיג גרויסען רעספעקט בעציהען. זיי האָבען אויף זיי, ווי אויף געטליכע מענשען געקוקט און האָבען געגלויבט אַז זיי זיינען בכח נסים און וואונדער צו ווייזען.

אין יעדער עת צרה און אין יעדער פערלעגענהייט פלעגען זיי זיך צו די בעלי שם׳ן ווענדען.

זיי פלעגען זיך ווענדען צו זיי, זיי זאָלען זייערע קראַנקע היילען, זייערע סכסוכים שליכטען און זיי גאָט׳ס וואָרט לאָזען הערען.

וואו עס איז נאָר אַ גרויסער אידישער ישוב געווען, האָבען זיך דאָרטען בעלי שם׳ן געפונען.

אפילו אין לאָנדאָן האָבען זיי זיך געפונען און פון דאָרטען פלעגען זיי אויך איבער פאַריז זייער איינפלוס אויסאיבען.

און ניט נאָר צווישען די אידישע מאַסען האָט מען אויף די בעל שם׳ן ווי אויף געטליכע מענשען געקוקט. צו פיעלע פון זיי האָט זיך אויך די העכערע קריסטליכע גע־

זעלשאפט מיט גוואלדיגער עהרעפורכט בעצויגען און זיי האבען אויף איהר א גוואלדיגען איינפלוס אויסגעאיבט.

אט אזוי ווערט אונז דערציילט וועגען איינעם א לאנדאנער בעל שם וואס איז געקומען פון לאנדאן קיין פאריז אויף „גאסטראלען". ער האט זיך דארטען אין דער אנוועזענהייט פון די פיעלע פון די גרעסטע קריסטליכע אדעללייטע פוןביידע געשלעכטען מיט קבלה מעשית און השבעות בעשעפטיגט און האט א גוואלדיג שטארקען איינדרוק אויף דער פאריזער העכערער געזעלשאפט נאך זיך איבערגעלאזט.

די מארקיזעס פלעגען זיך אונטער זיין איינפלוס מיט דעם שטודיום פון דער ביבעל פערנעהמען, און פלעגען מלאכים און גייסטער זעהן און פערברענגען מיט זיי. אין א משך פון א קורצער צייט זיינען זיי שוין אויף אזוי פיעל „בעהאוועגט" געווארען אין דער „מלאכה" פון מלאכים און גייסטער ארויסרופען, אז זיי זיינען שוין געווען אימשטאנד צווישען „גוטע" און „בייזע" אונטערצושיידען, און ווען זיי האבען געזעהן, אז דאס האבען די חברה פון דער „סטרא אחרא" א וויזיט זיי אבגעשטאטעט, פלעגען זיי זיי פערטרייבען פון זיך. זיי פלעגען אויך ביי זיך ספרי־קבלה האלטען.

איינער פון די וואס האבען זיך אין יענעם דור מיט קבלה מעשית בעשעפטיגט און האט א גוואלדיגען איינפלוס אויסגעאיבט אויף פיעלע קריסטליכע אריסטאקראטען, וועלכע האבען איהם אלס איש אלקים באטראכט, איז אויך געווען דער גרויסער גאון און מקובל ר' חיים יוסף דוד אזולאי דער הרב חיד"א.

ער האט צווישען די גרעסטע פערזענליכקייטען פון פאריז א גרויסען נאמען געהאט און זיי פלעגען איהם אלע

מיט אמת'ער יראת־הרוממות מקרב זיין. די קריסטען פלע־
גען איהם אויף זייערע „פארטיעס" איינלאדען און אין
קארעטען ארומפיהרען און מיט מתנות איהם פארווארפען.
די פרויען פון די גרעסטע אריסטאקראטען, מארקיזעס און
פיעלע פון די הויף־דאמען פלעגען זיין געזעלשאפט זוכען,
פלעגען מיט איהם וועגען עניני־קבלה און מופתים שמועסען
און זיין ברכה בעטען.

איבעראל, אוואו ער איז געקומען, פלעגט מען איהם
אלס א געטליכען מאן בעטראכטען, און פיעלע פלעגען זיך
ווענדען צו איהם ער זאל זיי בענשען, זייערע לאטערעע
בילעטען זאלען געווינען און אז גאט זאל זיי א זרע של
קימא געבען.

זיין איינפלוס אויף פיעלע פון די קריסטליכע אריס־
טאקראטען איז אזוי גרויס געווען, זייער גלויבען אין איהם
איז אזוי שטארק געווען אז זיי האבען א שרעק געפיהלט,
אין זיין אנוועזענהייט אלס קריסטען צו פיגורירען. פלעגען
זיי איהם פארזיכערען, אז נאר אין אידישען גאט גלויבען
זיי, און האבען אין זיין אנוועזענהייט זייער גלויבען אין דער
„דריי איינינקייט" פארלייקענט. צווישען די פרויען פון די
העכסטע אריסטאקראטען פון לאנד האט זיך זאגאר אויך די
פאריזער קעניגין געפונען. זי האט זיך צו איהם געווענדעט,
ער זאל זי בענטשען, זי זאל אין טראגען פערגעהן. און ווען
זי איז ווירקליך נאך דער ברכה טראגענדיג געווארען, האט
די גאנצע אריסטאקראטישע וועלט פון פאריז מיט דעם נס
געקאכט. זיי האבען אלע געגלויבט, אז דאס איז נאר אין
זכות פון דער ברכה פון אידישען צדיק פארגעקומען.

---

אין אנהויב פון פינפטען יאהרהונדערט לאלף הששי
האט זיך שוין א גאנצע רייהע פון בעל שם'ן געפונען. אין

דער צייט פון גזירות ת"ח האט ר׳ יואל בעל שם דער ער־שטער געלעבט און געווירקט. עס זיינען אונז אויך געבליבען די נעמען פון אייניגע אנדערע בעל שם׳ען וואס האבען אין יענעם דור און מיט א דור שפעטער געלעבט, ווי ר׳ אליהי בעל שם, ר׳ אדם בעל שם און ר׳ יואל בעל שם דער צווייטער.

און, ווי איך האב שוין פריהער געשריבען, זיינען ניט נאר לעהרער און וועג־ווייזער דיזע בעל שם׳ן פאר די אידישע מאסען געווען. זייער טעטיגקייט אין אידישען לעבען דא־מאלס איז באשטאנען ניט נאר אין דעם, וואס זיי האבען די ברייטע אידישע פאלקס שיכטען ניט פארנאכלעסיגט, נור אין דעם, וואס זיי האבען זיך צוגעפאסט צו דער השגה — דאס, וואס די רבנים און לומדים האבען ניט געטאן — פון פראסטען פאלק און זיינען נעגאנגען איהם גאט׳ס תורה לערנען און אין זיינע דרכים מדריך זיין. זיי זיינען אויך זיי־נע דאקטוירים און בעלי יועצים געווען. מיט פערשיעדענע גראזען און קמיעות און, הויפטזעכליך, מיט דעם גרויסען היפנאז, וואס זיי האבען אויף זייערע פאציענטען אויסגע־איבט, האבען זיי די קראנקע געהיילט.

אויף וויפיעל עס איז גרויס און ברייט זייער טעטיגקייט אויף דיזען געביעט געווען, קען מען זעהן דערפון, וואס די דאקטוירים און רופאים פון יענער צייט האבען זיי פאר בלוטיגע קאנקורענטען בעטראכט און האבען געגען זיי א ביטערען קאמפף אנגעפיהרט.

עס איז אונז פון יענער צייט א מערקווירדיגער דאקו־מענט פארבליבען, א תפלה, וואס איינער פון די בעל שם׳ן האט פאר זיך און פאר די חברים זיינע פארפאסט, זי זאל פון זיי יעדען פריהמארגען פארגעבעטען ווערען.

דיעזע תפלה בעשטעטיגט דאס וואס איך האב אויבען געשריבען וועגען דער בעציהונג פון די רופאים און דאקטוי־

רים צו די בעל שם׳ן פון יענער צייט און קען אונז אויך אלס בעסטער באווייז דיענען, וואס פאר א גרויסען און וויכטיגען פלאץ דער בעל שם אינסטיטוט האט דאמאלס אין אידישען לעבען פארנומען.

זיי מיר מציל, רבונו של עולם, — לייענט זיך דיעזע תפלה, — פון שנאה און קאנקורענץ. איך זאל אנדערע ניט מקנא זיין און אנדערע זאלען אויך צו מיר קיין קנאה ניט פיהלען. מאך רוהען צווישען מיר און אנדערע דאקטוירים ליעבשאפט, ברידערליכקייט, שלום און פריינדשאפט, איך זאל זיך ניט באדארפען שעמען אין זייערע אויגען, נאר איך זאל זיין געשעצט פון זיי, און פון מיין שונא זאלסטו מיר מיט מעהר חכמה בעשיצען און מיין קאפ זאל איבער אלע מיינע פיינד ארום מיר דערהויבען ווערען. מיט חכמה און וויסען זאלען מיינע ליפען קלאר און דייטליך רעדען, אזוי אז איך זאל פון זיי אלס מוסטער און וואונדער בעטראכט ווערען און קיינער זאל קיין בייזעס אויף מיר און אויף מיינע טהאטען רעדען... איך בעט דיר, גאט, דער גאט פון אלע גייסטער און קערפער, איין זאך בעט איך פון דיר, דו זאלסט מיינע קרעפטען און זכרון שטארקען, און אז איך וועל געהן א חולה בעזוכען, זאלסט דו מיר באלד די ריכטיגע רפואות דערמאנען אין פאל אויב איך האב זיך שוין ווען בענוצט מיט איהר. און אויב ניט — בעט איך דיר, דו האר און בעל הבית פון די אלע סיבות אין לעבען, אז דו זאלסט אזוי די אומשטענדען צוזאמענברענגען אדער דורך דעם וואס איך זאל א וכוח צווישען דאקטוירים בייוואוינען, איך זאל זוכה זיין די רפואה צו וויסען. *)

*) הצילני משנאה ומתחרות ולא אקנא באחרים ולא תהא קנאת אחרים עלי, אלא השכן בני ובין רופאים אחרים אהבה, אחוה ושלום ורעות, ולא אבוש ולא אכלם בעיניהם, אלא אהיה מכובד בעיניהם. ומאויב תחכמני וירום ראשי על אויבי סביבותי, מחכמת, ודעת שפתי ברור ימללו

פון דיזער תפלה שיינט ווירקליך די „בעל שם'עריי" א גאנצע „אינדוסטריע" צו זיין דאמאלס אין אידישען לעבען. אַן אינדוסטריע אויף דעם פעלד פון וועלכען עס האט א גאנצע גרופע געארבייט, אין וועלכער עס איז א גאנצער „קלאס" געווען פעראינטערעסירט, א גאנצער קלאס וועלכער האט געהאט נויטיג זאגאר א ספעציעלע תפלה פאר זיך.

---

און אויב די קבלה פון פולין איז שטארק ניט ענהליך געווען אויף דעם מקור איהרען, אויף דעם אידישען מיס־טיציזם, וואס האט אין די גליקליכע יאהרען אין שפאניען געבליהט, איז נאך מעהר און גרעסער דער אונטערשיעד געווען צווישען דעם שענעם און טיעפען שפאניש־אידישען מיסטיציזם און דער אידישעו' קבלה, וואס האט פאר זיך אין פאדאליען און אין די ארומיגע געגענדען פלאץ געפונען.

די אידען פון דיזע מקומות זיינען פיעל הינטערשטע־ליג געווען, וואס אנבעלאנגט זייערע ידיעות אין תורה, פון די אידען אין פוילען. אין פערגלייך מיט די אידישע ישובים אין פוילען, וואו עס האבען זיך גרויסע גאונים און רבנים געפונען, וואו עס איז א גאנצע נעץ פון פיעלע ישיבות גרויסע געווען, האבען די אידען פון פאדאליען און אין די ארומיגע געגענדען כמעט גאר ניט פערמאגט דאמאלס. די אידישע בעפעלקערונג אין פאדאליען איז דאמאלס אין דעם מעהרסטען און גרעסטען טייל איהרען זעהר אונוויסענד און פארגרעבט געווען.

און דאריבער האט דארטען נאך מעהר ווי אין פוילען

---

עד שהוה לאות ופלא בעיניהם ולא יהיה פוצה פה ומצפצף רע עלי ולא על מעשי... אנא, אל אלהי הרוחות לכל בשר אחת שאלתי מאתך, שתחזק כחי וזכרוני וכשאלך לבקר חולה הזכירני מיד רפואות הראוי לו, ואם לאו מתחנן אני לפניך, אדון כל הסבות, שתסבב סבות וגלגולים או איזה וכות בין רופאים עד שאזכה לידע רפואתו.

נאר די קבלה מעשית, די פראקטישע קבלה, געקענט פאר זיך פלאץ געפינען. דער ווילדער אבערגלויבען און דער פרימיטיווער ארט פון פיהלען און דענקען פון דער ארומיגער בעפעלקערונג — דאס אלעס איז אויך אין אידישען לעבען געווען צו באמערקען. עס איז דארטען קיין פלאץ געווען פאר א פילאזאפישען מיסטיציזם, וואס זאל דאס הארץ און מארך שפייזען, זיי זיינען נימי גענוג ענטוויקעלט געווען פאר דער קבלה העיונית, פאר דער טעארעטישער קבלה. צו זיי האט געקענט נאר אן הגשמה׳דיגער מיסטיציזם אפעלירען, זיי האבען בלוט־און־פלייש מיסטעריען בעדארפט, וואס זאל זייער פרימיטיוו געפיהל בעפרידיגען.

און דערמיט ערקלערט זיך וואס די אלע מיסטעריעזע און מיסטישע בעוועגונגען, וואס זיינען פון דער שבתי צבי עפאכע ביז צו דער צייט פון יעקב פראנק אויף דעם אידישען באדען אויסגעוואקסען, האבען אזא פרוכטבארען באדען אין פאדאליען און אין איהרע גרעניצען פאר זיך געפונען. פאדאליען איז פאר דיזע אלע לעהרען און בעוועגונגען דער הויפט נעסט געווען.

און אויך די בעל שם׳ערייי פון פאדאליען האט אן אנדער פנים געהאט, ווי די פון די אנדערע אידישע ישובים. זי איז מעהר פראסט און מגושם׳דיג געווען.

די אידישע מאסען אין פאדאליען וואס זיינען אין זייער ארט דענקען און פיהלען און אין פיעלע פון זייערע לעבענס־פארמען אזוי עהנליך געווען אויף דער ארומיגער כויערשער בעפעלקערונג, האבען זעהר א פראסטע און מגושמע פארשטעלונג וועגען זייערע בעל שם׳ען געהאט. זיי האבען זיי מעהר אלס „טרעפער“ און „סגולות־געבער“ בעטראכט, ווי אלס לעהרער און וועג־ווייזער. די בעציהונג זייערע צו זיי איז כמעט דיזעלבע געווען, ווי די בעציהונג פון

די פויערשער בעפעלקערונג צו די אלע פערשיעדענע מכשפים און טרעפער, וואס זיי האבען פערמאגט.

---

אט אזוי איז דער מצב אין פאדאליען געוועזן ביז ר׳ ישראל בעל שם טוב איז געקומען און האט דעם בעל שם׳ענטום אין פאדאליען זיין גרעסטען תקון געבראכט, ביז ער איז געקומען און האט איהם צו אזא הויכער מדרגה דערהויבען, צו וועלכער עס האט קיינמאל און אין ערגעץ ניט דערגרייכט.

ז.

## די טעטיגקייט פון בעל שם באלד נאך זיין התגלות.

דער בעל שם הויבט אן אנצופיהרען זיין בעל שם טהעטיגקייט. — ער נעהמט צו א סופר, ער זאל איהם העלפען די קמיעות און לחשים שרייבען. — אין פיעלע פריצישע הויפען איז ער זייער בעצאהל־טער דאקטאר געווען. די דאקטוירים קוקען אויף איהם, ווי אויף זייער א קאנקורענט. — דער בעל שם שיקט דאך אמאל צו זיי זיינע פאציענטען. — ער בעקעמפפט דעם גלויבען פון די אידישע מאסען אין מכשפים און טרעפער.

עס האבען זיך אלזא געענדיגט די זעקס און דרייסיג יאהר, וואס דער בעל שם האט בעדארפט אלס נסתר לעבען. עס איז דער מאמענט געקומען, ווען ער האט בעדארפט פאר דער וועלט נתגלה ווערען. עס איז די צייט געקומען, ער זאל פון זיין בעהעלטעניש ארויסגעהן און קומען צום פאלק און אנווייזען איהם אויף די וועגען, וואס קענען איהם צו גאט פיהרען.

ווי גרויס אבער א פערזענליכקייט זאל ניט זיין, ווי איבערפילט מיט אייגענעם ריינעם אינהאלט עס זאל ניט זיין די אינערליכע וועלט פון דעם אדער יענעם גרויסען מענשען, לעגט אויף איהם דאך די צייט, אין וועלכער עס קומט איהם אוים צו לעבען און ווירקען, איהר שטעמפעל ארויף. ווי אייגענארטיג און אינדיווידועל זיין טעטיגקייט זאל ניט זיין,

מוז זי דאך אט יענע פארמע אננעהמען, וועלכע די לעבענס־אומשטענדען פון זיין צייט דיקטירען איהם.

און דעריבער האט אויך די טעטיגקייט פון בעל שם באלד אין די ערשטע יאהרען נאך זיין התגלות אנגענומען די אייגענע פארמען, אין וועלכע עס האט זיך אויסגעגאסען דא־מאלס די טעטיגקייט פון אלע גרויסע פאלקס־פערזענליכקייטען, וואס האבען זייער לעבען און ווירקען די ברייטע מאסען פון אידישען פאלק געווידמעט.

די לעבענס־פארמען פון די אידישע מאסען אין פאדאליען און אין גאליציען צו יענער צייט, זייער קולטורעלער צושטאנד דאמאלס, די טעטיגקייט וואס פיעלע בעל־שם'ען האבען דאמאלס אין יענע געגענדען אנגעפיהרט, דאס אלעס האט מיטגעבראכט דערצו, אז דער אינהאלט פון דעם התגלות־מאמענט זיינעם זאל בעשטעהן אין דעם, וואס דאס פאלק זאל אויך איהם אלס בעל שם קרוינען, האט מיטגעבראכט דערצו, אז אלס בעל שם זאל ער נתגלה ווערען.

סיי־ווי־סיי, ר' ישראל, וועלכער איז ביז יעצט אלס בור און עם הארץ בעוואוסט געווען, האט זיך יעצט פאר דער וועלט אלס בעל שם בעוויזען. ער האט באלד איינגעלאדען צו זיך ר' אלכסנדר שוחט, ער זאל איהם ארויסהעלפען שרייבען פאר די, וואס האבען זיך געווענדעט צו איהם, די פערשידענע אפשפרעכונגען, קמיעות און סגולות, זאכען אהן וועלכע קיין בעל שם האט דאמאלס זיין בעל שם טעטיגקייט ניט געקענט אנפיהרען, און וועלכע ער האט אויך דעריבער גע־מוזט אין זיין טעטיגקייט איינשליסען.

שוין אבער אויף דעם געביט אפילו איז ער זיך זיין אייגענעם וועג געגאנגען און האט זיך געסטארעט, די טע־טיגקייט זיינע זאל א וואס מעהר פיינערען און ריינערען כא־

ראקטער טראַגען און זאָל וואָס מעהר פון וואולגארען אבער־גלויבען זיין אויסגעטהאן.

אויב ער האט ניט געקענט דעם גאַנצען ענין פון קמ־עות־שרייבען אין זיין טעטיגקייט פערבויגען דערפאר, וואס ער איז דאך סוף־כל־סוף אין פיעלע הינזיכטען א פראדוקט פון זיין צייט געוועז, דערפאר וואס ער איז דאך ניט אויף אזוי פיעל רעליגיעזער רעפארמאטאר געוועז, אויך ער אליין זאל זיך גע־וועז קענען גאר אין גאנצען פון דעם גלויבען אין דעם גרוי־סען כח פון די קמיעות בעפרייען: אויב ער האט דאס ניט געקענט טהאן אויך דערפאר, וואס דאס אלעס האט דאס פאלק בעדארפט און געפאדערט דאמאלס און וואלט אהן דעם קמיעות־שרייבען זיין טעטיגקייט אלס בעל שם ניט געוועז געקענט אנפיהרען, האט אבער דאך זיין פיינער חוש אונבעוואוסטזיניג עפעס א מין אבנייגונג צו דעם גאנצען ענין געפיהלט.

און דעריבער האט ער וואס ווייניגער צערעמאניעס גע־מאכט מיט די קמיעות, וואס ער האט געשריבען און געגעבען צו די וואס האבען זיך געווענדעט צו איהם. ער האט גע־וואלט, אז די אנהענגער זיינע זאלען ניט לעגען קיין צופיעל געוויכט אויף זיי, אז זיי זאלען ניט האבען אזא שטארקען בלינדען גלויבען אין זיי. אויף וויפיעל עס איז נאר מעגליך געוועז האט ער געזוכט צו בילדען א פיינערע פארשטעלונג ביי די אידישע מאסען וועגען דעם כח וואס די קמיעות בע־זיצען. ער האט געוואלט איינפלאנצען דעם גלויבען אין זיינע אנהענגער, אז ניט די קמיעות אלס אזעלכע איז דער עיקר, נאר די גוטע כונה, די תפלה, דאס ווענדען זיך צו גאט.

און דעריבער פלעגט ער געבען נאר א לעדיג שטיקעל כשר פארמעט, אויף וועלכען עס פלעגט קיין זאך ניט זיין אנגעשריבען, ווערענד די „בעלי שם'ען", וואס זיינען גע־

ווען פאר איהם, פלעגען שרייבען קמיעות אויף וועלכע עס פלעגען זיך געפינען הונדערטער פערשידענע „שמות" און „צרופים".

אויב דער מבקש — דער, וואס בעט די הילף — האט די זכיה געהאלפען צו ווערען — פלעגט ער זאגען — קומען במילא דאמאלס די נשמות פון די היילינע מלאכים, וועל־כע זיינען ממונה אויף דיזען ענין און זיינען משפיע פון זייער ליכטיגקייט אויף דעם לעדיגען און כשר'ען שטיקעל פארמעט.

און איינמאל האט מען איהם געוויזען א קמיע פון גרוי־סען מקובל ר' נפתלי כ"ץ, האט ער באלד דערקענט, אז זי איז געשריבען געווארען, ווען ער האט נאך אין טבילות און אין תענית פערבראכט, און ער האט זיך אנגערופען צו די, וואס זיינען נעבען איהם געשטאנען דאמאלס: „איך קען אזא קמיע שרייבען באלד נאכ'ן עסען, זיצענדיג אויפ'ן בעט".

און אויך אין זיין קאמפף מיט די פערשידענע שדים און „לצים" — דערצעהלט אונז די לעגענדע — האט ער זיך מעהר מיט דעם כח פון זיין ווארט בענוצט, ווי מיט אב־שפרעכונגען און קמיעות. עס איז גענוג געווען, ער זאל אמאל נאר די ווערטער „ישראל בן אליעזר יש כאן" פון זיין מויל ארויסברענגען, זיי זאלען פערפליהען וואו דער שוואר־צער פעפער וואקסט. אמת, פיעלע מאל פלעגט ער אויך פון זיי צו זינגען און צו זאגען האבען. זיי פלעגען איהם צייטענווייז קראנק און מיעד מאכען און פלעגען זיך פיעל לוסטיג מאכען איבער איהם. ענדליך פלעגט ער אלץ אבער דער זיעגער פון שווערען קאמפף ארויס.

און וואס ווייטער איז אלץ מעהר זיין נאמען געוואקסען, איז ער אלץ מעהר נתפרסם געווארען. פון די אלע ארומיגע

געגענדען האָט מען זיך צו איהם געווענדעט, און ער האָט שטענדיג וואונדער גרויסע געוויסען.

פיעלע לעגענדען דערצעהלט אונז דער חסידיזם וועגען זיין טעטיגקייט צו יענער צייט, וועגען די וואונדער וואָס ער האָט דאָן געוויזען אויף דעם געביט פון קראַנקע היילען און „לצים" ארויסטרייבען.

עס איז אָבער דאָס אַלעס פאַר דעם חסידיזם ווייניג געווען. דאָס אַלעס האָבען דאָך אויך די איבריגע בעלי שם'ען דאַמאָלס געטהאָן. דערהויבט ער איהם שוין אויך אין יענעם פעריאָד יאָהרען צו אזא מדרגה, צו וועלכע קיינער פון די בעלי שם'ען וואָס זיינען פאַר איהם געווען, האָבען ניט דער־גרייכט. אמת, אויך זיי האָבען דורך פערשידענע קמיעות און אָפּשפּרעכונגען קראַנקע געהיילט און לצים פערטריבען. דער בעל־שם טוב איז אָבער ניט נאָר א „רופא חולים" געווען, ער האָט שוין דאַמאָלס אויך דעם „ניצוץ" פון א נביא פער־מאָגט. ניט נאָר האָט ער געוואוסט, ווי אזוי די אַלע פער־שידענע קראַנקהייטען צו היילען, נאָר ער האָט אויך פאָר־אויסגעזעהען די קראַנקהייטען, איידער זיי זיינען געקומען און האָט די רפואה פאַר דער קראַנקהייט צוגעגרייט.

דו וועסט קומען פון וועג — שרייבט דער בעל שם צום בעלאַצערקווער *) רב — וועסט דו טרעפען אין הויף פון דיין הויז א גרויסען טומעל און צונויפגעלויף פון מענער, ווייבער און קינדער, און דו וועסט פאַר גרויס פּחד אין חלשות פאַלען. און דאַמאָלס, ווען מען וועט דיך צו זיך ברענגען, זאָלסט דו הייסען מען זאָל דיר בלוט לאָזען פון צוויי אָדערען און דו זאָלסט באַלד א שליח מיוחד שיקען, מיר מודיע זיין וועגען טומעל, וואָס איז דאָרטען פאָרגעקומען. כאָטש איך

*) שוואַרץ־טומאה. צוליעב כבוד התורה האָב איך זיך דאָ מיט דעם וואָרט שוואַרץ־טומאה ניט געוואָלט בענוצען.

פערמאָג אפילו דאַנקען גאָט אויגען קלאָהרע, צו זעהן, וואָס עס קומט גאר ווייט פאר, פון דעסטוועגען זאָלסט דו מיר א בריעף שיקען דורך א שליח. נאום ישראל בעש"ט.

ר' מיכל זלאטשאָווער האָט ער איינמאָל געהייסען פאָה־רען באַלד א היים, און, ווען זיין פרוי וועט א שווער געהן־צו־קינד האָבען, זאָל ער איהר די און די ווערטער אין אויער איינרוימען, וועט דאָס „האָבען" איהרם בשלום איבערגעהן.

אָט אזוי האָט געזוכט די פאָלקס־לעגענדע אלץ העכער און העכער איבער דער מדרגה פון גלאָט א בעל שם דעם בעל שם טוב צו שטעלען. צו דערהויבען איהם פון דער מדרגה פון א בעל שם וואָס איז ניט אזא גרויסער, חשוב'ער און בכבוד'ער נאָמען געווען צו יענער זייט, צו דער מדרגה פון א צדיק און א נביא.

היילען קראַנקע האָט יעדער איינער בעל שם געקענט. קיינער פון זיי איז אָבער ניט א בעל הבית אין הימעל געווען. קיינער פון זיי האָט דאָרטען קיין דעה ניט געהאָט. אַנ־דערש איז דאָס אָבער מיט דעם בעל שם געווען. האָט ער געזאָגט עפּעס א וואָרט, האָבען זיי איהם געמוזט פאָלגען דאָרטען. אמת, עס פלעגט איהם אפילו אמאָל אויסקומען זיין עולם הזה און עולם הבא אין קאָן איינצושטעלען. זיינס פלעגט ער אָבער שטענדיג אויספיהרען, אפילו דאַן, ווען ער האָט זיך איינגעשפּאַרט ט נשמה צוריק אין איהר טויטען קער־פּער פון הימעל אראָבצוברענגען.

איינמאָל— דערצעהלט אונז איין לעגענדע — האָט ער געטראָפען דעם מלאך המות שטעהן נעבען א קראַנקען. האָט ער אויף איהם „גוער בנזיפה" געווען, און דער מלאך המות איז אַנטלאָפען און דער חולה איז באַלד געזונד געוואָרען.

א צווייטען מאָל האָט ער נאָך א גרעסערען וואונדער גע־וויזען:

ער איז געשטאַנען נעבען א חולה, די נשמה פון וועלכען האָט שוין גאר איז גאַנצען איהר גוף פערלאָזט, און דער חולה איז שוין געשטאָרבען געווען.

דער בעל שם האָט אָבער געשוואָרען, אז דער חולה מוז צוריק לעבעדיג ווערען.

האָט ער זיך אַנגערופען צו דער נשמה:

דו וועסט מוזען צוריק אין קערפּער קומען, ווייל איך וועל ניט שווערען אויף פאַלש.

און די נשמה האָט ווירקליך געמוזט צוריק אין גוף אריינקומען.

און דער קראַנקער איז באַלד געזונד און שטאַרק געווארען.

אמת, מען האָט זיך מיט איהם אין הימעל פאַר דיעזער געשיכטע אבגערעכענט. פאַר דער שבועה וואָס ער האָט געגעבען, דירך וועלכער ער האָט דעם הימעל געצוואונגען „משנה בראשית" צו זיין, האָט ער זיין עונש בעקומען: פייערדיגע ריטער. ער האָט אָבער דאָס זייניגע אויסגע־פיהרט.

און דאָס איז, ווי די פאָלק׳ס לעגענדע פערזיכערט אונז, ניט קיין איינציגער פאַל געווען.

זי דערצעהלט אונז וועגען פיעלע, פיעלע פעלע, אין וועלכע דער בעל שם האָט טוידטע מענשען צוריק צום לעבען געבראַכט.

און איינמאַל האָט ער זאָגאר לעבעדיג געמאַכט א מענ־שען, וואָס ער איז שוין פריהער מיט פיעלע יאָהרען געשטאָר־בען, כדי ער זאָל קומען און עדות זאָגען אויף די גרויסע וואונ־דער, וואָס דער בעל שם קאָן בעווייזען.

צווישען די פיעלע תחית־המתים לעגענדעס, וואָס די

פאלקס־פאנטאזיע האט וועגן בעל־שם געשפינט, געפינט זיך אויך די פאלגענדע לעגענדע:

דער בעל שם האט איינמאל איינעם צוגעזאגט א בן־זכר.

איז דאס קינד ווירקליך געבוירען געווארען ביי איהם.

עס איז אבער באלד געשטארבען.

דער פאטער פון קינד האט זיך דאן מיט ביטערע טרע־רען בעגאסען.

דער בעל השם האט אבער אויף איהם גוזר געווען. ער זאל אויפהערען וויינען.

ער האט איהם געהייסען, ער זאל אלעס פאר דעם ברית מילה צוגרייטען.

און איך אליין — האט ער געזאגט צו איהם — וועל די ברכות מאכען.

ווען עס איז דער טאג פון ברית געקומען, האבען זיך פיעלע מענשען אין הויז פון פאטער פערזאמעלט.

גאר א קליינינקייט. אזא גרויס׳ער וואונדער געהט עס באלד בעוויזען ווערען.

האט מען דאס טויטע קינד אין הויז אריינגעבראכט.

דער מוהל האט איהם געאידישט.

עס האט זיך אבער קיין בלוט ניט בעוויזען.

האט מען אויך די מצוה פון מציצה מקיים געווען.

אויך דאס מאל האט זיך קיין בלוט ניט געוויזען.

דער בעל שם אבער האט זיך ווייניג געקימערט וועגען דעם אלעם.

ער האט געוואוסט, אז באלד, באלד געהט דער גרויסער נס געשעהן.

האט ער אנגעהויבען די ברכות צו זאגען.

און ווען ער איז געקומען צו די ווערטער „לקיים את

הילד הזה לאביו ולאמו" — דאס קינד זאל א קיום האבען ביי זיין פאטער און מוטער — איז ער א לאנגע, לאנגע ווייל׳ע שטעהן געבליבען ביז די „נשמה פון קינד איז צוריק צו איהם געקומען און עס האט פון זיין מילה בלוט א שפראץ געטהאן".

---

דער נאמען פון בעל שם איז אלץ מעהר געוואקסען. און וועז ער פלעגט קומען אין וועלכער שטאדט, פלעגען צו איהם פערשידענע קראנקע קומען. „דערפון האט ער פיעל געלד אנגעקליבען". ער איז אויך צווישען די פריצים און דוכסים בעריהמט געווארען, ווארום זיי האבען אלע געוואוסט, אז „ער איז אן אדם גדול און אויך א בקי אין חכמת הרפואה". ר׳ דוד מאקאווער, וואס האט צו יענער צייט געלעבט, דער־צעהלט, אז ער פלעגט דער בעצאהלטער דאקטאר פון פיעלע פריצישע הויפען זיין. דובנאוו וויל האבען, אז דער בעל שם האט ווירקליך געוויסע עלעמענטארע ידיעות אין חכמת הרפואה געהאט.

טראץ דעם אבער, וואס דער בעל שם האט מיט אזא גרויסען ערפאלג געהיילט די אלע קראנקע וואס האבען זיך געווענדעט צו איהם, טראץ דעם וואס ער האט זאגאר אויך טויטע צוריק לעבעדיג געקענט מאכען, פלעגט ער אליין אפט־מאל — דערצעהלט אונז די לעגענדע — עצה׳ן זיינע פא־ציענטען, זיי זאלען זיך ניט פערלאזען אינגאנצען אויף איהם און זאלען זיך בעסער ווענדען צו א דאקטאר.

און געטהאן האט ער עס טראץ דעם, וואס די רופאים פון די געגענדען וואו דער בעל שם פלעגט זיין טעטיגקייט אנפיהרען, פלעגען איהם שטענדיג פערפאלגען, היות, זיי הא־בען איהם אלס משיג גבול בעטראכט, און איינער האט זיך בעריהמט זאגאר, אז ער וועט איהם טויטען.

ער פלעגט אפטמאל זיינע פאציענטען צו א דאקטאר שיקען, כאטש אין אלגעמיינעם האט ער אין זיין אייגענעם כח קראנקע צו היילען ניט ווייניגער געגלויבט, ווי אין דעם כח, וואס זיי בעזיצען דערויף און ער פלעגט כלל ניט קיינ־מאל קיין הכנעה ארויסווייזען פאר זיי, ווען עס פלעגט איהם אמאל אויסקומען זיך צוזאמענצוטרעפען מיט זיי.

איינמאל האט איהם א דאקטאר געפרעגט, מיט דער כונה זיך אביסעל לוסטיג מאכען איבער איהם, פון וועמען ער האט די חכמת הרפואה געלערענט, וואס ער נעהמט זיך אונטער קראנקע צו היילען. ער האט זיכער געמיינט, אז ער וועט דעם בעל שם מיט דיעזער פראגע זיבער ערנידעריגען און ער—דער בעל שם—וועט איהם ניט האבען וואס צו ענט־פערען דערויף.

דער בעל שם איז אבער ווייניג וואס מבולבל געווארען פון דיעזער פראגע. ער האט איהם שטאלץ און דרייסט א קורצען ענטפער אויף זיין פראגע געגעבען:

איך האב די חכמת הרפואה פון השם יתברך געלערענט.

אויף דער פראגען פון דאקטאר, פאר וואס ער, דער בעל שם, האט מעהר ערפאלג געהאט מיט זיינע סגולות, ווי ער אליין מיט זיינע רפואות.

האט איהם דאן דער בעל שם געענטפערט דארויף:

דו האסט תופס געווען דעם חולה דורך גשמיות, און איך האב איהם תופס געווען דורך רוחניות.

גאנץ אנדערש האט זיך אבער דער בעל שם צו די פערשידענע טאטערס, טרעפער און אפשפרעכער בעצויגען. אויף וויפיעל עס איז איהם נאר מעגליך געווען האט ער זיך בעמיהט, ער זאל דעם גלויבען אין זיי מיט זיינע ווארצלען פון די הערצער פון די אידישע מאסען ארויסרייסען.

אויב ער פלעגט אמאל אליין הייסען זיינע פאציענטען,

זיי זאלן זיך צו א דאקטאר ווענדן, פלעגט ער זיי אבער שטענדיג פערזאגן, זיי זאלן זיך קיינמאל צו קיינע טאטערס און מכשפים ווענדן.

---

און עס קארגט ניט די פאלקס־פאנטאזיע קיינע פארבן צו שילדערן די גרויסקייט פון בעל שם צו יענער צייט ניט נאר אלס „רופא חולים“ און „מחיה מתים“, נאר אויך אלס „רואה“ און „חוזה“, אלס אזא איינעם, וואס האט ליכטיגע און אפענע אויגען געהאט צו זעהן מסוף העולם ועד סופו, צו זעהן און בעמערקען אזוינע זאכען, וואס קיינע אנדערע האבען ניט געזעהן און ניט בעמערקט.

די ברייטע שיכטען פון פאלק — דערצעהלט אונז די לעגענדע — פלעגען זיך ווענדען צו איהם ניט נאר דערויף, ער זאל זייערע קראנקע היילען, נאר אויך אין אלע אנדערע אנגעלעגענהייטן.

ווען מען האט ביי איינעם זיינע אקסען אוועקגע'גנב'עט, פלעגט ער קומען צום בעל שם טוב און ער פלעגט אין זוהר א קוק טהאן און זיך אנרופען: „יא, איך זעה די אקסען. דארטען און דארטען זיינע זיי“.

און האט מען ווידער ביי איינעם א וואגען מיט סחורה אוועקגע'גנב'עט, פלעגט ער אויך קומען צום בעל שם, וועל־כער פלעגט אויך דאן אויסגעפינען דורך דעם „זוהר“, וואו די סחורה געפינט זיך.

איינמאל איז ביי איינעם, א זעהר גרויסען עושר, זיין בן־יחיד ערגעץ אוועקגעפאהרען. זיינען פיעלע וואכען שוין געהאט אוועקגעגאנגען און ער איז נאך אלץ ניט געוועזן גע־קומען.

איז געקומען דער פאטער צום בעל שם און האט פאר איהם בדמעות שליש געוויינט.

האט דער בעל שם גענומען דעם „זוהר" און האט זיך צום פאטער אנגערופען:

זארג ניט, דיין זוהן לעבט און איז געזונד, א דאנק השם יתברך. און היינטיגען שבת וועט ער פארברענגען אין א דארף נעבען אונזער שטאדט.

בכלל איז דער „זוהר" קיינמאל פון טיש פון בעל שם ניט אראבגעגאנגען, און ער האט איהם זעהר שטארק פאר־געטערט.

אין דיעזען ספר — פלעגט ער זאגען — האט גאט בע־האלטען פאר די צדיקים אויף יענער וועלט די ליכט, וואס ער האט אין ששת ימי בראשית בעשאפען און דוד וועלבער גאט האט פון איין עק וועלט ביז צום צווייטען געקוקט.

„אז איך עפען אויף דעם ספר הזוהר" — האט ער איינ־מאל צו זיינע תלמידים געזאגט — „זעה איך די גאנצע וועלט".

---

און אויך אין חכמת הפרצוף — דערצעהלט אונז די לע־גענדע — איז גוואלדיג גרויס דער כח זיינער געווען.

ער האט געקענט אראבלייענען פון געזיכט פון מענשען די אלע חטאים זיינע.

איינמאל איז צו איהם דער שוואגער זיינער אין שטוב אריינגעקומען, און איידער יענער האט נאך בעוויזען רעכט צו איהם צו קומען, האט איהם דער בעל שם געזאגט, אז ער זעהט אויף זיין שטערען דעם חטא פון אן „אשת־איש" אויסגעקריצט.

מען קען זיך פארשטעלען, ווי איבעררואשט ר' גרשון איז געווארען, ווען ער האט דיעזער ווערטער דערהערט. אבער ניט וועניגער איבעררואשט איז אויך דער בעל שם אליין געווען.

דער גרויסער צדיק ר׳ גרשון זאל אין דעם חטא פון אז אשת איש נכשל ווערען...

האט מען אנגעהויבען נאכקלעהרען און נאכזוכען, און מען האט אויסגעפונען, אז דער אמת איז פארט מיט דעם בעל שם געווען.

די מעשה איז אזוי געווען:

ר׳ גרשון איז א פרוש פון זיין ווייב געווען.

און על פי דעם רמב״ם איז דער, וואס איז הנודר מאשתו, וואס נעהמט אויף זיך, ער זאל פון זיין ווייב קיין הנאה ניט האבען, טאר ער אויך קיין הנאה פון איהר ציערונג ניט האבען.

ער איז אבער א גרויסער קבצן געווען, האט ער דעם ווייב׳ס ציערונג פערזעצט און האט דאס געלד אויף הוצאת־הבית פערנוצט.

און דאס איז געווען דער אשת־איש צייכען אויף זיין שטערען.

און באלד ווי דער ענין איז קלאהר געווארען — ענדיגט די לעגענדע — איז געווארען א געוואלדיגער רעש אין הי־מעל, ווארום דער רי״ף און דער רא״ש האבען זיך מיט דעם רמב״ם מפלפל געווען ביז זיי האבען איהם מנצח געווען, אז דער דין זאל ניט בלייבען, ווי ער האט גע׳פסק׳ענט.

און באלד, ווי עס איז אויף דעם הימעל דער פסק דין ארויסגעטראגען געווארען, האט דער בעל שם געזאגט, אז ער זעהט שוין מעהר ניט דעם אשת־איש צייכען אויף ר׳ גרשון׳ס שטערען.

ה.

# דער בעל שם אַ יודע עתידות

דער בעל שם ווערט אויך אין דער ליטא נתפרסם. — ר' שמואל, איינער פון די גרעסטע נגידים פון לוצק לאַדעט איהם איין צו זיך אין הויז. — דער בעל שם אַנטלויפט אין מיטען נאַכט פון לוצק. — דער בעל שם גיט צו אַ אידען אַ גביר אַ בריעף צו די ראשי הקהלה פון בראָד, וואָס זיינען מיט צוויי און צוואַנציג יאָהר שפּעטער אַלס פּרנסים אויסדערוועהלט געוואָרען. — דער בעל שם לייענט אַראָפּ דעם צייכען פון טויט פון שטערען פון מענשען.

און ניט נאָר אין אוקראַינא און פּאָדאָליען, וואו דער קולטורעלער מצב פון די ברייטע אידישע פאָלקס־שיכטען איז אויף אַ נידעריגער מדרגה געשטאַנען, וואו די ברייטע מאַסען פון דער אידישער בעפעלקערונג האָט זיך ניט גע־פונען אונטער דעם דירעקטען איינפלוס פון די רבנים און לומדים, דערפאַר וואָס אין גרעסטען פּראָצענט זייערען האָבען זיי ניט געוואוינט אין די שטעדט, וואו עס האָבען זיך די מרכזי התורה געפונען, נאָר אין די דערפער, און זיי זיינען דעריבער אין זייער קולטורעלען צושטאַנד, אין אַלע זייערע אָנשויאונגען און בעגריפען, שטאַרק עהנליך געווען אויף דעם אַרומיגען קריסטליכען פּויערטום —

ניט נאָר אין אוקראַינא און פּאָדאָליען האָט דער בעל שם טוב זיין פרוכטבאַרע טעטיגקייט אָנגעפיהרט. ניט נאָר דאָרטען אַליין איז דער נאָמען זיינער גרויס געווען.

זיין פּרסום איז אויך דערגאַנגען ביז צו ליטא, וואו די

אידישע בעפעלקערונג איז אין גייסטיגען און קולטורעלען זין פיעל העכער פאר דער אידישער בעפעלקערונג געשטאנען, וואו די פארשטעהער פון אידענטהום האבען געקענט זייער גאנצען איינפלוס אויסאיבען אויף די ברייטע אידישע מאסען, ווייל זיי זיינען מיט זיי אין שטענדיגען פארקעהר געשטאנען, צוליעב דעם וואס די אידישע בעפעלקערונג אין ליטא איז אין גרעסטען פראצענט איהרען א שטאדטישע געווען.

אויך אין פיעלע שטעדט פון דער ליטא איז ער בע־ריהמט געווען אלס א געטליכער מאן, וואס קען די גרעסטע וואונדער ווייזען און לעזען, ווי פון אן אפען בוך, וואס וועט אין דער ווייטער צוקונפט פארקומען. אויך דארטען האט ער זיין טעטיגקייט אנגעפיהרט.

און די פאלגענדע לעגענדע איז אונז וועגען זיין טע־טיגקייט אין דער ליטא געבליבען:

ער איז איינגעלאדען געווארען קיין לוצק, — דער־צעהלט אונז די לעגענדע — אין הויז פון איינעם פון די גרעסטע נגידים אין שטאדט, ר׳ שמואל, וועלכער איז צו־זאמען מיט זיינע ברידער געווען די הויפט־ארענדאטארען פון די אלע גיטער, וואס האבען בעלאנגט צום פירסט ראד־זיוויל.

ר׳ שמואל אליין האט אפילו אין בעל שם ניט גע־גלויבט. ער האט אבער געמוזט נאכגעבען זיין פרוי, וועם איז צו איהם צוגעשטאנען, ער זאל איין מאל פאר אלע מאל דעם בעל שם איינלאדען, ווארום „זיי האבען אויסגעבויט א נייעם מויער און זיי האבען מורא געהאט זיך איבערצוצי־הען אין איהם“.

דער בעל שם האט דארטען ארום דריי וואכען פער־בראכט, און איידער ער איז פון דארטען אבגעפאהרען, האט

זיך די פרוי מיט דער פאלגענדער פראגע צום בעל שם גע־
ווענדעט:

— ביז וואנען וועט מיין גוטער מזל אנהאלטען?

האט תחלת דער בעל שם דאן אויף איהר גוט אנגע־
שריען, ווארום „אזוינע זאכען פרעגט מען ניט".

ווען זי איז אבער צו איהם שטארק צוגעשטאנען, האט
ער אויף איין רגע זיינע אויגען צוגעמאכט און האט זיך
אנגערופען צו איהר: —

צוויי און צוואנציג יאהר וועט דיין גוטער מזל אנ־
האלטען.

און ווען דער מאן איהרער, ר׳ שמואל, האט דיזע
ווערטער דערהערט, איז ער מלא חימה געווארען און האט
חוזק געמאכט פון „טרעפער".

אגב איז דארטען אין לוצק אויך פאלגענדעס פאר־
געקומען:

ביי איינעם פון די נגידים איז א קינד זיינס שטארק
קראנק געווארען. איז ער געגאנגען צום בעל שם, און דער
בעל שם האט איהם זיין הבטחה געגעבען, אז דאס קינד
וועט געזונד ווערען.

דאס מאל האט אבער דער הימעל דעם בעל שם׳ס ווילען
ניט געוואלט ממלא זיין —

און דאס קינד איז געשטארבען.

האט דער בעל שם פערשטאנען, אז „זיי וועלען איהם
וועלען חרפת פנים אנטהאן".

איז ער האלבע נאכט אוועקגעפאהרען פון דארטען מיט
„קפיצת הדרך".

פון מיטען וועג האט ער אנגעשריבען א בריעף צו
ר׳ שמואל׳ן, אין וועלכען ער האט איהם פאלגענדעס געשרי־
בען:

„דו זאלסט וויסען זיין, אז איך האב געקענט מאכען, דו זאלסט מיר גארניט קענען טהאן. איך האב אבער מורא געהאט, עס זאל מיר ניט שארען ערגעץ אנדערש. דעריבער בין איך פון דיר ביינאכט אבגעפאהרען. אלעס וועט אבער מקוים ווערען פונקט, ווי איך האב דיר געזאגט. עס וועט גאר ניט געמינערט ווערען. אין צוויי און צוואנציג יאהר ארום וועסט דו דיין מפלה פון דיינעם א קנעכט קריגען".

נאום ישראל בעל שם טוב, עבד ה'.

און נאכדעם, ווען די צוויי און צוואנציג יאהר זיינען צו ענדע געווען — פערענדיגט די לעגענדע — איז ווירקליך זיין מפלה געקומען.

דער פירשט ראדזיוויל האט אז אומ'חן געווארפען אויף די ברידער ארענדאטארען. ער האט פון זיי די ארענדע איבער זיינע גיטער צוגענומען און נאך אין תפיסה איינגעשפארט.

איינמאל איז א גרויסער נגיד — דערצעהלט אן אנדער לעגענדע וועגען די גרויסע וואונדער, וואס דער בעל שם האט געוויזען, צו קענען לעזען, וואס עס איז פאר איינעם אין דער צוקונפט אנגעשריבען — צום בעל שם געקומען. האט איהם דער בעל שם געפרעגט, צו ער האט עפעס א בקשה פון איהם צו בעטען.

אט איהם דער נגיד געענטפערט:

ניין, רבי, איך האב אויף גארניט וואס צו בעטען. עס פעהלט מיר, א דאנק גאט, גארניט.

און דאך—האט זיך צו איהם דער בעל שם אנגערופען — וועל איך דיר געבען א בריעף צו די בראדער ראשי־הקהל. דעם בריעף זאלסט דו זיי איבערגעבען אין פיעלע, פיעלע יאהרען ארום.

דער נגיד איז זיך אהיים געפאהרען און האט דעם בריעף מיט זיך געהאלטען.

דערווייל זיינען פיעלע יאהרען פערלאפען. דער נגיד האט זיין געלד פערלארען און איז אן עני מדוכא געווארען און איז איבער די שטעדט ארומגעפאהרען, נדבות צו קלייבען.

האט ער זיך דערמאנט אינ'ם בריעף פון בעל שם, וואס געפינט זיך ביי איהם און איז אראבגעפאהרען קיין בראד.

און פונקט אין זעלבען טאג, וואס ער איז קיין בראד אנגעקומען, האט מען דארט די „קלפי" געווארפען, ווארום מען האט דאמאלס נייע ראשי קהלה געקליבען.

און, צו דער ערשטוינונג פון דער גאנצער בראדער בעפעלקערונג, האבען די אלע פרנסי חודש, וואס זיינען דאמאלס אויסדערוועהלט געווארען, געטראגען אויף זיך די נעמען, וואס האבען זיך אין בריעף פון בעל שם געפונען.

דער בריעף איז פון פאלגענדען אינהאלט געוועזן: „דער מוכ"ז איז א גרויסער עושר געוועזן און יעצט איז ער א יורד מנכסיו געווארען. עס איז אייער פליכט איהם ארויסצוהעלפען אויף א בכבוד'יגען אופן".

און אונטער דעם בריעף האט זיך דעם בעל שם'ס חתימה געפונען.

ווען די פרנסים האבען דעם בריעף איבערגעלייענט זיינען זיי גוואלדיג נשתומם געווארען. ווארום דער בריעף איז דאך מיט אזוי פיעל יאהרען פריהער געשריבען געווארען און אין משך פון דער גאנצער צייט האבען זיך אין זייער שטאדט קיינע פרנסים געפונען אויסער זיי, וואס זאלען זיך רופען מיט די נעמען, וואס ווערען אין בריעף פון בעל שם אנגעגעבען.

און אפטמאל פלעגט ער מיט די ליכטיגע אויגען זיינע

ניט נאָר פאַר דעם „עולם הזה" פון דעם גויטבעדערפטיגען זאָרגען, נאָר אויך פאַר דעם „עולם הבא" זיינעם. דורך דעם, וואָס די ליכטיגע און אָפענע אויגען זיינע האָבען געקענט די צוקונפט זעהן, האָט ער אָפּטמאָל ניט דערלאָזט, אַז אַ איד זאָל אָהן תשובה שטאַרבען.

איינמל, — דערצעהלט אונז די לעגענדע — האָט ער אַ אידען אַ חסיד אָנגעטראָפען, וואָס ער איז ערשט פון מקוה אַרויסגעגאַנגען.

האָט זיך דער בעל שם צו איהם אָנגערופען: „שנעל גרייט זיך צו..." וואָרום דער שטייגער פון דיעזען חסיד פלעגט זיין, אַרומצוגעהן אין אַלע שוהלען, אומעטום אַ קדושה וברכו צו כאַפּען.

און אין זעלבען טאָג נאָך איז דער חסיד נפטר געוואָרען.

און איינמאָל, — דערצעהלט אַ צווייטע לעגענדע — איז צו איהם געקומען אַ מוכסן, וועמען עס האָט אָנגעהויבען צו געהן מיט דער פּוטער אַראָב. ער איז געקומען צום בעל שם, אַז ער זאָל פאַר איהם מתפלל זיין.

האָט איהם דער בעל שם אָנגעהויבען צו מזרז זיין, ער זאָל תשובה טהאָן און זיין התנהגות פאַרבעסערען.

און ווען דער מוכסן האָט זיין הויז פאַרלאָזט, האָט זיך דער בעל שם אָנגערופען צו די ביישטעהענדע:

וואָס פאַר אַ שוטה דאָס איז. היינט, מאָרגען שטאַרבט ער און ער זאָרגט זיך וועגען פּרנסה.

און ווירקליך, ניט פיעל צייט איז אַוועקגעגאַנגען — און דער מוכסן איז געשטאָרבען.

## ח.

# נאך איינינע יאהרען פון ארומוואנדערען בע־זעצט ער זיך אין מעזשיביזש

דער בעל שם האט נאך ניט קיין שטענדיגע רעזידענץ. — ער בייט אלע מאל זיין וואהנונגס פלאץ. — זיין פאפולאריטעט וואקסט פון טאג צו טאג און פון אומעטום ווענדעט מען זיך צו איהם נאך רפואות און סגולות. — ער האט שוין מעהר מיט איין ארויסהעלפער ניט געקענט אויסקומען און האט געמוזט צונעהמען נאך איינעם, ער זאל איהם העלפען די קמיעות שרייבען. — נאך א פעריאד יאהרען פון ארומוואנדערען, בעזעצט ער זיך אין מעזשיבוזש, אוואו מיט א דור פריהער איז דער ב״ח רב געווען. — די לעגענדען וועגען ב״ח.

פיעלע יאהרען זיינען אוועקגעגאנגען און דער בעל שם האט נאך אלץ קיין בעשטימטען צענטער ניט געהאט, פון וואנען ער זאל זיין טהעטיגקייט אנפיהרען. ער האט ניט געוואוינט אין קיין בעשטימטער שטאדט שטענדיג. ער האט א נע־ונד־טעטיגקייט אלס בעל שם אנגעפיהרט. פאר א לאנגען פעריאד יאהרען געפינען מיר איהם ארומוואנדערען שטענדיג צווישען די פאלגענדע שטעדט: אסטראה, זאסלאוו, נעמעראוו, באר, פאלאנאה, ביעלאצערקאוו, טאלטשין, קאמינקא, חמעלניק, שאראגראד און פיעלע אנדערע גרעסערע און קלענערע שטעדט און שטעדטלעך.

ער פלעגט פון שטאדט צו שטאדט ארומפאהרען אין דער בעגלייטונג פון זיין ארויסהעלפער, דער שוחט, ר׳ אלכסנדר זיסקינד.

און וואס א יאהר ווייטער אלץ גרעסער איז געווארען זיין טעטיגקייט, אלץ מעהר ארבייט האט ער אלס בעל שם געהאט.

און אין אכט יאהר ארום האט זיך זיין טהעטיגקייט אזוי פערצווייגט, אז איין ארויסהעלפער איז איהם שוין ווע־ניג געווען. האט ער צוגענומען דאן נאך איין שרייבער, ר' צבי סופר סת"ם *), ווארום פון אלע שטעדט און שטעדטלע־ך האבען זיך די ברייטע אידישע פאלקס־שיכטען געווענדעט צום בעל שם, ער זאל זיי סגולות, רפואות, קמיעות און לחשים געבען.

פונקט אבער ווי יעדער טריט און שריט אין לעבען פון בעל שם האט זיך זיין זין און צוועק געהאט, אזוי האט אויך דאס, וואס ער האט אין דעם ערשטען פעריאד יאהרען פון זיין טעטיגקייט אלס בעל שם ניט שטענדיג אויף איין פלאץ געוואוינט, נאר אלע מאל זיינע וואוינונגס־פלעצער געביטען, זיין פרוכטבארע ווירקונג אויף דער אידישער בעפעלקערונג פון אוקריינא און פאדאליען געהאט.

ער האט אזוי ארום געהאט די מעגליכקייט זיינע אי־דעען און געדאנקען צווישען די ברייטעסטע פאלקס־שיכטען צו פראפאגאנדירען. דורך זיינע דרכים און התנהגות האט ער שטופענווייז פערפיינערט דעם בעגריף, וואס זיי האבען וועגען א בעל שם געהאט. ער האט מיט זיין טהעטיגקייט מיטגעבראכט דערצו, אז זיי זאלען האבען א העכערע און שעהנערע פארשטעלונג וועגען דעם, וואס א בעל שם איז און וואס ער בעדארף זיין.

אלץ מעהר און מעהר האט זיך דער איינפלוס פון זיין

---

*) ספרים, תפילין, מזוזות.

גרויסער פערזענליכקייט און פון זיינע טהאטען און געדאנ־
קען איבער די אידישע מאסען פערגרעסערט און האבען אויף
זיי אן ערציהענדע ווירקונג געהאט. ביסלעכווייז האט דער
בעל שם מיט זיין לעבען און ווירקען בעשאפען און די אידישע
מאסען א פערלאנג און שטרעבונג צו א בעל שם, וואס זאל
זיך ניט נאר מיט קמיעות און אבְשפרעכונגען אליין בעשעפ־
טיגען. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז זייער פעהיגקייט גע־
וואקסען, זיי זאלען קענען דאס אמת׳ע געשטאלט פון בעל
שם זעהן, זיי זאלען טאקי אין איהם אליין אט יענעם פער־
לאנגטען בעל שם פאר זיך געפינען.

עס זיינען פערשוואונדען שטופענווייז די אלע אלטע
בעגריפען און בעציהונגען, וואס האבען דאמאלס עקזיסטירט
צו די פערשידענע בעל שם׳ען ביי די אידישע בעפעלקערונג
פון יענע געגענדען, דורך דעם נייעם בעל־שם־טוב, וועלכען
ר׳ ישראל בעל שם טוב האט מיט זיך פארגעשטעלט.

וואס ווייטער און ווייטער האבען די אידישע פאלקס־
שיכטען אלץ מעהר און מעהר א שארפע ליניע צווישען איהם
און אלע אנדערע בעל־שם׳ען געצויגען.

וואס ווייטער און ווייטער האבען זיי איהם אלץ מעהר
און מעהר אלס גרויסען לעהרער אנגעהויבען צו בעטראכטען,
האבען זיי אלץ מעהר און מעהר ווי אויף זייער וועג־ווייזער
אנגעהויבען צו קוקען אויף איהם, וועלכער איז געקומען פיה־
רען דעם דור זיינעם נאר אויף א נייעם וועג, וואס איז פון
אלטען דער געגענזאץ.

זיין גרויסע פערזענליכקייט איז אלץ מעהר און מעהר
פאר יעדען איינעם זעהבאר געווארען. די אינהאלטסרייכע
אינדיווידואליטעט זיינע האט אלץ מעהר און מעהר א שטאר־
קען איינפלוס אויף דעם דור זיינעם אנגעהויבען אויפצו־
איבען —

און ביידע, אי דער לאנגער פון זיינע פריינד און פער־געטערער, אי דער לאגער פון זיינע שונאים, האבן זיך דא־מאלס אנגעהויבן צו פערמעהרען און פערגרעסערען.

---

נאך א לאנגען פעריאד פון נע־ונד לעבען, נאך דעם, וואס ער האט פון דער פולער האנד אין די אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פאדאליען און אוקריינא די פרוכטבארע קע־רענדלעך פון זיין געבענשטער טעטיגקייט פערזעעט, נאכדעם, וואס ער האט שוין אויך געהאט א קליינעם פערמעגען ער־ווארבען און האט שוין אנגעהויבן א פעסטערען מאטעריע־לען באדען אונטער זיינע פיס צו פיהלען, האט דער בעל שם בעשלאסען א שטענדיגען צענטר פאר זיין טעטיגקייט צו שאפען.

און פאר דיעזען צוועק האט ער די שטאדט מעזשיבוזש אויסגעקליבען. ער האט בעשלאסען דארטען אויף שטענדיג זיך בעזעצען און פון דיעזען צענטר זיין געבענשטע טעטיג־קייט אנצופיהרען.

זיין אויסוואהל איז אויף מעזשיבוזש געפאלען, ווייל זי צייכענט זיך אויס מיט איהר בעזונדער שעהנקייט. זי איז איינע פון די שעהנסטע שטעדט, וואס געפינען זיך אין פאדא־ליען און בעסאראביען. זי צייכענט זיך אויך אויס מיט איהר אלטערטימליכקייט. זי איז איינע פון די זעהר ווייניגע היס־טארישע שטעדט, וואס געפינען זיך אין יענעם געגענד. שוין פון צוועלפטען יאהרהונדערט אן ציהט זיך די עקזיסטענץ איהרע.

ניט קלענער איז איהר ווערטה געווען אלס היסטארישע שטאדט אויך אין אידישען זין. זי האט א בעדייטענדע ראלע אין גזירת ת"ח געשפיעלט. עס האט זיך דארטען אין דער צייט פון בעל שם אויך א אידישע שוהל געפונען, וועלכע איז

שוין דאמאלס מעהר ווי דריי הונדערט יאהר אלט געווען. בעזאנדערס איז זי בעריהמט געווען אין דער תקופה פון בעל שם דורך דעם, וואס פריהער מיט א דור איז דארטען דער גרויסער גאון, דער ב״ח *), ר׳ יואל סירקיש, דער רב פון שטאדט געווען.

---

דער ב״ח איז אויסער דעם, וואס ער איז א גרויסער גאון געווען, אויך געווען א הייליגע און שעהנע פערזענליכ־קייט, און עס זיינען אין פאלק פיעלע לעגענדען און וואונ־דערליכע מעשיות פערבליבען וועגען איהם.

איינע פון דיעזע לעגענדען דערצעהלט אונז פאלגענדעס:

ווען דער ב״ח איז קיין מעזשיבוזש אלס רב אנגעקו־מען, האבען איהם די „פני״ פון שטאדט מיט א דרשה מכבד געווען.

ער האט זיך אבער אבגעזאגט זייער פערלאנג צו ער־פילען, ביז וואנען מען וועט איהם ניט צוזאגען פון הימעל, אויסצוקיהלען דעם גיהנום אויף א משך פון דרייסיג טעג —

זאלען די רשעים, וואס ווערען דארט גע׳משפט, פאר א גאנצען חודש פון זייערע ליידען לויז ווערען אין אנדענקען פון זיין אנקומען קיין מעזשיבוזש אלס רב.

און, נאטירליך, האט מען אין הימעל זיין פערלאנג נאכגעגעבען —

און די רשעים האבען א גאנצען חודש א פרעהליכען יום טוב געהאט.

און עס איז נאך קיינמאל ביים אנקומען פון א גרויסען צדיק אזא רעש אויפ׳ן הימעל ניט געווען, ווי דאמאלס, ווען

---

*) די ראשי תיבות פון בית חדש — זיין גרויסען פירוש אויפ׳ן „טור״.

דער ב"ח איז נסתלק געווארען און די נשמה זיינע איז אויפ'ן הימעל ארויף.

עס זיינען דאמאלס די אלע עולמות העליונים אויף „רעד־לעך" געגאנגען.

די אלע הייליגע נשמות האבען זיך געריסען דאמאלס וואס גיכער די נשמה פון גרויסען צדיק מקבל פנים צו זיין.

און די זינדיגע נשמות האבען זיך אין קאנוואולסיווע שמערצען געווארפען, וואס זיי קענען זייער ליידענשאפטלי־כען בעגעהר ניט בעפרידיגען, אויך זיי זאלען זיך אין קבלת פנים בעטהייליגען, אין קבלת פנים פון זייער גרויסען צדיק, וועלכער האט אזוי פיעל געטהאן פאר זיי, וועלכער האט גאנצע דרייסיג טעג דעם גיהנום פאר זיי קאלט געהאלטען.

דער בעל שם האט שטארק פערגעטערט דעם ב"ח און צו די אלע מאטיווען, וואס מיר האבען פריהער דערמאנט, צו אט יענע אלע מאטיווען, וועלכע האבען איהם בעוועגט, ער זאל מעזשיבוש אלס זיין רעזידענץ אויסקלייבען, בעדארף נאך אויך צוגעגעבען ווערען דער מאטיוו, וואס האט נאך אין זיין צייט דער גייסט פון ב"ח אין יענער שטאדט גע־לעבט. עס האט איהם — דעם בעל שם — געשמייכעלט דער געדאנק, זיין פיהרערשאפט איבער דעם אידישען פאלק אנצופיהרען פון דער שטאדט, פון וועלכען דער ב"ח האט זיין גרויסען איינפלוס איבער דעם אידישען פאלק אויסגע־איבט.

## ג.

# דעם בעל שם'ס פאמיליע.

די פאמיליע פון בעל שם. — זיין פרוי מאכט איהם א „סורפריז". — זי האט אזוי לאנג געשפארט, ביז עס האט זיך איהר איינגעגעבען אן אייגען הויז צו ערווערבען. — נאכדעם, וואס דער בעל שם האט זיך אין מעזשיבוזש בעזעצט, האט ער שוין מעהר ניט געוואלט ארומפאהרען. — ווען זיין פרוי פלעגט איהם אבער א פעטען חשבון פון חובות דערלאנגען, פלעגט ער זיך מוזען אין וועג לאזען. — ער האט ביי זיך קיינמאל קיין געלד ניט געלאזט נעכטיגען. — ער איז א גרויסער בעל־צדקה געווען.

דער בעל שם האט זיך אלזא אין די לעצטע יאהרען פון פינפטען יאהרהונדערט *), לויט אונזער רעכנונג, בעזעצט מיט זיין פאמיליע אין מעזשיבוזש.

זיין פאמיליע איז דאמאל בעשטאנען פון פאלגענדע פערזאנען: זיין פרוי חנה, וועלכע האט אזוי פיעל געליטען צוזאמען מיט איהם פאר דער גאנצער צייט, וואס ער האט זיך צו זיין גרויסער מיסיאן אין לעבען צוגעגרייט און פאר דער גאנצער צייט, וואס ער האט זיין נע־ונד־לעבען אנגע־פיהרט, און וועלכע האט איהם אזוי פיעל אין זייער טרויע־ריג און ביטער לעבען ארויסגעהאלפען: זיין בן־יחיד צבי, וועגען וועלכען דער בעל שם טוב האט געזאגט: „פיערצעהן יאהר בין איך א פרוש געווען, און הערשעלע מיין זוהן, איז

*) אנדערע גיבען אז דאס יאהר תצ"ח אלס דאס יאהר וואו דער בעל־שם האט זיך אין מעזשיבוזש בעזעצט.

על פי הדבור געבוירען געווארען *). זיין טאַטער אדעל, וועגען וועלכער דער בעל שם האָט געזאָגט, אַז ער האָט איהר נשמה פון דער תורה גענומען, פון דעם פסוק „אש דת למו“, די ראשי תיבות פון וועלכע בילדען דאָס וואָרט אדל: און איהרע צוויי קינדער: ר׳ אפרים דער בעל „דגל מחנה אפרים“, וועלכער האָט זיך אונטער דער השגחה פון זיין זיידען ערצויגען, און דער אינגערער, ר׳ ברוך, דער בעריהמטער צדיק ר׳ ברוך׳ל מעזשיביזשער.

די ערשטע צייט פלעגט דער בעל שם אין דער פרעמד וואוינען. די פרוי זיינע האָט אָבער בעוויזען אַלץ מעהר און מעהר פון דער הוצאה אָפּשפּאָרען, ביז זי האָט גענוג געלד צונויפגעקליבען און האָט פאַר דער פאַמיליע אַן אייגען הויז אויסגעבויט.

דער בעל שם האָט אָבער די גאַנצע צייט וואָס די פרוי זיינע האָט דאָס געלד אויף בויען דאָס הויז געקליבען גאָר־ניט געוואוסט דערפון. אויך די גאַנצע צייט, וואָס דאָס הויז האָט געהאַלטען אין געבויט ווערען, האָט ער נאָך אַלץ דער־פון גאָרניט געוואוסט. זיין פרוי האָט איהם אַן איבעררא־שונג געוואָלט מאַכען.

איינמאָל איז ער פאַרבייגעגאַנגען די גאַס, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען דאָס הויז, וועלכעס האָט שוין דאַ־מאָלס געהאַלטען ביים פערענדיגט ווערען. און דורך אַ צופאַל איז ער געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס איז זיין הויז. האָט ער דאַן דעם פאָלגענדען שעהנעם הלצה־קאָמפּלימענט זיין פרוי

*) עס ווילט זיך גלויבען, אַז דיעזע ווערטער זיינען קיינמאָל פון מויל פון בעל שם ניט ארויסגעגאַנגען. זייענדיג איבערפילט פון גוואַלדי־גען עקסטאַז פאַר דעם בעל שם האָבען זיינע תלמידים וואָס מעהר הייליגער און גרעסער זיין בילד געוואָלט ארויסברענגען. האָבען מאַנכע פון זיי אויך קריסטליכע פעדערען גענומען און זייער גרויסען לעהרער בעציערט מיט זיי.

געמאכט, באזירט אויף דעם פסוק פון תנ"ך: „בית והון ונחלת אבות ומה' אשה משכלת".

בית והון — האט דאמאלס דער בעל שם דיעזען פסוק קאמענטירט — ווי קען עס זיין, אז א מענש, וואס דיענט גאט, זאל גאר א שטוב און א פערמעגען פערמאגען. ניט אנדערש, אז דאס איז צו איהם דורך „נחלת אבות", דורך א ירושה געקומען. ומה' — אויב גאט וויל אבער, אז אפילו יענער, וואס האט ניט קיין נחלת אבות זאל אויך א הויז צום וואוינען פערמאגען, איז דאמאלס — אשה משכלת, שיקט איהם גאט צו אן „אשת חיל", וועלכע בויעט אויס פאר איהם א הויז מיט איהר חכמה.

---

ווען דער בעל שם האט זיך אין מעזשיבוזש בעזעצט, האט ער שוין מעהר ניט געוואלט ארומפאהען איבער די שטעדט און שטעדטליך.

ער האט עטליכע יאהר צו די פאדערונגען פון דער צייט אויך זיין מס געמוזט צאהלען. ער האט געמוזט א שטיק צייט האנדלען און פיהרען זיך, ווי די אלע בעלי שם'ען פון זיין צייט האבען זיך געפיהרט. ער האט עס געמוזט טהאן ביז עס האט זיך איהם איינגעגעבען, איבער ערציהען אביסעל די פרימיטיווע און וואולגארע בעגריפען און פאר־שטעלונגען, וואס האבען עקזיסטירט דאמאלס ביי די אידי־שע מאסען וועגען דעם, וואס א בעל שם שטעלט און בע־דארף מיט זיך פארשטעלען, ביז עס האט זיך איהם איינ־געגעבען, זיי זאלען אנהויבען א זין און פערשטענדניס פער־מאגען פאר אזא טיפ בעל שם, וואס ער האט מיט זיך פאר־געשטעלט, זיי זאלען זיין גרויסע און שעהנע פערזענליכקייט אנהויבען צו בעגרייפען און גרויסע ליעבע און רעספעקט אנהויבען פיהלען צו איהם.

נאכדעם אבער, ווען עס האט זיך איהם די ארבייט־זיינע איינגעגעבען, נאכדעם, ווי דאס פאלק האט אנגעהויבען זיך פיהלען צוזאמענגעבונדען מיט איהם, און האט שוין מעהר ניט געקוקט אויף איהם, ווי אויף א קמיע שרייבער און סגולות־געבער, נאר ווי אויף זיין לעהרער און וועגווייזער, האט ער בעשלאסען די אלע אויסערליכע פארמען פון די געוועהנליכע בעל שם'ען פון זיך אראפצו־ווארפען און זיין פאר די אידישע מאסען דאס, וואס ער האט געוואלט פאר זיי זיין און דאס, וואס ער האט פאר זיי בעדארפט זיין.

נאכדעם, וואס ער האט דער בעל שם מדרגה איהר גרעסטען תיקון געבראכט, האט ער זי שוין אויף שטענדיג אויף איהר גרויסען הויך געוואלט האלטען. נאכדעם, וואס ער האט שוין די אידישע מאסען אויף א געוויסען הויך צו זיך דערהויבען, האט ער זיך שוין מעהר צו זיי ניט געוואלט אראבלאזען און צופאסען. ער האט געוואלט, אז זיי זאלען אלץ העכער און העכער צו איהם שטייגען.

ער האט געוואלט אויסמיידען אלעס, וואס וואלט קענען כאטש אויף וויפיעל עס איז אביסעל ביליג מאכען אין די אויגען פון די אידישע מאסען זיין גרויסע און הייליגע לעבענס־מיסיאן, וואס וואלט — זאל זיין אויף וויפיעל עס איז — געבען זיי די מעגליכקייט, זיי זאלען איהם אין איין רייהע מיט די איבעריגע בעלי־שם'ען שטעלען.

און דעריבער האט ער בעשלאסען אויפצוגעבען דאס שטענדיגע ארומפאהרען איבער שטעדט און שטעדטלעך.
זאל דאס פאלק אין זיין בענקען און גארען נאך איהם נאך מעהר געלייטערט און געהייליגט ווערען.
זאל די שטאדט, וואו ער האט זיך בעזעצט, אלס צענטר דיענען פאר די אלע אנהענגער און פערעהרער זייגע, אלס

צענטר, דורך וועלכען זיי זאָלען אַלע פעראייניגט ווערען, אַלס צענטר, צו וועלכען עס זאָלען זיך ציהען אַלע די, וואָס ווילען גאָט׳ס וואָרט פון זייגע ליפּען הערען, און פון וועל־כען עס זאָל זיך די גרויסע השפּעה זייגע פערשפּרייטען.

ער פלעגט דאַמאָלס זעהר זעלטען אַרויספאָהרען. אַמ־מעהרסטען פלעגט ער זיך לאָזען אין וועג, ווען די פרוי זייגע „פלעגט איהם ברענגען אַ חשבון ווענען די חובות, וואָס קומט פאַר מעהל, פלייש און די איבעריגע הויז־זאַכען".

אויך דאַמאָלס אָבער פלעגט ער ניט אַלע מאָל איהר ווילען נאָכגעבען.

איינמאָל — דערצעהלט די לעגענדע — האָט איהם זיין ווייב אַט אַזאַ „פעטען" חשבון געבראַכט. זי האָט גערעכענט, אַז ער וועט זיך זיכער באַלד אין וועג לאָזען. עס זיינען אָבער שוין עטליכע טעג פערביינעגלאָפען און ער איז נאָך אַלץ ניט געפאָהרען.

איז זי צו איהם נאָך אַמאָל געקומען און האָט איהם אַ נייעם חשבון דערלאַנגט.

האָט ער זיך צו איהר אָנגערופען:

— וואָס איז דאָס מיט דיר, וואָס דו צווינגסט מיך צו פאָהרען? זעהסט דו דעם אויוועז, וואָס שטעהט דאָ פאַר אונז, זאָל איך נאָר ווערען, וועט ער באַלד אין גאָלד פערוואַנדעלט ווערען. און אפשר דענקסט דו, אַז דורך דעם כח פון שמות, חס ושלום. נאָר דוקא דורך תפלה אליין. איך שעם מיך אָבער פאַר מיין בעשעפער צו בעטען איהם אַזאַ זאַך.

אַז אַ ווייב אָבער הייסט פאָהרען און עס איז נאָך דער־צו אויך אויף דער הוצאה ניט פאַרהאַן, העלפען קיין חכמות ניט און מען מוז פאָהרען.

פלעגט ער יעדען מאָל, ווען די חובות זייגע האָבען זיך

שוין שטארק געהאט צעוואקסען, אין די שטעדט זיך אוועק־געלאזען.

ער פלעגט אבער דאן קיין „פדיון" און קיינע „קוויט־לער" פון קיינעם ניט נעהמען. פון דער קהל׳ישער קאסע פלעגט מען איהם שטענדיג א געוויסע סומע געבען, און ער פלעגט אין שטאדט עטליכע טעג מיט די אידישע מאסען פערברענגען און זיך לאזען ווייטער אין וועג.

קומענדיג אהיים פלעגט ער אלע חובות זיינע אבצאהלען און דאס איבריגע געלד, וואס איז איהם געבליבען, האט ער נאך אין זעלבען טאג אלס צדקה צעטיילט.

עס פלעגט ביי איהם קיינמאל קיין געלד ניט נעכטיגען. און שטענדיג, ווען עס פלעגט זיך ביי איהם אביסעל מזומן געלד געפינען, פלעגט ער זיינע מקורבים בעטען, זיי זאלען פאר איהם עפעס א מצוה אויסזוכען, אויף וועלכער ער זאל קענען דאס געלד אויסברענגען".

איינמאל האט זיך געמאכט, אז די פרוי זיינע, וועלכע האט געוואוסט, אז דער בעל שם האט געלד ביי זיך, האט בסתר א טהייל פון געלד אראבגענומען, „כדי זי זאל נאכדעם אויף בארג ניט בעדארפען נעהמען".

ביינאכט האט אבער דער בעל שם צוליעב דעם אן עיכוב אין זיין עבודה געהאט, און זי האט איהם געמוזט דאס געלד צוריקקעהרען. און אין דערזעלבער נאכט נאך האט ער געהייסען די ארימע לייט צונויפנעהמען און האט זיי דאס געלד צוטהיילט.

איינמאל — דערצעהלט די לעגענדע — איז ער גע־גאנגען מיט זיין זוהן, וועלכער איז נאך דאמאלס זעהר יונג געווען, מקבל פנים זיין דעם רב, און ער האט דארטען פיעלע זילבערנע כלים געזעהן.

געהענדיג צוריק האט ער זיך אנגערופען צום זיין זוהן:

„דו ביזט אודאי מקנא, אמאי דער טאטע דיינער האט ניט קיין זילבערנע כלים ?"

דערויף האט איהם זיין זוהן געענטפערט:

„אודאי בין איך מקנא. מיר לעבען אין ארימקייט".

האט זיך דער בעל שם צו איהם אנגערופען דאמאלס:

„ווען דיין טאטע וואלט האבען געלד אויף זילבערנע כלים צו קויפען, וואלט ער בעסער ארימע לייט אויסגעהאל־טען, און דאס איבעריגע געלד וואלט ער אויף צדקה אוועק־געגעבען".

איינמאל האט ביי איהם אן ארימאן, וואס האט ניט געהאט מיט וואס שבת צו מאכען, דעם „אופראזש" פון זיינע פערד אוועקגע׳גנב׳עט און האט איהם פערזעצט ערגעץ. האט דער בעל שם געהייסען דעם גבאי זיינעם, ער זאל נעהמען „ח"י זהובים" און געהן אויסלייזען דעם אופראזש, וואס דער גנב האט פערזעצט, כדי ער זאל האבען מיט וואס שבת צו מאכען, און ער האט איהם אויך אנגעזאגט הערביי, אז ער זאל קיינעם גאר ניט וועגען דער געשיכטע דערצעהלען.

אט אזוי ברייט און אפען איז די האנד זיינע געווען פאר יעדען איינעם וואס האט זיך אין הילף גענויטיגט. אט אזוי גרויס און אונענדליך איז זיין מיטלייד געווען צו יעדען ליידענדען און נויטבעדערפטיגען.

## ז.

# דעם בעל שם'ס תפלה.

די התנהגות פון בעל־שם.— צוזאמען מיט זיינע תלמידים האט ער אין ב"ח'ס שול געדאַוונט.— קיינער האט קיינמאָל מיט אזא עקסטאַז און דביקות, ווי דער בעל־שם, געדאַוונט. — אין די צעהנדליגער טויזענטער פלעגען צו איהם בשעת „שמונה עשרה" מתים קומען, ער זאל א „תיקון" זייערע נשמות געבען.— אין מיטען דאַוונען פלעגט ער אמאָל דעם בית המדרש פערלאָזען און אין מארק זיך אוועקלאָזען.— מיט דעם כח פון זיין תפלה האט ער צו די אלע הויכע מדרגות זיינע דערגרייכט.

מעזשיבוזש איז אזוי ארום דער צענטער יעצט געוואָרען פאַר דעם בעל שם'ס טעטיגקייט. פון דאַנען האט ער די גרויסע שטראהלען ליכט זיינע אויף דער וועלט געלאָזען. דאָ איז ער אין זיין פולער גרויכער הויך פאַר די מענשען פון זיין דור ארויסגעטראָטען. ערשט דאָ האָט ער פאָלשטענדיג אָט יענעם וועג אין זיין לעבען גענומען צו וועלכען ער האט זיך אזוי פיעל צייט צוגעגרייט.

דאָ האָט ער שוין פון זיך גאָר אין גאַנצען דעם מאַנטעל פון אַ בעל שם, אין געוועהנליכען און אַנגענומענעם זינן, אַראָבגעוואָרפען, און איז געוואָרען פאַר דעם אידישען פאָלק דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט פאַר איהם זיין, זיין גרויסער לעהרער און וועג־ווייזער.

ער האָט ארום זיך אַ גרויסע גרופּע פון האַרציגע אידישע פּערזענליכקייטען קאָנצענטרירט, וועלכע זיינען גרויס אין נגלה און נסתר געווען.

און צוזאמען מיט זיי האט ער דאן דעם שענאם בגין, וואס ווערט מיט דעם טערמין חסידות בעצייכענט, אט יע־געם שענעם בנין, אין וועלכען עס איז אזוי פיעל נשמה און הארציגקייט איינגעזאפט, אנגעהויבען צו בויען.

און צוזאמען מיט זיי האט ער אויף א מעהר סיסטע־מאטישען און ברייטערען וועג, ווי פריהער, מיט דעם איבערערציהען פון אידישען פאלק זיך אנגעהויבען צו בע־שעפטיגען.

און צוזאמען מיט זיי האט ער אנגעהויבען טרייסט און פרייד אין אידישען לעבען צו פערשפרייטען און איבעראל זיין שפע - ברכה צו שיקען.

דא האט ער אנגעהויבען אויף א גרויסען מאסשטאב זיינע רעוואלוציאנערע אידעען צו פערריגען וועגען די וועגען, וואס קענען א מענשען צו גאט ברענגען; דא האט ער זיך אנגעהויבען מיט דער קולטיווירונג פון פאעטישען און הארציגען עלעמענט ביים אידען צו בעשעפטיגען, און נאה־הענטער און אינטימער מיט גאט און נאטור איהם צוזא־מענברענגען.

---

וואהנענדיג אין מעזשיבוזש האט דער בעל שם אין שול פון ב"ח געדאווענט שטענדיג צוזאמען מיט די תלמידים זיינע.

און עס האט נאך קיינמאל קיינער — דערצעהלט די לעגענדע — ניט געדאווענט מיט אזא געוואלדיגען עקסטאז און גרויסער כונה ווי דער בעל שם האט געדאווענט.

בעזאנדערס האט ער אונגעהייערען עקסטאז און דביקות ארויסבעוויזען, דאמאלס ווען עס איז איהם אויס־געקומען ביחידות, ניט בציבור, צו דאווענען.

עס זיינען אונז פיעלע פערשיעדענע לעגענדען גע־

בליבען, אין וועלכע עס ווערט אונז געשילדערט דער בעל שם אין מאמענט פון זיין דאווגען.

איינמאל — דערצעהלט איין לעגענדע — האט ער געדאווענט אין א צימער, א וואו עס זיינען פיעלע פעסער מיט תבואה געשטאנען, און די גאנצע צייט פון זיין דאווגען האבען די פעסער געהאלטען אין איין אונטערטאנצען, אזוי פיעל פרייד, אזוי פיעל פייער און לעבען האט ער מיט זיין דאווגען אין צימער אראבגעבראכט.

אן אנדער מאל איז געשטאנען א פולע כלי מיט וואסער אין צימער, א וואו דער בעל שם האט געדאווענט. האבען אלע געזעהען דאמאלס, ווי די וואסער אין כלי האט געטאנצט און געשפרונגען און ווי עס האט ממש די שכינה דאמאלס אויף דעם בעל שם גערוהט. אין אמת׳ען האט דאמאלס די גאנצע ערד געציטערט אין גרויסען פחד פאר דער שכינה, וואס האט זיך אין צימער בעוויזען. עס איז אבער ניט זעהבאר געווען. נאר אין דעם וואסער האט מען עס געקענט זעהן.

איינמאל ווידער האט ער אויף דעם פעלד מקבל שבת געווען, און עס האבען זיך דאן שאף אויף דעם פעלד געפאשעט. האבען זיי די גאנצע צייט פון זיין דאווגען געהאלטען אויפגעהויבען זייערע פאדערשטע פיס און זיי זיינען געבליבען אויף זייערע הינטערשטע פיס שטעהן, ווי מענשען, להבדיל.

ער האט מיט זיין גוואלדיגער דביקות די גאנצע נאטור ארום ציטערען און פלאטערען געמאכט און האט צו ענרערונגען אין מעשה בראשית געבראכט.

די דביקות פון זיין דאווגען איז אזוי גרויס געווען, אז זי האט אויך אויף די שאף אין פעלד איהר היפנאטישע ווירקונג אויסגעאיבט, און פער׳שכורט און פער׳כישופ׳ט

פון גרויסען עקסטאז און פרייד זיינען זיי די גאנצע צייט פון זיין דאווענען אויף זייערע הינטערשטע פיס געשטאנען.

בשעת דעם דאווענען פלעגט דער גאנצער קערפער זיי־נער ציטערען. דער פנים זיינער פלעגט צייטענווייז ווי א פלאם־פייער ברענען. זיינע אויגען פלעגען ברייט געעפענט בלייבען און ווי ביי א גוסס פלעגט ניט זיין אין זיי קיין בעוועגונג צו בעמערקען. יעדען מאמענט האט זיך זיין פנים עענדערט. אט איז ער רויט געווארען און האט ווי א פייער געברענט און אט איז ער וויים ווי שנעע געווארען. יעדען מאמענט האט ער אן אנדער קאליר געהאט.

דער בעל שם פלעגט אפטמאל אליין פאר דעם עמוד דאווענען. צו תפלת מוסף אבער פון ראש השנה און חול המועד און יום כפור צו נעילה פלעגט ער שטענדיג צום עמוד געהן. עס איז שוין אזוי זיין שטענדיגער מנהג און שטענדיגע חזקה געווען.

און אויב דאס גאנצע דאווענען זיינס איז העכסטער רעליזיעגער עקסטאז און דביקות געווען, האט זיין שמונה עשרה דאווענען שוין גאר די גרעסטע מדרגה אין דיזער הינזיכט דערגרייכט.

בשעת שמונה עשרה פלעגט ער וועלטען גאנצע בויען. ער פלעגט דאמאלס א ריזיגע טעטיגקייט אנפיהרען.

די שמונה עשרה זיינע פלעגט ביי איהם זעהר לאנג געדויערען.

ווארים, ווי ער אליין האט ערקלערט, בשעת ער פלעגט צו די ווערטער „מחיה המתים" צוקומען, פלעגען זיך נשמות פון פערשידענע מתים אין די טויזענטער און צעהנ־דליגער טויזענטער א לאז טהון צו איהם, ער זאל זיי א תקון געבען. ער האט דאריבער א לאנגע ווייל ביי דיזען פלאץ געמוזט שטעהן בלייבען, ווארים ער האט געמוזט רעדען מיט

יעדען איינעם פון זיי, פרעגען איהם, פאר וואס מען האט איהם פון זיין מחיצה מדחה געווען, דאן איהם א תקון געבען און מתפלל זיין פאר איהם.

ווען איך וואלט וועלען — האט זיך איינמאל דער בעל שם אנגערופען צו זיינע תלמידים — מתקן זיין די אלע נשמות וואס ווענדען זיך צו מיר דאמאלס, וואלט איך דריי יאהר גאנצע בעדארפט שמונה עשרה שטעהן.

און ניט נאר פאר די טויטע פלעגט ער, שטעהענדיג שמונה עשרה, זארגען. ער פלעגט דאן אויך אין די לעבעדיגע ניט פערגעסען. טאמער האט דאמאלס ערגעץ וואו פאר מיילען און מיילען ווייט עפעס אן אומגליק מיט א אידען געטראפען, האט עס דאמאלס דער בעל שם באלד מיט זיינע ליכטיגע אויגען דערזעהן און האט שוין אלעס געטהאן אז דער איד זאל פון אומגליק ניצול ווערען.

איינמאל האט ער אין דאווענען צוויי מאל איבערגע־זאגט אין די „פסוקי דזימרי" דעם פסוק „שקר הסוס לתשועה". די מתפללים האבען עס ניט פערשטאנען און הא־בען זיך גע'הידוש'ט, וואס דער בעל שם האט א צווייטען מאל דעם פסוק איבערגע'חזר'ט. האט זיי נאכדעם דער בעל שם ערקלעהרט, אז אין דעם מאמענט האט ער געזעהן, ווי א גזלן האט אויף א פערד געריטען און געיאגט זיך צו הרג'ע־נען א אידען, וואס איז געבליבען אין פעלד שבת האלטען און דורך דעם, וואס איך האב דעם פסוק „שקר הסוס" נאך אמאל איבערגעזאגט, האב איך איהם דעם וועג פערדרעהט, ער זאל דעם אידען ניט קענען געפינען.

און אויב די טובה פון כלל ישראל אדער פון פרט האט געפאדערט, ער זאל פון זיין תפלה מפסיק זיין, האט ער אויך דאס געטהאן, טראץ דעם וואס ער האט מיט אזא דביקות און מסירות נפש געדאווענט שטענדיג. ווען ער האט עס גע־

פונען פאר נויטיג, פלעגט ער דאן פון זיין תפלה מפסיק זיין און אמאל זאגאר אויך גאר אין גאנצען דעם בית מדרש פערלאזען.

איינמאל האט ער פאר דעם עמוד געדאווענט, און אין מיטען דאווענען האט ער פלוצלינג מפסיק געווען און האט זיך אוועקגעלאזט אין דער גאס. וואס האט זיך ניט ווייט פון שול געפונען און האט דארטען געטראפען א גוי, וואס האט געהאט האלץ צו פערקויפען. האט דער בעל שם ביי איהם א פוהר האלץ געקויפט און דער גוי האט איהם נאכגעפיהרט דאס האלץ אין בית המדרש אריין. דער בעל שם האט איהם געהייסען בעצאהלען פאר דעם האלץ און אויך דערפאר, וואס ער האט עס צום בית מדרש געבראכט, דערצו נאך האט ער איהם געהייסען אויך א גוטען טרונק בראנפען צוגעבען.

דער גוי איז איבערראשט געווען פון אזא פיינער בע־האנדלונג און האט זיך אנגערופען:

— געבענשט זאל דער אידישער גאט זיין, וואס ער פער־מאגט אזא הייליג פאלק. ווען עס זאל ביי מיר די פוהר האלץ איינער פון אונזערע געווען קויפען, וואלט איך פאר איהר ניט געווען קריגען אזוי פיעל.

נאכדעם האט דער בעל שם דעם גאנצען ענין אויף פאלגענדען אופן דערקלעהרט.

בשעת׳ן דאווענען האט ער פון אויבען א קטרוג אויף אחינו בני ישראל דערזעהן, אויף די וואס וואהנען אין די דערפער דערפאר, וואס מאנכע פון זיי נארען אב די פויערען אין די חשבונות וואס זיי האבען מיט זיי. האט ער בעדארפט פערשטאפען דאס מויל פון מקטרג דערמיט, וואס ער האט געמאכט דעם ערל זיין ליעבען נאמען צו בענטשען און דאס פאלק ישראל צו לויבען.

און יעדען מאָל, ווען דער בעל שם האָט געדאַווענט, איז ער דאַמאָלס דער שליח צבור פון גאַנצען כלל ישראל געווען. מיט זיין תפלה האָט ער דאַמאָלס די אַלע אידישע תפלות צום הימעל געבראַכט, אַזוינע אַפילו, וואָס האָבען שוין פיעלע יאָהרען אַרומגעוואַנדערט און האָבען זיך ניט געקענט צום הימעל צושלאָגען.

אַזוי גרויס איז דער כח פון זיין תפלה געווען.

און נאָר מיט דעם כח פון זיין דאַווענען — דערצעהלט אונז די לעגענדע — האָט ער צו די אַלע הויכע מדרגות זיינע זוכה געווען.

איינמאָל האָט די נשמה זיינע — ווערט אין צואת הריב״ש דערצעהלט — צום בעל שם געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ער האָט זוכה געווען צו די אַלע „רזין עילאין״, צו די אַלע הימלישע סודות, איז ניט דערפאַר, וואָס ער האָט ש״ס און פוסקים זעהר פיעל געלערנט, נאָר צוליעב דער תפלה זיינער. צוליעב דעם, וואָס ער האָט שטענדיג מיט גרויס כונה גע־דאַווענט — נאָר דערפאַר האָט ער צו דער הויכער מדרגה זיינער דערגרייכט.

## ח.

# זיין עבודה דורך טבילה.

זיין עבודה דורך טבילות אין מקוה. — ווען ר' פנחס קאריצער וואלט געווען געגאנגען אין מקוה פאר פסח, וואלט דער בעל שם אום שבועות ניט געווען געשטארבען. — דער בעל שם פלעגט אמאל אז איבעריגען ביסען האפען און אן איבעריג ביסעל וויין טרינקען. — קיינער פון זיינע תלמידים האט ניט געקענט אהיים פאהרען ביז ער אליין האט זיי צו זיך אריינגערופען און א „זיי געזונד" געוואונשען. — אין די אבענדען פלעגען ביי איהם געסט ביז עלף א זייגער פערברענגען און ער פלעגט מיט זיי גע־שפרעכען און שמועסען פיהרען. — ווען זיי פלעגען אהיים געהן, פלעגט יעדער איינער פערזיכערען, אז נאר צו איהם האט דער בעל שם דעם גאנצען אבענד גערעדט.

און אויך די „טבילות" אין „מקוה" זענען ביים בעל שם פאר א גרויסער „עבודה" פערערכענט געווען. „ער פלעגט שטענדיג אין טבילות און מקואות פערברענגען," און פלעגט זאגען, אז פאר די גרויסע מדרגות, צו וועלכע ער האט זוכה געווען, בעדארף ער אויך אט דיעזער עבודה זיינער דאנקבאר זיין.

— נאך דער מקוה, דערצעהלען די תלמידים זיינע, פלעגט מען מיט איהם קיין ווארט ניט קענען אויסריידען, און ער אליין פלעגט אויף זיך זאגען:

— ווען איך געה אין מקוה, מאך איך אויף איין מאל די אויגען צו, און איך דערזעה דאמאלס די אלע פערשיעדענע וועלטען.

אויף ווי ווייט די מצוה פון געהן אין מקוה איז גרויס

און וויכטיג אין זיינע אויגען געווען זעהען מיר דערפון, וואס ער האט איינמאל געזאגט, אז ווען דער מגיד וואלט געווען געקענט געהן אין מקוה, וואלט ער געקענט משיח׳ן אראב־ברענגען, און ווען ר׳ פנחס קאריצער, דעם בעל שם׳ס פריינד און חבר, וואלט זיך געווען פאר פסח אין מקוה טובל׳ען, וואלט דער בעל שם טוב ניט געווען שטארבען אים שבועות.

דער בעל שב לערענט אויף פאלגענדען אופן צו מקיים זיין די מצוה פון טובלענען זיך אין מקוה.

„איידער איינער געהט אין מקוה אריין, בעדארף ער זיך צו דער מדרגה פון אמת׳ען „שברת הלב״ ברענגען, און דער עול מלכות שמים מקבל זיין, אבזאגען זיך פון אלע זינד און נעהמען אויף זיך פון היינט אן און ווייטער צו דיענען גאט מיט אהבת חסד*) און יראת גבורה, כדי השם יתברך זאל זיך קענען בעריהמען מיט איהם, אזוי ווי אין פסוק שטעהט „ישראל אשר בך אתפאר״. און ער בעדארף זיין גרייט דאמאלס זיך מוסר נפש זיין על קדושת השם. דער בעל שם האט וועגען דעם ענין פון טובלענען זיך אין מקוה א ספעציעלען שריפט מיט דעם נאמען „כונות המקוה״ פערפאסט.

---

פונקט ווי ער האט יענעם געלערנט, אזוי האט דער בעל שם אויך זיך אליין געפיהרט.

---

*) מיר דערקענען גאט דורך זיינע אטריבוטען. איינער פון דיעזע אטריבוטען זיינע איז חסד—גנאר. גאט איז דער מקור החסד. א צווייטער איז גבורה. גאט איז דער מקור הגבורה. און יעדער אטריבוט ברענגט אין מענשען די ענטשפרעכענדע רעאקציאן ארויס. יעדער אטריבוט רופט ביי איהם ארויס די ענטשפרעכענדע בעציעהונג צו גאט. ווען מיר טראכטען וועגען דעם אונענדליכען חסד פון דער גאטהייט, ווערט אונזער הארץ איבערפילט מיט גרויסער ליעבע צו גאט. און ווען מיר טראכטען וועגען דער אונענדליכער גבורה פון גאטהייט, פאלט אויף אונז א גרויסע אימה — יראה — אן.

און דעריבער פלעגט ער זיך ניט פייניגען מיט תעניתים און סגופים. ער פלעגט עסען און טרינקען מיט אלע מענשען גלייך.

און אמאל זאגאר פלעגט ער אויך אן איבעריגען ביסען כאפען און אן איבעריג ביסעל ווייז טרינקען.

טראָץ דעם אבער, וואס עס איז אין דיזער התנהגות זיינער גאר ניט געווען אזוינס, וואס זאל ניט זיין אין איינקלאנג מיט זיינע לעהרען און אנשויאונגען, האט דאך די פאלקס לעגענדע אויך זיין עסען גאנצע כונות צוגעשריבען. די פאלקס לעגענדע האט, טראָץ דעם וואס דער חסידיזם האט אקצעפטירט דעם הויפט פרינציפ פון בעל שם'ס לעהרע וועגען דעם, אז מען בעדארף גאט „מתוך שמחה" דיענען, דאך ניט געקענט דערלאזען, אז דער בעל שם זאל אפילו אין זיין עסען, ווי אלע געוועהנליכע מענשען זיין. ער האט דאריבער אויך זיין עסען אלס א מין „עבודת אלהים" בעטראכט.

און זי דערצעהלט אונז, אז דאס גאנצע עסען און טרינקען וואס דער בעל שם פלעגט אין זיין הייליג מויל ברענגען, פלעגט א פייער פון הימעל קומען און עס גלייך צום הימעל ברענגען.

איינמאל — דערצעהלט די לעגענדע — האט דער בעל שם אביסעל צופיעל געגעסען. האט ער נאכדעם אליין דערקלעהרט, אז ער האט דאמאלס מיט זיין עסען מכון געווען דאס, וואס משה האט דורך די צווייטע לוחות משיג געווען.

איינמאל ווידער האט ער צופיעל וויין געטרונקען, איז דער פנים זיינער געווארען רויט און אלע האר זיינע האבען ממש ווי פייער אויסגעזעהן. „ער האט אבער בעדארפט נאר איין מאל מיט זיין האנד איבער דעם געזיכט איבערפיהרען און עס איז פון איהם מיט אמאל דער גאנצער וויין אויסגעוועבט געווארען".

און געקומען איז דאס, ווי ער אליין האט ערקלערט, על פי דעם, וואס די חז"ל זאגען: „יין קשה, פחד מפיגו", אז שרעק וועבט שטארקען ווייז אוים.

איך האב זיך אין דער געוואלדיגער גרויסקייט פון השם יתברך איינגעטראכט, איז אויף מיר א גרויסער פחד אנגע־פאלען און דיזער גרויסער פחד האט דעם גאנצען ווייז פער־טריבען.

---

אין זיין הויז פלעגט שטענדיג א געוויסער שטאט און שענע ארדנונג הערשען. ער פלעגט אליין אכטונג געבען דערויף, ווער פון די חסידים, וועלכע זיינען צו איהם אויף שבת געקומען, זאלען צוזאמען מיט איהם ביים טיש זיצען. אהן זיין ערלויבניש האט קיינער ניט געוואגט זיין פלאץ פארנעהמען. עס פלעגט אויך קיינער פון זיינע תלמידים און חסידים די שטאדט ניט פערלאזען, ביז ער האט זיי ניט אריינגערופען צו זיך און א „זייט געזונד" געווינשען. און עס האבען געמעגט אפילו שוין פיעלע חדשים אוועקגעהן, האט מען דאך ניט געקענט אריינגעהן צו איהם און זאגען איהם, אז מען וויל שוין א היים פאהרען. מען האט געמוזט ווארטען ביז ער אליין האט ניט א היים געשיקט.

פון דעם אלעם איז צו זעהן, אז צוזאמען דערמיט וואס ער האט געקענט אזוי נאהענט און אזוי אינטים צו יעדען איינעם מענשען צוגעהן, אז צוזאמען דערמיט וואס ער האט אין זיינע בעציהונגען צו מענשען די גאנצע גרויסע ליכט זיינע געלאזט פון זיך אויסשטראהלען, האט ער דאך אפילו די גאר נאהענסטע מענשען זיינע, אין א געוויסען זינן, אויך אויף א קליינעם דיסטאנץ ווייט פון זיך געהאלטען. אזוי, אז צוזאמען מיט דער אונענדליכער ליעבע, וואס זיי האבען צו איהם געפיהלט, זאלען זיי זיך צו איהם אויך מיט אונענדליכען

רעספעקט בעציהען, כדי זיין איינפלוס אויף דעם דור זיינעם זאָל נאָך מעהר שטאַרקער זיין, כדי זיין לעבענס־מיסיאָן זאָל זיך נאָך מיט מעהר גרויסען ערפאָלג קרוינען.

---

באַלד נאָך דעם, וואָס מען פלעגט מערב אַבדאַווענען, פלעגט דער בעל שם צו זיך אין צימער זיך פערקלייבען. אויפ'ן טיש פלעגען צוויי גרויסע ליכט שטעהן. עס פלעגען זיך שטענדיג געפינען אויף איהם ספּעציעלע ספרים געוויסע. צווישען דיזע ספרים פלעגען אויך זיין: משניות „קדשים" און „טהרות", אַ גמרא „זבחים", „מנחות" און דער ספר „יצירה".

ביז עלף אַ זייגער ביינאַכט פלעגט מען לאָזען די מענשען אריינגעהן צו איהם און מיט איהם רעדען.

פון עלף אַ זייגער אָבער אָן פלעגט מען שוין מעהר קיינעם ניט אריינלאָזען צו איהם, און דער בעל שם פלעגט אין התבודדות און ביחידות עטליכע שטונדען דורכאַנאַנד אין תורה און עבודה פערברענגען.

---

און פול מיט רוח הקודש — דערצעהלט די לעגענדע — זיינען געווען די געשפּרעכען, וואָס דער בעל שם פלעגט פיהרען מיט די בעזוכער זיינע, וואָס פלעגען צו איהם אין די אווענדען קומען. מעשי־נסים זיינען זיי געווען. אויף אַ וואונדערליכען אופן פלעגט יעדער איינער אין זיי געפינען דאָס, וואָס ער האָט בעדאַרפט. יעדער איינער האָט אין זיי אַנדייטונגען און בעמערקונגען געפונען דערויף, וואָס האָט איהם אויפן הארצען געדריקט. יעדער איינער האָט אין זיי אַן ענטפער געפונען דערויף, וועגען וועלכען ער האָט זיך מיט דעם בעל שם געוואָלט דורכרעדען. יעדער איינער האָט געגלויבט, אַז נאָר צוליעב איהם איז דער גאַנצער געשפּרעך

פון אוועגנד געווען, אז נאָר צו איהם האָט דעם גאַנצען אבענד דער בעל שם גערעדט.

עס זיינען איינמאָל אין אן אבענד פיעלע מענשען גע־זעסען — ווערט אין איין לעגענדע דערצעהלט, — ביים בעל שם, און ער האָט עטליכע שטונדען דורכאנאנד געהאַלטען אין איין רעדען און פּרעדיגען. און ווען די געסט האָבען דאָס הויז פערלאָזט און זיינען אהיים געגאַנגען, האָט יעדער איינער געזאָגט, אז נאָר מיט איהם האָט דער בעל שם גערעדט און ניט מיט קיין אנדערען.

---

און אויב ער פלעגט ווידמענען די אבענדען זיינע פאַר אַלע געסט און בעזוכער, וואָס פלעגען קומען צו איהם, פלעגט ער אָבער די טעג נאָר פאַר זיינע תלמידים און מקורבים האַלטען.

און אם מעהרסטען פלעגט ער דעם טאָג אויף דער נאַטור פאַרברענגען.

ער פלעגט מיט די תלמידים זיינע אונטער׳ן שטאָדט זיך אוועקלאָזען און פאַרברענגען מיט זיי דאָרטען אין גע־שפּרעכען און שמועסען.

אין דער יום טוב׳דיגער אַטמאָספערע פון דער מוטער־נאַטור, ווייט פון דעם וואָכעדיגען און טומעלדיגען לעבען, פלעגט ער פאַר זיינע תלמידים און מקורבים זיינע טעאָריען און געדאַנקען פאַרנאַנדערוויקלען. אם מעהרסטען זיינען אַלע זיינע שענע און הארציגע אפאָריזמען, אַלע זיינע וואונדער־באַרע און פיינע מעשה׳לעך און משלים, אויף דיזע אינטימע שפּאַצירען צו זייער אויסדרוק געקומען.

אין דער בעגלייטונג פון זיינע אינטימע פריינד און

תלמידים פלעגט ער מיט א לולקע־ציבעק אין מויל איבער די פעלדער ארומשפאצירען.

און עס האבען זיך בשעת מעשה פערעל־אפאריזמען פון זיינע ליפען געשאטען.

און ער האט בשעת מעשה זיינע וואונדערבארע משלים־מעשה'לעך געשפינט.

## ט.

# די וועגען דורך וועלכע דער בעל שם האט זיינע תלמידים ערווארבען.

די וועגען און מיטלען, ווי אזוי דער בעל שם האט זיינע תלמידים ערווארבען. — צו דער נשמה פון יעדען איינעם איז ער מיט א באזונדער שליסעל צוגעגאנגען. — ווי אזוי ער האט די ראשי החסידים פון מעזשיבוזש פאר זיינע תלמידים געמאכט. — זייערער א תלמיד הערט אין הימעל, נאך זיין פטירה, דעם בעל שם תורה זאגען. — ער קומט צו זיי אין חלום און גיט זיי די תורה פון בעל שם איבער. — דעם זעלבען שבת נאך געהען זיי צו שלש סעודות צום בעל שם און הערען די זעלבע תורה פון זיין מויל. — די גרויסקייט און הייליגקייט פון מאמענט, ווען דער בעל שם פלעגט זיך צום עסען וואשען. — אלע זיינע תלמידים פלעגען דאמאלס אין א טיעפען שלאף פארזינקען. — פלעגען ערוואכען ערשט, ווען ער האט די „המוציא" געמאכט. — ר' דוד פורקים הערט דאן איינמאל אין חלום, ווי דער בעל שם מיט דעם מגיד זענען זיך וועגען די כונות פון נטילת ידים מבלבל. — מיט עטליכע מינוטען נאך זיין ערוואכען הערט ער דאס זעלבע ביים טיש „בהקיץ" טאקי.

רייך און פערשיעדען זענען געווען די גרויסע און ווערטפולע אוצרות, וואס דער בעל שם האט אין זיין אינערליכער וועלט פערמאגט.

און מיט דער הילף פון דיזע אלע רייכע און פערשיעדענע אוצרות האט ער זיך בענוצט צו ארגאניזירען ארום זיך א גרופע פון גרויסע און בעדייטענדע פערזענליכקייטען, וועלבע זאלען איהם ארויסהעלפען אין דער גרויסער ארבייט זיינער, וואס ער האט גענומען אויף זיך.

ער איז געווען בעוואוסט אויף דער פולער גרויסקייט און וויכטיגקייט פון זיין טעטיגקייט, וואס ער האט געוואלט

אין אידישען לעבען אנפיהרען, און ער האט געפיהלט, אז ער מוז האבען פיעלע יונגע און פרישע כחות, וואס זאלען צוזא־מען מיט איהם די שווערע און פרוכטבארע לאסט טראגען.

און דעריבער איז די ערשטע ארבייט זיינע געווען, ווען ער האט זיך אין מעזשיבוזש בעזעצט, וואס מעהר געטרייע און איבערגעגעבענע תלמידים ארום זיך צו קאנצענטרירען. ער האט דארטען א מין „להקת־הנביאים" געגרינדעט און האט זיך מיט זייער ערציהונג בעשעפטיגט, עס זאלען פון זיי פאסיגע לעהרער און וועג־ווייזער פאר דעם אידישען פאלק ארויסקומען, פאסיגע לעהרער און וועג־ווייזער, וועלכע זאלען איהם העלפען ערציהען און פיהרען דאס אידישע פאלק און זאלען זיינע אידעען און אנשויאונגען צווישען די ברייטע פאלק׳ס־שיכטען פראפאגאנדירען.

ער האט ניט געוואלט, אז זיין טעטיגקייט זאל צוזא־מען מיט איהם אבשטארבען.

ער האט זיך דעריבער מיט גייסטיגע יורשים און ממלא־מקומות געוואלט פערזארגען, וועלכע זאלען אויך נאך זיין טויט זיין ארבייט פארטזעצען.

און געזוכט האט ער די תלמידים זיינע צווישען די אלע פערשיעדענע שיכטען און גרופען פון פאלק.

ער האט געוואלט, אז דאס גאנצע פאלק זאל אין די לעהרער זיינע פערטראטען זיין, אז די אלע פערשיעדענע קלאסען זאלען זייערע פארשטעהער אין זייערע רייהען הא־בען, כדי זייער טעטיגקייט זאל מעהר פאלקסטימליך און דע־מאקראטיש זיין און זאל מיט וואס מעהר פרוכטבארקייט געבענטשט ווערען.

האט ער נאר ערגעץ וואו אנגעטראפען אזא איינעם, וואס ער האט געדענקט, אז ער קען איהם פאר זיינע ציעלען און צוועקען צונוץ קומען, האט ער שוין אלעס, וואס איז אין

זיינע מעגליכקייטען געווען, אנגעווענדעט, יענער זאל איינער פון זיינע מקורבים ווערן.

צו דער נשמה פון יעדן איינעם איז ער מיט א בעזונ־דערן שליסעל צוגעגאנגען. אויף יעדן איינעם האט ער דורך אן אנדער וועג געווירקט. לויט דער אינדיווידואליטעט און חאראקטער פון יעדן איינעם בעזונדער, האט ער אויף איהם זיין איינפלוס אויסגעאיבט און פאר זיינעם אן אנ־העננער ערווארבען.

די מעהר איינפאכע, הארציגע און טרוימערישע נאטו־רען האט ער דורך מופתים, משלים און מעשה׳לעך גענומען. די לומדים און מופלגים — דורך פלפול און פירושים אין תלמוד און מפרשים און די, וואס זענען גרויס אין חכמת־הנסתר געווען, האט ער דורך זיינע קאמענטאריען אויף דעם זוהר און אנדערע ספרי־קבלה אלס זיינע אנהעננער ער־ווארבען.

און ניט שטענדיג איז איהם אזוי גרינג אנגעקומען די פערזענליכקייט, אויף וועלכער ער האט אן אויג געווארפען, פאר זיינעם א תלמיד צו ערווערבען. ניט שטענדיג און אי־בעראל איז איהם אזוי גרינג אנגעקומען די אנערקענונג זיינע צו ערווערבען. אפטמאל פלעגט זיך עס איהם איינגעבען ערשט נאך א לאנג־דויערענדען און שווערען קאמפף.

און אפילו אין מעזשיבוזש האט ער ניט אזוי גיך זיין פולע אנערקענונג ערווארבען. ער האט דארטען די ערשטע צייט א שווערען קאמפף פאר זיין אנערקענונג געמוזט אנ־פיהרען.

און דעם קאמפף זיינעם האט ער געמוזט פיהרען אפילו מיט אזוינע מענשען, צו די רייהען פון וועלכע ער איז נא־הענטער, ווי צו אלע אנדערע שיכטען פון אידישען פאלק גע־שטאנען.

די לעגענדע דערצעהלט אונז, אז די חסידים פון מע־זשיבוזש זענען זעהר ניט צופריעדען געווען מיט דעם בעל שם, ווען ער האט זיך אין זייער שטאדט בעזעצט. בעזונדערס האבען זיך שלעכט בעצויגען צו איהם די ראשי־החסידים פון שטאדט צו יענער צייט, ר' וואלף קיציט און ר' דוד פורקעס. דער נאמען בעל שם טוב, מיט וועלכען ער האט זיך גערופען, האט איהם אין זייערע אויגען פערבילִיגט, ווארום „פאר א צדיק פאסט ניט דער נאמען בעל שם."

דער בעל שם האט אבער ענדליך דאך געזיעגט, און ניט נאר די אלע איבעריגע חסידים, נאר אויך די צוויי אויבענ־דערמאנטע פיהרער זייערע, זענען זיינע געטרייסטע און איבערגעגעבענסטע תלמידים געווארען.

און עס ווערט וועגען דעם די פאלגענדע לעגענדע דער־צעהלט:

זיי האבען ביידע גאר א געהויבענעם תלמיד געהאט, וועלכער איז פלוצלונג געפעהרליך קראנק געווארען. האט ער געוואלט דעם בעל שם רופען. זיי אבער האבען ניט געלאזט.

ווען ער האט געזעהן, אז ער האלט זעהר שלעכט, האט ער, געגען דעם ווילען פון זיינע לעהרער, דאך דעם בעל שם גערופען:

עס איז שוין אבער צו שפעט געווען.

מען האט שוין פון הימעל דעם מלאך המות געשיקט.

האט איהם דער בעל שם געזאגט, אז ער קען פאר איהם גאר ניט טהון. ער מוז פון דער וועלט אוועקגעהן. ער האט איהם אבער א פלאץ אין גן־עדן צוגעזאגט.

ווען דער בעל שם טוב איז א היים געגאנגען, האט דער קראנקער איבערגעגעבען די לעהרער זיינע אלעס, וואס דער בעל שם האט איהם געזאגט.

האבען זיי פון איהם א תקיעת כף גענומען, אז ער זאל

זיך צו זיי נאך דעם טויט בעוויזן און דערצעהלען זיי אלעס, וואס איז מיט איהם פון זיין פטירה אן פארגעקומען.

א שטיק צייט נאך זיין טויט האט זיך צו זיי דער תלמיד ווירקליך אין חלום בעוויזען, און האט זיי דערצעהלט, אז נאך זיין טויט איז ער אין הימעל פון איין היכל צום צווייטען ארומגעגאנגען. צולעצט איז ער צוגעקומען צו א היכל, אוואו ער האט געטראפען די „בני־היכלא" זיצען אויסגעזעצט און דער בעל שם האט פאר זיי תורה געזאגט.

דער תלמיד האט זיי אויך די תורה פון בעל שם איבער־געגעבען.

זענען זיי נאך דעם זעלבען שבת געגאנגען צום בעל שם אויף שלוש סעודות און איהם געהערט זאגען ביים טיש די זעלבע תורה, וואס ער האט אויפ׳ן הימעל פאר די „בני־היכלא" געזאגט.

און א צווייטע לעגענדע דערצעהלט פאלגענדעס וועגען דעם, ווי אזוי אט יענע מעזשיבוזשער גדולים זענען זיינע תלמידים געווארען.

זייענדיג א גרויסער מתנגד פון בעל שם, פלעגט ר׳ דוד פורקעס אין דער אנוועזענהייט פון זיינע תלמידים זיך שטענדיג לוסטיג מאכען איבער דעם בעל שם.

האט זיך איינמאל געמאכט, אז איינער פון די יונגע לייט, וועלכע זיינען פון בעל שם׳ס מקורבים געווען, האט זיך אין ידיעת התורה געוואלט פערפאלקאמען.

האט איהם דער בעל שם געהייסען געהן צו ר׳ דוד פורקעס, און האט איהם דערביי אנגעזאגט, אז טאמער וועט ער הערען, ווי מען מאכט חוזק פון איהם, זאל עס איהם ניט ארען, ער זאל שווייגען שטענדיג און גאר ניט ענטפערען.

איינמאל האט ר׳ דוד פורקעס געבעטען דעם נייעם

תלמיד זיינעם ער זאל איהם עפּעס וועגען דעם בעל שם'ס דרכים דערצעהלען.

האָט איהם דער תלמיד דערצעהלט, אַז בשעת דער בעל שם וואשט זיך צום עסען, האָט ער גוואלדיגע דביקות דאַמאלס און גרויס און הייליג איז דער מאָמענט דאמאלס, און די גרעסטע תלמידים זאגאר פון בעל שם האָבען ניט די זכיה דיזען מאָמענט בייצו־וואָהנען. עס פאלט דאמאלס אַן א טיעפער שלאָף אויף די אַלע תלמידים זיינע. זיי ערוואכען ערשט דאַן, ווען דער בעל שם הויבט אָן די ברכת המוציא צו מאַכען.

האָט זיך דאַן ר' דוד שטאַרק אויסגעלאַכט פון דעם אַלעם. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט ניט איינשלאָפען.

האָט ער זיך איינמאל גוט אויסגעשלאָפען, כדי ער זאל זיך פריש און מונטער פיהלען, און צום בעל שם געקומען.

דער בעל שם האָט איהם איינגעלאַדען, ער זאל מיט איהם מיטעסען.

און ווי נאָר דער בעל שם האָט זיך צום עסען געוואַשען, איז ר' דוד אין א טיעפען שלאָף פערזונקען.

און עס האָט זיך איהם גע'חלום'ט, אַז ער איז אויפ'ן הימעל ארויף, און ער הערט דאָרטען דעם בעל שם די כונות פון נטילת ידים זאָגען און דער מגיד איז זיך מפלפל מיט איהם, און ווייזט איהם אויף, אַז זיינע כונות זענען ניט לויט די כונות האר"י. ווייטער האָט ער געהערט, ווי דער בעל שם האָט דעם מגיד אויף זיינע טענות געענטפערט, אַז „אין אונזער שוואַכען דור וועט אויך דער האר"י מודה זיין, אַז איך בין גערעכט. עס זענען פאַר אונז מיינע כונות גענוג. מיר קענען ניט מכוון זיין מעהר".

און נאַכדעם זענען זיי געגאַנגען דעם האר"י פרעגען און עס איז צווישען זיי א גוואַלדיגער פלפול פאָרגעקומען, ביז

דער האר"י האט דאך ענדליך דעם בעל שם געמוזט נאכ־
געבען.

און אין דעם מאמענט האט ר' דוד פון שלאף ערוואכט,
הערענדיג דעם בעל שם די ברכה המוציא מאכען.

און באלד נאך דעם האט דער מגיד, וועלכער האט זיך
דאמאלס אויך צווישען די געסט געפינען, זיך אנגעהויבען
מפלפל צו זיין מיט איהם, אז די כונות זענען ניט לויט די
כונות האר"י.

דערויף האט איהם דער בעל שם געענטפערט, אז אין
דיזען שוואכען דור „וועט אויך דער האר"י מודה זיין, אז
מיר זענען גערעכט".

— ווי אזוי קענט איהר עס בעווייזען ?

— זאל ר' דוד פורקעס מיין עדות זיין — איז דעם
בעל שם'ס ענטפער געוועז — ער האט אט ערשט אין הימעל
געהערט, ווי דער האר"י האט מיט מיר מסכים געוועז.

## י.

# פאַרטזעצונג

ר׳ ישראל חריף מאַטערט זיך אויף אַ שווערען רמב"ם. — דער בעל שם דערפיהלט עס און קומט צו איהם און פערענטפערט איהם אַלעס. — אין דעם מאַמענט, ווען דער בעל שם האַט אַנגעהויבען זיינע ענגו׳ם זאָגען, איז פאַר ר׳ ישראל חריף אַ שווערער תוספות פערענטפערט געוואָרען. — דער בעל שם האַט עס דערפיהלט און נאָך די סליחות האַט ער זיך צום ר׳ ישראל אַנגערופען: אַ יאַ, מיינע „ענגו׳ס" קענען אַ טייערען פשט אויף אַ תוספות זאָגען. — דער בעל שם זאָגט תורה אין אַ שענעם פּאַלאַץ אויפ׳ן הימעל. — אַ למדן מופלג, זיינער אַ מתנגד, וויל זיך אין פּאַלאַץ אריינרייסען. — דער משרת שטויסט איהם אָב. — שטעלט ער זיך ביים פענסטער און הערט זיך אין דער תורה איין.

און אויך דאָן, ווען דער בעל שם האָט ניט געטראָפען, ווען עס האָט זיך אויסגעלאָזט פּונקט פערקעהרט, ווי ער האָט פאָראויסגעזאָגט — אויך אין דעם האָט דער חסידיזם וואונ־דער גרויסע געזעהן, אויך אין דיעזע מאָמענטען האָט ער פאַ־סיגען מאַטעריאַל געפונען ער זאָל פון זיי פאַר׳ן בעל שם בלו־מען־קראַנצען פלעכטען.

איינמאָל—דערצעהלט אונז די לעגענדע—האָט דער בעל שם שבת געהאַלטען אין קאַריסטישעוו.

האָט דער שטאָדט מגיד, ר׳ הירש, וועלכער איז איבער דעם גאַנצען געגענד בערימטט געווען, ניט געוואָלט זיך זעהן מיט איהם, ווארום ער איז אַ גרויסער געגנער פון בעל שם געווען.

פּלוצלונג איז זיין טאָכטער געפעהרליך קראַנק געוואָרען.

איז צו איהם די פרוי זיינע שטארק צוגעשטאנען, ער זאָל געהן צום בעל שם סגולות ביי איהם נעהמען.

געגען זיין ווילען איז ר' הירש צום בעל שם אוועקגע־גאנגען און האָט איהם וועגען זיין טאָכטער'ס קראנקהייט דערצעהלט.

האָט איהם דער בעל שם טוב די פאָלגענדע סגולה גע־געבען: ער זאָל איבער דעם בעט פון זיין טאָכטער א שווארצע הוהן צורייסען און אבקאָכען זי און גיבען איהר אביסעל זופ פון איהר *).

ר' הירש האָט זעהר ווייניג אמונה געהאַט אין דיעזער סגולה און זי איז נאָך דערצו איהם זעהר דערווידער געווען.

ער האָט דעריבער בעשלאָסען דעם בעל שם א שפּיצעל אבטהון, דורך וועלכען ער זאָל ביליג און לעכערליך ווערען.

קומענדיג אהיים האָט ער געזאָגט זיין פרוי, אז דער בעל שם האָט איהם געהייסען פאָלגענדעס טהון: צונויפ־געהמען אלע זיינע תלמידים און אבלערנען צוזאמען א קליינע „מסכתא" און פאר דער „סעודה" פון „סיום" זאָל זי צוגריי־טען א ווייסע הוהן א געקוילעטע און זאָל געבען דעם חולה אביסעל זופּ, וועט זי געזונד ווערען.

די פרוי האָט אלעס געטהון, ווי דער מאן האָט איהר געהייסען, און די טאָכטער איז ווירקליך געזונד געוואָרען.

איז ר' הירש געלאָפען שנעל אנזאָגען די גוטע בשורה דעם בעל שם און ער האָט זיך געריכט אויף א שען ביסעל שפּאָס.

ווי ער האָט אבער נאָר די שוועל איבערגעטראָטען, האָט זיך דער בעל שם אָנגערופען צו איהם:

---

*) מען בעדארף עס מעהר ניט, ווי א מעשה בעטראכטען. דער בעל שם איז ווייט געווען פון בענוצען זיך מיט אזוינע „מעשה־אמורי" סגולות.

— איך ווייס, איך ווייס, אז דו האסט געטהון פונקט פערקעהרט, ווי איך האב דיר געהייסען. גלויב מיר, אז דו האסט זיך דורך דעם אין א גרויסער געפאהר געשטעלט. דו האסט שיעור דיין טאכטער ניט פערשפיעלט. דער גרויסער זכות אבער פון דיין תורה האט אויך דיר מגין געווען און האט דאס לעבען פון דיין טאכטער גערעטעט.

ר' הירש האט דאן—פערענדיגט די לעגענדע—דעם גרויסען כח פון בעל שם דערזעהן און איז פון דאמאלס אן זיין הייסער חסיד געווארען.

---

דער בעל שם איז געווען פונקט אזוי גרויס אין נגלה, ווי אין נסתר. עס האבען זיך צווישען זיינע תלמידים פיעלע בעריהמטע גאונים געפונען. ווען אבער זיינע ידיעות אין תלמוד און פוסקים זאלען ניט געווען גאונישע זיין, וואלט ער ניט געווען געקענט האבען אזוינע גאונים אלס תלמידים זיינע.

אויסער דעם רעדען אלע גאונים־תלמידים זיינע מיט גרויס בעגייסטערונג וועגען זיין גרויסער חריפות און בקיאות.

ער האט אבער קיינמאל ניט געוואלט מיט די גרויסע ידיעות זיינע אין נגלה שטאלצירען. ער פלעגט זיי ניט פאר דעם ברייטען פובליקום ארויסווייזען. ער האט געוואלט דערמיט אונטערשטרייכען, אז דער עיקר איז ניט די גוטע קאפ, נאר דאס גוטע הארץ, אז די העכסטע מדרגה אין עבודת ה' קען מען אפילו אהן גאונות דערגרייכען.

ווען עס האט זיך אבער געהאנדעלט וועגען א נייעם תלמיד צו ערווערבען, האט ער זיך אויך מיט זיין גאונות און חריפות בענוצט. עס זאל זיך זיין פערלאנג מיט ערפאלג קרוינען.

און דורך זיין גאונות און חריפות—דערצעהלט אונז די לעגענדע—האט זיך איהם איינגעגעבען אויך ר׳ ישראל חריף פאר זיינעם אן אנהענגער צו ערווערבען.

ר׳ ישראל—ווערט אין א לעגענדע דערצעהלט—האט פערזענליך דעם בעל שם געקענט און איז א גרויסער געגנער זיינער געוועז.

איינמאל איז ר׳ ישראל׳ען עפים א שיטה אין ש״ס און רמב״ם קשה געוועז. דער בעל שם האט עס דערפיהלט און האט זיך אוועקגעלאזט צו איהם און האט איהם אלעס לויט דעם ריכטיגען פשט ערקלערט.

האט איהם ר׳ ישראל דאמאלס געזאגט:

— דער אמת איז, אז דער פשט, וואס איהר האט גע־זאגט, איז זעהר א גוטער און דערפאר וואלט איך אייך טאקי ליעב געהאט, ווען איהר זאלט קיין בעל שם ניט זיין.

און נאך אמאל האט זיך געמאכט, וואס ר׳ ישראל האט זיך עפים אויף א שווערען ענין געמאטערט, און אויך דאס מאל איז צו איהם דער בעל שם אונטערגעקומען און האט איהם דעם ריכטיגען פשט ערקלערט. און ר׳ ישראל האט איהם ווידעראמאל געזאגט דאס, וואס ער האט איהם דעם ערשטען מאל געזאגט.

ענדליך האט זיך אזוי געמאכט, אז ר׳ ישראל׳ס זוהן איז געפעהרליך קראנק געווארען.

די פרוי זיינע איז צו איהם צוגעשטאנען, ער זאל צום בעל שם פאהרען.

פריהער האט ער ניט געוואלט. שפעטער אבער האט ער געמוזט נאכגעבען—

און ער איז אנגעקומען צום בעל שם די ערשטע נאכט פון סליחות.

ביי סליחות אין שול האָט ר' ישראל געזאָגט פון איין סליחה מיט דעם חזן.

און דער מנהג פלעגט זיין, אז דער בעל שם אליין פלעגט צום עמוד געהן און פאַרבעטען דעם „אל רחום וחנון" און די „עננו'ס." דער בעל שם פלעגט זאָגען, אז „ווען נאָך איינער וואָלט געקענט אזוי ווי איך „אל רחום שמך" זאָגען, וואָלט איך משיח'ן אראָפּגעבראַכט."

ווען דער חזן איז פון עמוד אוועקגעגאַנגען, איז גאַנץ קהל געבליעבען אויפ'ן בעל שם וואַרטען.

און ר' ישראל האָט זיך פערטראַכט דערווייל, ער האָט זיך אין א שווערען תוספות פערטיעפט.

דער בעל שם איז צוגעגאַנגען צום עמוד און האָט אָנגעהויבען זאָגען „אל רחום" און „עננו," ווי זיין שטייגער איז געווען.

און פונקט דאַמאָלס האָט דער ריכטיגער פשט אין מוח פון ר' ישראל א שיין געטהון.

דער בעל שם האָט גענענדיגט דאָס סליחות זאָגען, און איידער נאָך ר' ישראל האָט בעוויזען אָנהויבען צו רעדען מיט איהם, האָט זיך דער בעל שם אָנגערופען צו איהם:

— דער „עננו" מיינער קען א גוט פשט'על אין תוספות זאָגען.

און פון דאַן אָן איז ר' ישראל חריף אַן איבערגעבענער תלמיד פון בעל שם געוואָרען.

---

אין אַן ענגליכער לעגענדע ווערט פאָלגענדעס דער־צעהלט:

אין מעזשיבוזש האָט זיך א מלמד, א למדן מופלג, גע־פונען, וועלכער איז א געגנער פון בעל שם געווען, און דער בעל שם האָט זעהר געגאַרט לעבודת ה' איהם מקרב זיין.

איינמאָל אין א פרייטאָג־צו־נאַכט האָט דער מלמד אין חלום געזעהן א שענעם פּאַלאַץ, וועלכער איז „אויף דעם שענ־סטען אופן אויסגעשטאַטעט געווען."

איז ער צום פּאַלאַץ צוגעגאַנגען און האָט אהין דורך דעם פענסטער אריינגעקוקט. האָט ער געזעהן, ווי דער בעל שם דרש'עט דאָרטען דברי תורה ברבים.

איז ער צוגעלאָפען צום טיר און האָט אינווייניג אין פּאַ־לאַץ געוואָלט אריינגעהן.

דער משרת אָבער, וואָס איז ביים טיר געשטאַנען, האָט איהם פון טיר אָפּגעשטויסען און האָט איהם ניט געלאָזט אריינגעהן.

האָט ער זיך נעבען פענסטער אוועקגעשטעלט און האָט זיך אין דער תורה פון בעל שם איינגעהערט.

ווען ער איז אָבער אין דער פריה אויפגעשטאַנען, האָט ער די גאַנצע תורה, וואָס ער האָט געהערט נעכטען, פער־געסען.

א גאַנצען טאָג איז דער מלמד, ווי א משוגענער ארומ־געלאָפען. פאַרנאַכט איז צו איהם דער גבאי פון בעל שם גע־קומען און האָט איהם איינגעלאַדען צום בעל שם אויף שלש סעודות.

און ער האָט געהערט דאָרטען די גאַנצע תורה, וואָס ער האָט נעכטען ביינאַכט אין חלום געהערט —

און פון דאַמאָלס אָן איז ער זיין חסיד געוואָרען.

אמת שען איז אויך די פאָלגענדע לעגענדע וועגען דעם, ווי דער בעל שם פלעגט זיינע אָנהענגער ערוועַרבען.

איינער פון די גדולי־הדור איז א געגנער פון בעל שם געווען.

איינמאָל אין א פרייטאָג־צו־נאַכט האָט ער אין חלום געזעהן, אז עס איז פאָרגעקומען א מחלוקת צווישען האר"י

און בעל שם וועגן דעם, ווי אזוי מען בעדארף א געוויסע שטעלע אין „זוהר" אויסטייטשן.

נאך א לאנגען חלוקי דעות זענען זיי ביידע צו ר' שמעון בן יוחאי, דער מחבר פון זוהר, צוגעגאנגען, און דער לעצטער האט דעם האר"י אבגעגעבען גערעכט.

דער בעל שם טוב איז אבער ניט צופריעדען געבליעבען. ער האט זיך אויך פאר דעם אויטאריטעט פון ר' שמעון בן יוחאי ניט געוואלט בויגען.

האט ער זיך צו ר' שמעון בן יוחאי אנגערופען:

— דעם זוהר האסט דו דאך מיט רוח הקודש מחבר געווען. טא לאמיר גאט אליין פרעגען.

איז ארויס א בת קול פון הימעל און האט אויסגערופען, אז דער אמת'ער פשט אין זוהר איז דער פון בעל שם.

אויף מארגען בשעת שלש סעודות האט דער אויבענדער־מאנטער גדול געהערט פון בעל שם אט יענעם פשט אין זוהר, וואס ער האט אין חלום געהערט.

## יא.

# די בעציהונגען פון בעל שם צו זיינע תלמידים

די בעציהונגען פון בעל שם צו זיינע תלמידים. — פיעלע האט ער ניט נור מיט עסען און טרינקען אויסגעהאלטען, ער פלעגט זיי אויך געבען געלד פאר זייערע פרויען און קינדער. — ער פיהרט זיך ארום מיט א זיעבען־יעהריגען אינגעל, א קינד פון זיין בעליעבטען תלמיד, ר' מאיר מרגלית, און פארערט אויף יעדען איינעם זיין זיסע און שעהנע שטימע צו בעוואונדערן.—דעם מעזשעריטשער מגיד האט ער געדונגען א דירה אין מעזשיבוזש און האט איהם נאך גע־געבען דערצו צוועלף גילדען א וואך אויף דער הוצאה.

איך בין געקומען אויף דער וועלט — האט דער בעל שם געזאגט — צו ווייזען א נייעם דרך אין עבודת ה'. איך בין ניט געקומען שווערער מאכען דעם עול פון אידישען פאלק, נאר פארגרינגערען איהם. דער איינציגער וועג, דורך וועלכען מען קען צו גאט קומען, איז ליעבע.

ליעבע צו גאט, ליעבע צו דער תורה און ליעבע צום אידישען פאלק.

און ער האט ווירקליך, ווי קיין אנדערער, אונענדליכע ליעבע פאר יעדען אידען פערמאגט, און איז אין יעדען מא־מענט גרייט געווען ניט נאר פאר דעם כלל, נאר אויך פאר יעדען פרט, מוסר נפש זיך זיין.

„יעדער איינער געפינט אויף זיך א זכות שטענדיג. דאריבער באדארף ער שטענדיג אויך אויף יעדען אידען א זכות געפינען. ווארום דער „צד השוה" פון אלע אידען איז, וואס זיי זענען כלם צדיקים, כלם טהורים, כלם ישרים".

און איינמאל האט ער געזעהען איינעם פון זיינע תלמידים זיין קליינעם זוהן קושען. האט ער זיך צו איהם אנגערופען: „פיעל מעהר נאך, ווי דו האסט דיין זוהן ליעב, האב איך יעדען אדם מישראל ליעב. ווען איך זעה א אידען, דערפיהל איך א שטארקען פערלאנג, איהם אויף דעם האלז זיך ווארפען און יעדען אבר איהם אויסקושען. איך אונטערדריק אבער מיינע געפיהלען“.

אט אזא אהבת ישראל האט דער בעל שם טוב געפרעדיגט.

ליעב האבען א אידען, ווי מען האט זיך אליין ליעב, ליעבען איהם מיט ליידענשאפט, ליעבען איהם מיט א ציטער אין דער נשמה, ליעבען איהם ווי מען האט ליעב א גע־ליעבטע, ווי מען האט ליעב אן אייגען קינד.

און דעם שענסטען מוסטער איהרען האט דיזע אהבת ישראל זיינע געפונען אין זיינע בעציהונגען צו זיינע תלמידים.

ער האט זיי, ווי א געטרייער און איבערגעגעבענער פאטער געדיענט. ער האט ניט נאר פאר זייער נשמה געזארגט, נאר אויך פאר זייער קערפער, ניט נאר פאר זייערע גייסטיגע, נאר אויך פאר זייערע מאטעריעלע הצטרוכת׳ען. ער האט די אינטערעסען פון אלע זיינע תלמידים ביי זיך אין הארצען געטראגען.

ווען דער זוהן פון זיין בעליעבטען תלמיד, ר׳ יצחק מרגלית, איז קראנק געווארען, האט ער איהם צו זיך גענומען. א גאנץ יאהר האט זיך דאס קינד ביים בעל שם אין הויז געפונען. ער איז דאס גאנצע יאהר שטענדיג אונטער דער השגחה פון בעל שם געשטאנען און איז ביי איהם ממש „ווי אן אייגע־נער זוהן געווען“.

און די אייגענע פאטערליכע געפיהלען האט ער אויך צום צווייטען ברודער, צו ר' מאיר מרגלית, ארויסגעוויזען.

ר' מאיר מרגלית איז אמאל געקומען צו איהם מיט זיין יונגסטען זוהן, שאול, וועלכער איז דאמאלס זיעבען יאהר אלט געווען.

דאס קליינע אינגעל האט דעם בעל שם מיט זיין שענ־קייט און מיט זיין זיסער שטימע בעצויבערט. האט ער געבע־טען ר' מאיר'ן, ער זאל ביי איהם זיין קינד אויף א געוויסער צייט איבערלאזען, ער זאל זיך אונטער זיין השגחה געפינען.

דער פאטער האט דעם פערלאנג פון בעל שם בעפרידיגט.

דער בעל שם האט אבער פון קינד גוואלדיג אנגעקוואלען און האט בעשלאסען צו מאכען א „טור" מיט דעם קינד איבער דעם גאנצען געגענד, ווייזען איבעראל, וואס פאר א טייערע כלי עס וואקסט עס ביי זיין תלמיד.

און אין א וואך ארום האט ער געהייסען איינשפאנען דעם וואגען און האט זיך צוזאמען מיט זיינע תלמידים און בעליעבטען קינד אין וועג געלאזט.

דער וועג, איבער וועלכען זיי זענען געפאהרען, איז גע־ווען זעהר א גוטער ביז זיי זענען צוגעפאהרען צום קלויסטער, וואס איז אין עק שטאדט געשטאנען. פון דארטען איז שוין געווען ניט וויים צום שענק, וואס האט זיך געפונען אין נא־הענטען דארף, דורך וועלכען זיי האבען בעדארפט דורכ־פאהרען.

האבען די תלמידים פון בעל שם זיך זעהר געשראקען. עס איז דאן א חגא געווען, און צו יענע צייטען פלעגט זעהר געפעהרליך זיין אריינצופאהרען אין אירגענד וועלכען דארף, ווען עס פלעגען זיך איבער דעם שיכור'ע גויים ארומדרעהען.

די תלמידים זיינע האבען מורא געהאט די פויערים זאלען זיי מיט שטיינער ניט פארווארפען.

דער בעל שם האט זיך אבער מיט זייער שרעק ניט גע־רעכנט.

ער האט זיך פערלאזט אויף זיינע גרויסע פעהיגקייטען, די מוחות און הערצער פון פערשידענע מענשען צו בעהערשען, זיין איינפלוס און היפנאז אויף יעדען איינעם אויסצואיבען.

איז ער ביז צום שענק צוגעפאהרען.

און נעבען שענק איז געשטאנען אן אלטער פויער און האט אויף א פידעל געשפיעלט, און די גויים מיט די גויות האבען געטאנצט.

דאן איז דער בעל שם פון וואגען אראבגעגאנגען.

ער האט געהייסען געבען די פויערים בראנפען אויף זיין חשבון און האט זיך אנגעהויבען צו בעריהמען פאר זיי, אז ער האט מיט זיך א קליין קינד, וואס זינגט אויסגעצייכענט אלע ליעדער זייערע.

און תוך כדי דבור האט ער זיך אנגערופען צו שאול׳ן ער זאל עפעס פארזינגען.

דאס זינגען פון קינד האט געוואלדיג אויסגענומען ביי די פויערים. ניט ווייניגער האט ביי זיי אויך אויסגענומען דער בראנפען, מיט וועלכען דער בעל שם האט זיי מכבד געווען און זיי האבען א גאנצע נאכט געהוליעט און געטאנצט.

אויך די קינדער פון די פויערים האט דער בעל שם ניט פארטיילט. ער האט זיי פערשידענע מתנות געגעבען, און האט יעדען איינעם׳ס נאמען געפרעגט, אזוי אז די פויערים האבען גאר אין גאנצען פארגעסען אין דעם, אז די געסט זענען אידען.

פון דארטען זענען זיי אוועק בשלום קיין הייסין, וואס געפינט זיך נעבען מעזשיבוזש. דארטען האבען זיי געזעהן, ווי א גרויסער קבוץ פון מענשען שטעהען און הערען זיך איין ווי א גויה זינגט.

האָט זיך דער בעל שם אָנגערופען צו זיי :

שוטים, איך האָב אַ קליין אינגעל מיט זיך, קען ער פיעל בעסער, ווי די גויה, זינגען.

און ער האָט דאָס קינד צוגערופען און האָט איהם גע־הייסען פאַר די מענשען זינגען.

פון דאַן האָט אָנגעהויבען ר' מאיר מרגלית קינד איבער דעם גאַנצען געגענד בעריהמט צו ווערען. אין אַ צייט אַרום איז ער אַ באַריהמטער חזן אין רוסלאַנד געוואָרען אונטער דעם נאָמען קאַשטאַן. מען האָט איהם מיט דיזען נאָמען גערופען צוליעב די בלאָנדע האָר זיינע. דיזער ר' שאול קאַשטאַן איז געווען דער הויפּט פון דער קאַשטאַן פאַמיליע, וועלכע האָט אין אַ משך פון עטליכע דורות אַרויסגעגעבען גרויסע און באַריהמטע חזנים פון זיך.

ר' שאול'ס זוהן איז געווען קאַשטאַן־וויינטרויב דער צווייטער, דער פאָטער פון דעם דריטען קאַשטאַן, דער באַ־ריהמטער קעניגסבערגער חזן.

---

פיעלע פון זיינע תלמידים פלעגען זיך ביי איהם אין הויף אַ לאַנגע צייט אויפהאַלטען, און ער האָט זיי ניט נאָר מיט עסען און טרינקען אויסגעהאַלטען, נאָר אויך מיט אַלע זייערע אַנדערע הצטרכות'ען. מאַנכע פלעגט ער זאָגאַר אויך אַ געוויסע סומע וועכענטליך געבען, זיי זאָלען זייערע פרויען אויף דער הוצאה שיקען.

דעם מעזשריטשער מגיד ווען ער איז קראַנק געווען, האָט ער אין מעזשיבוזש אַ דירה געדונגען און פלעגט איהם נאָך געבען דערצו צוועלף גילדען אַ וואָך אויף דער הוצאה.

## יב.

# דער בעל שם רופט ארויס דעם ס"ם אין די אנ־וועזענהייט פון זיינע תלמידים.

אלעס, וואס ער האט אויף דעם הימעל און אויף דער ערד געזעהן, האט ער פאר זיינע תלמידים דערצעהלט. — דער בעל שם רופט ארויס דעם ס"ם און הייסט זיינע תלמידים האלטען זייערע שטערנס אבגעדעקט, כדי עס זאל זיך אנזעהן דער צלם אלהים זייערער— וועט זיי דער ס"ם ניט קענען מזיק זיין. — דער ס"ם בעט זיך, מען זאל איהם לאזען שטעהן נאך א ווייל|ע, כדי ער זאל זיינע אויגען קענען זעטיגען מיט דעם צלם אלהים, וואס ער זעהט אויף דעם בעל שם'ס תלמידים.

און פונקט ווי דער בעל שם האט זיך אינטערעסירט און געוואוסט אלעס, וואס איז זיינע תלמידים נוגע געווען, אזוי האבען אויך די תלמידים זיינע געוואוסט אלעס, וואס איז אין זיין אייגענער וועלט פארגעקומען.

ער האט פאר זיי די אלע גרויסע און רייכע אוצרות זיינע אויפגעעפענט און האט זיי געלאזט זייערע אויגען זעטיגען מיט דעם גאנצען עשירות וואס האט זיך געפונען דארטען.

ער האט צוזאמען מיט זיי איין לעבען געלעבט. אלעס, וואס זיינע ליכטיגע אויגען האבען געזעהן, האט ער געוואלט, אז אויך זיי זאלען מסוגל זיין צו זעהען עס. אלעס, וואס ער האט געפיהלט און געוואוסט, האט ער געוואלט, אז אויך זיי זאלען עס פיהלען און וויסען.

און מיט יעדען מאל און צומאל פלעגט ער זיך בענוצען,

זיינע תלמידים צו א וואס העכערער מדרגה דערהויבען, וואס מעהר שארפער און ווייטזעהענדיג זייער ראיה צו מאַכען, וואס מעהר טיעפער, ראפינירטער און פיינער זייער הארץ און געפיהל אויסצובילדען.

און אפטמאל פלעגט ער מיט זיי צו דיזען צוועק אויף ווייטע נסיעות אונטערנעהמען, כדי דורך א געוויסען צופאל זיינעם א געדאנק, זיינעם אן אפאריזם צו אילוסטרירען, כדי דורך א געוויסען לעבענס־בילד דעם אמת פון זיינע אנשויאונגען און לעהרען אויף זיי ארויפצווינגען. ער פלעגט פאר זיי — דערצעהלט די לעגענדע — פאר דיזען צוועק אויף אילוזיאנען און זעהונגען ארויסרופען.

איינמאל האט ער וועגען א געוויסען ענין דעם ס״ם ארויסגערופען.

האט זיך ז׳ער ס״ם צו איהם אנגערופען מיט כעס :

— וואס האסט דו מיך בעאונרוהיגט. מען האט מיך זינט די וועלט שטעהט, נאר דריי מאל ארויסגערופען. בעת דעם חטא פון אדם הראשון, בעת די אידען האבען מיט דעם עגל געזינדיגט און בשעת דער בית המקדש איז חרוב געווארען.

דער בעל שם האט איהם פאר זיינע תלמידים געוויזען, און האט זיי געהייסען האלטען אבגעדעקט זייערע שטערנס, כדי עס זאל זיך אנזעהן דער צלם אלוהים, וואס זיי טראגען אויף זיי.

צו ענדע ווען דער ס״ם האט שוין בעדארפט אוועקגעהן האט ער זיך צו די תלמידים פון בעל שם בזה הלשון אנגערופען :

— בני אל חי, קינדער פון לעבעדיגען גאט, ערלויבט מיר דא צו שטעהן נאך א קליינע ווייל, איך זאל מיינע אויגען קענען זעטיגען מיט דעם „צלם אלהים״ וואס איהר טראגט אויף אייערע געזיכטער.

דער כלו־רע האט א ניצוץ פון דעם מקור הטוב דער־זעהן — האט זיך ביי איהם א פייער פון בענקעניש אנ־געצונדען.

יעדען טאג פאר מנחה דאווענען — דערצעהלט ווידער די לעגענדע — פלעגט דער בעל שם געהן שפאצירען צוזא־מען מיט זיינע תלמידים, ווי דער האר"י פלעגט זיך נוהג זיין.

און איינמאל זיינען זיי ווייט הינטער'ן שטאדט פאר־גאנגען און עס איז שוין די צייט געקומען, מנחה צו דאווענען.

האבען זיי ניט געהאט קיין וואסער, די הענד צום דאווענען צו וואשען.

האט דער בעל שם זיין שטעקען גענומען און האט מיט איהם א קלאפ געטהון איבער דער ערד.

און עס האט זיך באלד א קוואל פון פרישע און לעבעדיגע וואסער דארטען בעוויזען. און דיזער קוואל איז שוין דארטען אויף שטענדיג פארבליבען און אין א צייט ארום האט מען דארטען א מיהל געשטעלט.

---

דער בעל שם האט זיך אויף אזוי פיעל אינטים צוזא־מענגעבונדען מיט זיינע תלמידים געפיהלט, אז ער האט זיך ניט זשענירט צו רעדען מיט זיי וועגען זיין גרויסקייט און זיין גוואלדיגער חשיבות אויף דעם הימעל און אויף דער ערד.

ער האט זיי גאר אין גאנצען ניט אלס פרעמדע מענשען געפיהלט, פאר וועלכע מען קען ניט אין גאנצען די אייגענע אינערליכע וועלט פריי און ברייט פערנאנדערעפענען. ער האט זיי ווי חלקים פון זיין אייגענעם גוף און נשמה בעטראכט, און האט מיט זיי, ווי א מענש מיט זיך אליין, גערעדט.

די אלע סודות, וואס מען האט איהם פון הימעל מגלה געווען, האט ער אויך זיי — לויט דער השגה זייערער —

מגלה געווען. ער האט זיי דערציילט אלעס וואס ער האט אויף דעם הימעל און אויף דער ערד געהערט און געזעהן.

איינמאל האט ער זיינע תלמידים דערציילט אז מען האט איהם אין גן עדן אונטער דעם „עץ הדעת" פון גוטס און שלעכטס געפיהרט.

„זענען מיט מיר דאמאלס א סך אידען מיטגעגאנגען, ווען מיר זיינען אבער דורך דעם עץ החיים דורכגעגאנגען, זיי־נען זיי אלץ ווייניגער און ווייניגער געווארען, ביז עס זיינען פון זיי גאר ווייניג געבליעבען".

„און נאך דעם, ווי מען האט מיך אין גן־עדן הפנימי אריינ־געפיהרט, זיינען זיי נאך מעהר ווייניגער געווארען, און עס איז פון זיי א זעהר אונבעדייטענדע צאהל געבליעבען".

און איינמאל א מוצאי ראש השנה האט ער זיי דער־צעהלט, אז ער האט געזעהען שטעהן פאר דעם מלך המשפט די אידישע אבות, ווי זיי נעהמען איבער די זכיות פון אידישען פאלק, און משה רבנו האט זיך אויך דאמאלס צווישען די אבות געפונען און ווי א סרסור איז ער אלע מאל הין און הער געלא־פען און האט אלע מאהל וואס מעהר אידישע זכיות מיט זיך געבראכט. ער האט אלעם מיט וואונדערליכע חכמה געפיהרט, אז די מקטרגים און די זינד זאלען חלילה צום ווארט נים קומען."

ער פלעגט זיי אויך אפטע גרוסען אבגעבען פון אליהו הנביא, וועלכער, ווי ער האט פארזיכערט, פלעגט זעהר אפט מיט א בעזוך צו איהם קומען. אויך דער נביא יונה בן אמיתי פלעגט איהם דורך אליהו'ן זעהר אפטע גרוסען שיקען.

צווישען די גרויסע אידישע פערשטארבענע פערזענליכ־קייטען, וואס פלעגען איהם אפטע בעזוכען אבשטאטען, האבען זיך אויך די פאלגענדע געפונען: רבי שמעון בן יוחאי, רבי יהודה הנשיא און דער האר"י הקדוש.

איינמאָל, ווען די אַלע תלמידים זיינע זענען פערזאַמעלט געווען, האָט דער בעל שם זיך אָנגערופען צו זיי:

— זעהר א סך ווייס איך און זעהר פיעל בין איך בכח אויפצוטהון, עס געפינט זיך אָבער קיינער נים, וועמען איך זאָל קענען אַלעס מגלה זיין.

אין נסתר, אויף וויפיעל מען ווייסט מיך ניט — האָט ער זיי א צווייטען מאָל געזאָגט — בין איך נאָך מעהר בעל שם, ווי אין נגלה — אויף וויפיעל מען האָט יאָ א בעגריעף וועגען מיין גרויסען כח.

„עס טרעפט זיך, אַז די וועלט געפינט זיך „במעלת הרוממות," אויף א געהויבענער מדרגה, און אַמאָל געפינט זי זיך אויף א ניעדעריגער מדרגה. יעצט אָבער, ווען איך געפין זיך אויף דער וועלט, שטעהט די וועלט שטענדיג אויף א הויכער מדרגה."

„און עס איז גאָר די נשמה ניט פערהאַן — האָט ער איינמאָל צו זיינע תלמידים געזאָגט — פון אדם הראשון'ס צייטען אַן, וואָס איך זאָל זי ניט קענען. און עס איז גאָר די נשמה ניט פערהאַן, וואָס זאָל קענען אָהן מיין רשות צו איהר פּלאַץ קומען."

איינמאָל, ווען זיינע תלמידים זענען געשטאַנען נעבען איהם, האָבען זיי עפּיס א מורמעל אין הויז געהערט.

האָט זיך דאַן דער בעל שם אָנגערופען צו זיי:

דאָס איז א נשמה פון א מענשען, וואָס איז צוריק מיט דריי הונדערט יאָהר געשטאָרבען. זי איז יעצט געקומען בעטען א תיקון פון מיר.

נאָכהער האָבען זיי ווידעראַמאָל א גערויש געהערט.

האָט דער בעל שם געזאָגט צו זיי, אַז דאָס פערלאָזט זי דאָס הויז יעצט און געהט זיך טובל'ען אין „נהר דינור."

יעדער איינער, וואָס האָט די זכיה צו האַלטען שבת ביי

מיר און עסען ביי מיין טיש — האָט דער בעל שם געזאָגט — ווערט דורך דעם אין איהם א סם חיים אריינגעגעבען, ער זאָל פון אלע תאוות געהאָלפען ווערען, און עס האָט אויך די גוטע פעולה אויף איהם, ער זאָל זיך אין הויז אין קדושה און טהרה פיהרען.

און ווען מע האָט איהם איינמאָל געזעהן עסען א סך, האָט ער דאָן צו די אלע מקורבים, וואָס זענען געשטאַנען נעבען איהם, זיך אָנגערופען: איך האָב מכוון געווען מיט מיין עסען דאָס, וואָס משה בבנו האָט משיג געווען דורך די לוחות.

און רעדענדיג איינמאָל וועגען דעם גרויסען כח פון אמונה, האָט ער דערצעהלט זיינע תלמידים, אז ער איז איינמאָל דעם טייך דניעסטער איבערגעגאַנגען אָהן א שום שם. ער האָט נאָר זיין גאַרטעל איבער דעם וואַסער אַניעדערגעלעגט און האָט אָנגעהויבען שפּאַנען איבער איהם. „נאָר מיט דעם כח פון מיין גרויסער אמונה אין גאָט בין איך דעם טייך איבער־געגאַנגען".

יג.

# דעם בעל שם׳ס סידור

דעם בעל שם׳ס סידור. — יעדער איינער פון זיינע בעליעבטע תלמידים פלעגט דאַרטען זיין בקשה אָנשרייבען און דער בעל שם פלעגט פאַר איהם מתפלל זיין. — די נשמה זיינע האָט ניט געוואָלט אויף דער וועלט אַראָבגעהן! ביז מען האט איהר ניט צוגעזאָגט זעכציג גבורים געבען, וועלכע זאָלען זי היטען שטענדיג.

און אויך אין מאָמענט פון זיין העכסטען רעליגיעזען עקסטאַז, אין די מאָמענטען, ווען ער איז געווען אין די תפלות זיינע פערטיעפט, אויך דאַן האָט דער בעל שם וועגען די תלמידים זיינע געדענקט און געטראַכט און האָט פאַר זיי אין יעדער תפלה צו גאָט געבעטען.

זיין שוואָגער ר׳ גרשון, וועלכער איז געוואָרען איינער פון דעם בעל שם׳ס איבערגעבענסטע תלמידים, אַ שטיקעל צייט נאָכדעם וואָס דער בעל שם האָט זיך אין מעזשיבוזש באַזעצט, האָט פאַר איהם אַ מהודר׳דיגען סדור אויף פאַר־מעט אָנגעשריבען. ביי דער ברכה פון בונה ירושלים אין דער שמונה עשרה איז אין מיטען דף אַן הפסקה געמאַכט גע־וואָרען און עס זענען דאָרטען צוויי גאַנצע בלעטלעך אונ־פערשריבען געבליבען.

דיזע בלעטלעך זענען פערשריבען געוואָרען מיט פער־שידענע בקשות פוז די בעליעבטע תלמידים זיינע און אונ־טער זיי האָבען זיך אויך די חתימות פון די מבקשים גע־פונען.

צווישען דיזע בקשות האט זיך אויך געפונען א בקשה פון ר' גרשון קוטיווער אליין, אז דער בעל שם „זאל פאר איהם מתפלל זיין צו גאט, ער זאל איהם פון חוץ לארץ ארויספיהרען און זאל איהם אין גיכען קיין ארץ ישראל ברענגען!".

דאן האט זיך דארטען אויך די פאלגענדע בקשה פון די ברידער מרגליות געפונען.

*) ער זאל אונז געדענקען צו מתפלל זיין פאר אונז די ברידער, החתומים מטה, און פאר אונזערע קינדער יעקב שמואל, שאול, מרדכי און נפתלי, אז גאט זאל שטארקען אונזער הארץ, מיר זאלען דיענען דעם נאמען זיינעם באהבה וביראה, אמן כן יהי רצון.

הק' יצחק דוב בער בה"ה המנוח מו"ה צבי הירש זצלח"ת ושם אמי פייגא בת ייטא.

הק' מאיר בה"ה הרבני המנוח מו"ה צבי הירש זצ"ל הכ"מ**) ושם אמי כנזכר לעיל ושם אשתי דינה בת חיה.

אנגענומען איז אין דער חסידישער וועלט, אז אין דיזען מין בקשות זאל דער מבקש זיך רופען אויף דער מוטערס נאמען, כדי מען זאל פון אויבען ריכטיג וויסען, ווער דער מבקש איז. עס קען אמאל טרעפען, חלילה, אז א איד זאל ניט זיין דער זוהן פון זיין פאטער. ער איז אבער דער זוהן פון זיין מוטער שטענדיג.

און דאך האבען די ברידער מרגליות אלס א יוצא מן הכלל אויך דעם נאמען פון זייער פאטער געשריבען צוליעב

---

*) להיות לזכרון להתפלל עבורנו האחים החתומים מטה עם בנינו יעקב ושמואל ושאול ומרדכי ונפתלי שיחזק ה' את לבנו לעבדו באהבה וביראה את שמו אמן כן יהי רצון הק' יצחק דוב בער בה"ה המנות מו"ת צבי הירש זצלה"ה ושם אמי פיינא בת ייטא. הק' מאיר בה"ת הרבני צבי הירש זצ"ל הכ"מ. ושם אמי כנ"ל. ושם אשתי דינה בת חיה.

**הריני כפרת משכבו. זיין פאטער איז דאס יאהר געשטארבען.

דעם, וואס ער איז א גרויסער חשוב ביים בעל שם געווען און צוליעב דעם וואס ער איז געשטארבען אין יענעם יאהר, ווען זיי האבען זייער בקשה געשריבען. זיי האבען אזוי ארום זייער רעספעקט צו איהם געוואלט ארויסווייזען.

עס האט זיך דארטען אויך א בקשה געפונען פון ר' מיכל זלאטשעווער.

„לזכרון, צו מתפלל זיין פאר דעם התורני מוהר"ר יחיאל מיכל בן פייגע, און פאר זיין פרוי און איין־יעהריגע טאכטער יענטיל, צו מתפלל זיין פאר איהם, אז גאט זאל שטארקען זיין הארץ צו זיין עבודה און זאל אין לעבען זיינע קינדער האלטען".

---

און נאר ניט ווי צו קינדער, חברים און פריינד האט ער זיך צו זיינע תלמידים בעצויגען, ער האט אויף זיי אויך גע־קוקט ווי אויף דעם קוואל פון וועלכען ער האט זיין כח און גבורה געשעפט. ער האט זיי באטראכט אלס שותפים אין זיין ארבייט, וואס ער האט אין אידישען לעבען אנגע־פיהרט, אלס די כוחות, וואס האבען זיין ארבייט מעגליך געמאכט.

די לעגענדע דערצעהלט, אז דער בעל שם האט אמאל געזאגט, אז די נשמה זיינע האט ניט געוואלט אראבנעהן אויף דער וועלט צוליעב די נחשים און שרפים, וואס געפינען זיך אין יעדען דור. ער האט מורא געהאט, אז ער וועט ניט קע־נען ביישטעהן זיי, חלילה. זי זאלען איהם אויף אזוי פיעל צו חולשת הדעת ניט ברענגען, ביז זי זאל חלילה גאר א־גאנצען ניט בטל ווערען. האט מען איהם געגעבען זעכציג גבורים, נשמות פון גרויסע צדיקים, זיי זאלען איהם היטען.

ער האט געוואוסט, אז ווען ניט די זעכציג גבורים, די תלמידים, וואלט ער ניט געקענט אויסהאלטען דעם קאמפף,

וואס די פיעלע מתנגדים זיינע האבען געגען איהם אנגע־פיהרט, אז ווען ניט די תלמידים זיינע וואלט זיך איהם ניט געווען איינגעגעבען אזא ברייטע און טיעפע פרוכטבארע טע־טיגקייט אין אידישען לעבען אנצופיהרען.

אין ווי ליעב און טייער זיינע תלמידים זענען איהם ניט געווען, איז ער זיך מיט זיי, אמאל ווען ער האט עס פאר נויטיג געפונען, אויך שטרענג בעגאנגען.

שוטה איינער, — האט ער איינמאל צו זיינעם א תלמיד אויסגעשריען — דו הערסט שוין אויך כרוזים פון הימעל.

ניט פאר יעדען איינעם, הייסט עס, זיינען די הימלען אפען, און ניט יעדער אויער קען די קלאנגען, וואס קומען פון דארטען, אויפנעהמען.

און אמאל האט ער זיי אויך אויספרובען געוואלט, צו זיי זענען פעסט און זיכער אין זייער גלויבען און איבער־ציינונגען.

ער האט אמאל געהייסען זיין תלמיד, ר׳ מיכל זלאטשע־ווער, ער זאל די שטעלע פון רבנות אננעהמען אין איינעם פון די אידישע קהלות. ר׳ מיכל זלאטשעווער האט אבער בשום אופן קיין רב ניט געוואלט ווערען.

האט אויף איהם דער בעל שם אנגעשריען און האט זיך צו איהם בזה הלשון אנגערופען:

— אויב דו וועסט מיר ניט פאלגען, זאלסט דו וויסען זיין, אז דו וועסט פון ביידע וועלטען פערלארען געהן.

עס האט אבער נאך אלץ ניט געהאלפען.

ר׳ מיכל איז איינגעשפארט געבליבען.

האט זיך דאן דער בעל שם מיט שמחה אנגערופען צו איהם:

— געבענשט זאלסטו מיר זיין אין נאמען פון גאט. עס

איז פאַר דיר אַ שענער חלק אין גן עדן אַנגעגרייט דערפאַר, וואָס דו האָסט זיך נאָך אַלץ ביי דיין מיינונג געהאַלטען. דו זאָלסט ניט מאַכען די תורה פאַר אַ קרדום לחפור בה. איך האָב דיר נאָר אויספּרובען געוואָלט.

---

און ניט וועניגער, ווי דער בעל שם האָט זיינע תלמידים ליעב געהאַט, האָבען זיי איהם ליעב געהאַט. זיי האָבען איהם ווי אַ מלאך אלהים בעטראַכט און האָבען צו איהם דעם גרעסטען רעספּעקט געפיהלט. עס איז ביי קיינעם פון זיי גאָר דער קלענסטער צווייפעל אַפילו ניט געווען, אַז אַלעס וואָס ער דערציילט זיי, איז לויטער אמת. זיי האָבען אין דעם קיין גוזמא ניט געזעהן. פערקעהרט נאָך. זיי האָבען געגלויבט, אַז דער בעל שם האָט זיך פאַר די מענשען נאָר אין אַ קליי־נעם טייל פון זיין אמת'ען איך בעוויזען. אין אמת'ען אָבער איז ער נאָך פיעל הייליגער און גרעסער. נאָך די אַלע גרויסע וואונדער וואָס ער האָט בעוויזען, האָבען זיי געגלויבט, אַז ער איז בכח נאָך גרעסערע וואונדער צו בעווייזען.

ווי ווייט די תלמידים זיינע האָבען זיך געפיהלט מיט דעם בעל שם צוזאַמענגעבונדען, ווי ווייט און גרויס זייער גלויבען אין איהם איז געווען, זעהען מיר אין דער פאָלגענדער מעשה, וואָס ווערט אין נאָמען פון דוד לאה'קעס דערציילט.

איינמאָל — דערציילט ר' דוד לאה'קעס, איינער פון בעל שם'ס גרעסטע תלמידים, — האָט דער בעל שם געהייסען די תלמידים זיינע, אַז „יענער איינער פון זיי זאָל געבען אַ גילדען אויף משקה". זענען זיי אַלע געווען זיכער אַז דער בעל שם ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיי זענען אַלע קבצנים גרויסע און ביי קיינעם אין קעשענע געפינט זיך אַפילו קיין איין פּרוטה ניט. זיי זענען געווען זיכער, אַז ניט דערפאַר האָט זיי דער בעל שם געהייסען געבען אויף משקה, ווייל ער האָט

גערענקט, אז זיי האָבען געלד ביי זיך, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט, אז זיי זאָלען געבען.

און דעריבער האָט זיך יעדער איינער גענומען צום קעשענע, ארויסצונעהמען א גילדען פון דאָרטען.

זיי האָבען געגלויבט באמונה שלמה, אז ווי באַלד דער בעל שם הייסט זיי א גילדען אויף משקה געבען, ווייסענדיג, אז זיי האָבען פון פריהער קיין געלד ניט געהאַט, מסתמא מוז זיך ביי זיי דער געוואונשטער גילדען יא געפינען.

און כך הוה. יעדער איינער האָט פון קעשענע א גילדען ארויסגענומען — פונקט איין גילדען.

## יד.

# ווי אזוי דער „תולדות" איז דעם בעל שם'ס תלמיד געווארען.

ווי אזוי דער בעל שם האט דעם „בעל־התולדות" פאר זיינעם א תלמיד ערווארבען. — דער תולדות איז געווען רב אין שאראגראד. איינמאל איז ער געקומען דאווענען „ותיקין" אין בית־מדרש, ווי זיין שטייגער פלעגט שטענדיג זיין. האט ער קיינעם ניט געטראפען. אלע זיינען געשטאנען אין מארק און איינגעהערט זיך אין בעל שם'ס משלים און מעשה'לעך. „אויב א איד בעזיצט אזא כח א גאנצע עדה אידען מיט זיינע משלים פון תפלה מבטל זיין, מוז אין איהם א גרויסער כח זיין" — האט דער תולדות געזאגט צו זיך און איז פון דאמאלס אן זיינער אן אנהענגער געווארען. — מען טרייבט ערב שבת דעם תולדות פון שאראגראד ארויס. ער מוז אין דארף שבת האלטען, און דער בעל שם מיט זיינע תלמידים פאהרען אויך אהין, כדי אביסעל זיין צער צו שטילען.

עס איז דעם בעל שם'ס אמביציע געווען, ער זאל די גרעסטע פערזענליכקייטען פון זיין דור צוציהען צו זיך. ער האט געשטרעבט דערצו, אז ער זאל צווישען זיי ניט נאר וואס ווייניגער נעגנער האבען; ער האט צווישען זיי אויך וואס ווע־ניגער גלייכגילטיגע צושויער געוואלט זעהן. ער האט זיך ניט בענוגענט נאר דערמיט, זיי זאלען איהם אין זיין אר־בייט ניט שטערען. ער האט זיי אין זיין ארבייט אויך אלס ארויסהעלפער געוואלט האבען.

עס איז זיין לײדענשאפטליכע שטרעבונג געווען, יעדען איינעם גדול פון זיין דור, וועלכער האט א בעריהמטען נא־מען געהאט, אלס גאון מופלג אדער גרויסער מקובל, אין

קרייז פון זיינע תלמידים צו זעהן. ער האָט געוואָלט, אז די נייע שיטה זיינע, דער נייער דרך זיינער אין עבודת ה׳ וואָס ער איז געקומען דעם אידישען פאָלק צו לערנען, זאָל אויף זיך טראָגען די סאַנקציאָן פון גאַנצען „פּאר“ פון אידישען פאָלק, פון גאַנצען „סולת“ זיינעם.

ער האָט געוואָלט קאָנצענטרירען ארום זיך א גרופּע פון תלמידים, וואָס יעדער איינער פון זיי זאָל מיט א „שאר־רוח“ געבענטשט זיין, וואָס יעדער איינער פון זיי זאָלען אויף וועלכען עס איז געביעט זיך אויסצייכענען, ער זאָל זיין גרויס אויף וועלכען עס איז אופן, אין זיינע ידיעות אין נגלה אדער אין זיינע ידיעות אין נסתר אָדער אין זיין פעהיגקייט און פאַסגיקייט מען זאָל פון איהם א גוטען פּראָפּאגאנדיסט אָדער אגיטאַטאָר קענען שאַפען.

עס איז זיין אמביציע געווען, אזא גרופּע פון תלמידים ארום זיך צו קאָנצענטרירען, כדי ער זאָל אין איהר גרויסע הילף קריגען, זיינע לעהרען און אנשויאונגען צווישען דעם אידישען פאָלק פּראָפּאגאנדירען, כדי די ערציהונג פון די אידישע מאסען לויט דעם גייסט פון די נייע דרכים, איבער וועלכע ער האָט זיי פיהרען געוואָלט, זאָל זיך אין גוטע און זיכערע הענד געפינען.

און דאריבער האָט ער זיך אזוי געיאָגט נאָך יעדען איינעם גדול הדור, אין וועלכען ער האָט א גרויסען גייסט געזעהן.

ניט אלע האָבען זיך אָבער אזוי גרינג פאנגען געלאָזט.

עס זיינען געווען איינינע צווישען זיי, וואָס אלץ מעהר דער בעל שם האָט זיך געיאָגט נאָך זיי אלץ מעהר זיינען זיי אנטלאָפען פון איהם, וואָס אלץ מעהר דער דראנג פון בעל שם איז געווען, ער זאָל זיי אלס זיינע תלמידים ערווערבען,

אלץ גרעסערע מתנגדים זיינע זיינען זיי געוואָרען, אלץ מעהר גרעסערע שנאה האָבען זיי צו איהם געפיהלט.

און איינער פון דיזע איז אויך געווען ר׳ יעקב יוסף הכהן, דער בעל התולדות, וועלכער איז פריהער געווען איינער פון די גרעסטע מתנגדים פון בעל שם און איז נאָכדעם געוואָרען איינער פון זיינע גרעסטע אנהענגער און איינער פון זיינע בעריהמטעסטע תלמידים.

ר׳ יעקב יוסף איז געווען א גרויסער למדן און מקובל און איז, ווי איך האָב שוין געזאָגט, תחלת א גוואלדיגער מתנגד און באַקעמפפער פון בעל שם געווען. ווען ער איז רב אין שאראגראד געווען, פלעגט ער קיינמאָל ניט וועלען זעהן דעם בעל שם, וועלכער פלעגט אָפט אראָבקומען אהין, און פלעגט מיט דעם גרעסטען בטול רעדען וועגען איהם פאַר דער קהלה זיינער.

מיט דעם זעלבען געדולד אָבער און אויסדויער, מיט וועלכען דער בעל שם האָט זיך אין אזאַ גרויסער מאָס אויסגעצייכענט, מיט דעם זעלבען געדולד, מיט וועלכען ער האָט זיך שטענדיג בענוצט, זיינע שטרעבונגען צו רעאַליזירען, האָט ער זיך אויך אין דיזען פאַל — דעם בעל התולדות פאַר זיינעם א תלמיד צו ערווערבען — בענוצט.

יעדען מאָל, ווען ער פלעגט קיין שאראגראד קומען פלעגט ער אלע מעגליכקייטען אָנווענדען, ער זאָל זיך מיט ר׳ יעקב יוסף׳ען זעהן און איהם פאַר זיינעם א פריינד צו ערווערבען. דער בעל שם האָט איהם ניט געוואָלט אָבלאָזען. ער האָט בעשלאָסען, אז ער מוז איהם איינמאָל פאַר אלע מאָל דאָך אין זיין קרייז אריינבריינגען. ער האָט געזעהן, ווי דער חסידיזם דריקט זיך אויס, אז „מען בעדאַרף איהם דערהויבען".

און ענדליך האָט די געדולד זיינע אויך דאָס מאָל געזיגט.

איינמאָל — דערצעהלט די לעגענדע — איז געקומען דער בעל שם קיין שאַראַגראַד און האָט זיך אין מיטען מאַרק אַוועקגעשטעלט, ווי זיין שטייגער פלעגט אָפט זיין, און האָט אָנגעהויבען פערשיעדענע משלים און מעשה׳לעך צו דער־צעהלען פאַר אַ גרויסען המון, וואָס איז געשטאַנען דאָרטען.

דאָס איז גאַנץ פריה פאָרגעקומען, דערווייל איז ר׳ יעקב יוסף אין בית מדרש געקומען „ותיקון" צו דאַווענען, ווי זיין מנהג פלעגט שטענדיג זיין.

צו זיין גרויסער איבערראַשונג האָט ער אָבער דאָרטען קיינעם ניט געטראָפען אויסער דעם שמש, וועלכער האָט איהם דערצעהלט, אַז גאַנץ קהל שטעהט אין מאַרק אַרום דעם בעל שם און הערט אויס די מעשיות זיינע.

האָט דאַן ר׳ יעקב יוסף געזאָגט צו זיך:

— אַ איד, וואָס בעזיצט אַזאַ גרויסען כח, אַז אַ גאַנצע עדה אידען זאָל צוליעב זיינע משלים און מעשה׳לעך אין זייער תפלה פערגעסען, מוז עפּעס גרויסעס זיין אין איהם.

האָט ער דאַן דעם בעל שם צו זיך איינגעלאַדען, ער זאָל איהם „תוהה על קנקנו" זיין, ער זאָל די אוצרות זיינע, וואָס ער פאַרמאָגט, דורכקוקען און אָבשאַצען די ווערטה זייערע.

און מעהר האָט דער בעל שם ניט בעדאַרפט.

דערויף האָט ער שוין פון אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט, ער זאָל קענען מיט דעם בעל התולדות אַן אונטערהאַנדלונג האָבען.

ער האָט פאַר איהם אַלע זיינע רייכע אוצרות ענטפּלעקט.

און פון דאַמאָלס אָן איז ר׳ יעקב יוסף זיינער אַן אי־בערגעגעבענער תלמיד געוואָרען. די פריינדשאַפט צווישען זיי האָט אָנגעהויבען פון טאָג צו טאָג שטאַרקער און גרע־

סער ווערען און זיי פלעגען זעהר אפט איינער צום צווייטען בריעף שרייבען. ער האט אויך אנגעהויבען צו פאהרען שטילערהייד צום בעל שם קיין מעזשיבוזש. ער האט זיך געהיט מען זאל וועגען דעם אין שטאדט ניט וויסען, ווארים דער גרעסטער טהייל פון די איינוואהנער זיינען געגנער פון חסידות און בעל שם געווען; זיי האבען זיך געהאלטען אין דעם אלעם וואס ער, רבי יעקב יוסף, האט זיי פריהער געלערנט.

ענדליך איז מען אבער דאך אין שאראגראד געוואהר געווארען, אז זייער רבי איז א חסיד געווארען, און מען האט איהם אנגעהויבען צו רודפ׳ען. ער האט אבער די אלע יסורים מקבל באהבה געווען.

ער האט געוואלט אין זיי א כפרה האבען אויף דער זינד, וואס ער איז בעגאנגען דערמיט, וואס ער איז אזוי לאנג א געגנער פון בעל שם געווען.

אין א צייט ארום האט איהם די שאראגראדער קהלה גאר אין גאנצען פון שטאדט ארויסגעטריבען.

און דאס איז אין א ערב שבת פארגעקומען.

האט ער געמוזט שבת האלטען אין א דארף.

האט עס דער בעל שם ביי זיך אין דער היים דאס אלעס דערזעהן און האט זיך אנגערופען צו זיינע תלמידים:

— לאמיר נאר אין יענעם און יענעם דארף פאהרען. ר׳ יעקב יוסף איז געצוואונגען דארטען שבת צו האלטען. איך וויים אז א גוואלדיגער צער נאגט זיין הארץ, לאמיר דארטען שבת האלטען, כדי איהם אביסעל פון זיין גרויסען צער צו טרייסטען.

ווען דער בעל שם האט דעם בעל התולדות פאר זיינעם אן אנהעננער געמאכט, איז גוואלדיג גרויס געווען די שמחה זיינע. ווארים ער האט אויף איהם גרויסע האפנונגען גע־

לעגט, ער זאָל אַ גרויסע און פּרוכטבאַרע טהעטיגקייט אַרויסווייזען פאַר דער פערשפּרייטונג פון חסידיזם.

וואָרים ר׳ יעקב יוסף איז גאָר אין אַ גרויסען מאַסשטאַב אַן אַקטיווע און טהעטיגע נאַטור געווען און איז אויך בעזעסען בעדייטענדע ליטעראַרישע פעהיגקייטען — זאַכען, אין וועל־כע די נאָך זעהר יונגע בעוועגונג דאַמאַלס האָט זיך דאַן אַזוי שטאַרק גענויטיגט.

דער בעל שם האָט אין איהם אַ גרויסען פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר דעם חסידות געזעהן און האָט זעהר הויך געשעצט זיין מיטאַרבייטערשאַפט.

און דאַריבער האָט ער איהם אויך ניט געלאָזט אויס־פיהרען זיין וואונש, חוץ לארץ צו פערלאָזען און בעזעצען זיך אין ארץ ישראל. ער האָט איהם ניט געלאָזט קיין ארץ ישראל פאָהרען, ער האָט איהם בעדאַרפט ביי זיך האָבען.

דער בעל שם שרייבט וועגען איהם אין זיינעם אַ בריעף צו ר׳ גרשון קוטעווער: „זיינע מעשים זיינען זעהר אָנגע־לעגט ביי השם יתברך און אַלעס וואָס ער טהוט איז גאָר לשם שמים".

און די לעגענדע דערצעהלט, אַז איינמאָל האָט זיך דער בעל שם אָנגערופען:

— רבונו של עולם, ניט פאַר די מעשים, וואָס איך האָב געטהאָן, בעט איך ביי דיר מיין שכר אויף יענער וועלט, נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב דיר אַזאַ „יוסילי" געגעבען.

און ר׳ ברוך מעזשיביזשער, דעם בעל שם׳ס אייניקעל, שרייבט וועגען איהם, אַז ער, דער בעל התולדות, האָט שוין געהאַט פון לאַנג אַ „מגיד", וואָס ער האָט געלערנט מיט איהם. דער זיידע מיינער אָבער, דער בעל שם, האָט געזעהן,

אַז דאָס איז ניט דער ריכטיגער מגיד, אַז ער איז ניט פון די מגידי האמת. האָט ער פון איהם יענעם מגיד אוועקגענו־מען און האָט איהם אַן אנדער מגיד געגעבען, איינעם פון די „מגידי האמת“.

## טו.

# דער בעל שם זוכה א ממלא מקומו צווישען זיינע תלמידים.

דער בעל שם האט קיינעם צווישען זיינע תלמידים ניט געפונען, וואס זאל ראוי זיין זיינער א ממלא מקומו צו ווערען. — נאך ווייניגער האט זיין אייגענער בן־יחיד זיין גייסטיגער יורש געקענט זיין. — ער האט קיינע צייכענע פון א גרויסער פערזענליכקייט אין זיך ניט פערמאגט. — דער בעל שם האט געהאט אן אויג אויף דעם מעזע־ריטשער מגיד. — יענער איז אבער נאך זיינער א מתנגד געווען. ענדליך האט ער איהם דאך אין זיין קרייז אריינגעבראכט. — די לעגענדען וועגען דעם, ווי אזוי ר׳ בער איז דעם בעל שם׳ס א תלמיד געווארען.

און נאך שווערער איז איהם אנגעקומען דעם מעזשע־ריטישער מגיד, דעם רבי׳ן ר׳ בער, אלס זיינעם א תלמיד אריינצוקריגען.

ער האט שוין דאמאלס פיעל חסידים פערמאגט, צווי־שען וועלכע עס האבען זיך אויך פיעלע בעריהמטע גאונים געפונען, ווי די ברידער ר׳ יצחק און ר׳ מאיר מרגלית, וועל־כע זיינען זיינע פריינד און בעקאנטע שוין פון לאנג געווען, און יעצט, ווען דער בעל שם האט זיך אין מעזשיבוזש בע־זעצט, האבען זיי אנגעהויבען צו איהם יעדען יאהר פאהרען. עס האבען זיך שוין דאן געפונען צווישען זיינע תלמידים אזוינע גרויסע גאונים, מקובלים און חסידים, ווי דער פאלא־נאהער „מוכיח“, ר׳ לייב, ר׳ וואלף קיצעס, ר׳ דוד פערקוס,

ר' יעקב יוסף הכהן, ר' ישראל חריף און נאך אנדערע בע־ריהמטע פערזענליכקייטען וואס האבען אין יענעם דור געלעבט.

ענדליך האט אויך זיין שוואגער, דער גרויסער גאון און מקובל, ר' גרשון קוטעווער, זיין קאפ פאר דעם בעל שם געבויגען, ער האט אנגעהויבען אין בעל שם גלויבען און פלעגט צו איהם אפטמאל קיין מעזשיבוזש אראבפאהרען.

א גאנצע קייט פון גדולים, פון גרויסע און בעריהמטע פערזענליכקייטען, האט שוין מיט זיך דאמאלס דעם בעל שם'ס גרופע פארגעשטעלט.

עס האט אבער נאך אלץ איינער געפעהלט, דער וויכ־טיגסטער, דער, וואס איז נאכדעם ביי דעם לעבען פון בעל שם זיין רעכטע האנד געווען און נאך זיין טויט איז ער זיין ממלא מקומו געווארען.

עס האט אבער נאך אלץ אט יענער געפעהלט, צו וועלכען דער בעל שם האט אם מעהרסטען געגארט און אין וועלכען ער האט זיך אם מעהרסטען גענויטיגט.

ווארום צווישען די אלע תלמידים און אנהענגער זיינע האט ער קיין איינעם ניט געפונען, וועלכען ער זאל אלס א צווייטען צו זיך קענען בעטראכטען, וועלכער זאל ראוי זיין לויט זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען דעם בעל שם'ס שטוהל נאך דעם טויט זיינעם צו פערנעהמען.

און נאך ווענינער ווי אויף יעדען איינעם פון זיינע תלמידים, האט ער אויף זיין זוהן, ר' צבי, געקענט האפען, ער זאל קענען נאך זיין טויט זיין ממלא מקומו זיין, ער זאל זיין „גייסטיגער יורש" ווערען.

דער בן יחיד זיינער האט מיט גאר ניט אין זיינע יונגע יאהרען ארויסגעוויזען, אז עס וואקסט אן אויסגע־ווייזליכע פערזענליכקייט פון איהם. מען האט געזעהן אין

דער גאַנצער הנהגה זיינער, אַז ער איז ניט פאַר עפּוּיאָס גרויסעם בעשאַפען געוואָרען.

אינטערעסאַנט אין דער דאָזיגער הינזיכט איז דער בריעף וואָס ר׳ גרשון קוטעווער האָט צו איהם איינמאָל געשריבען.

„מיין בקשה איז,“ שרייבט צו איהם ר׳ גרשון קוטעווער אין דיעזען בריעף, „אַז דו זאָלסט א מתמיד זיין, כדי די טרחה מיינע, וואָס איך האָב געהאַט מיט דיר, זאָל ניט זיין בחנם ח״ו. און דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיעל טרחה אוועקגעלעגט מיט דיר. איך בין נאָר צוליעב דיר קיין מעזשיבוזש געקומען און איך האָב דיר א דאַנק השם יתברך אויף דעם דרך התורה ארויפגעבראַכט. יעצט איז די בקשה מיינע צו דיר, אַז דו זאָלסט זיך ניט מיט די הבלי העולם פערנעהמען און דו זאָלסט ניט א תל מאַכען פון די גוטע יאָהרען דיינע, כל זמן דו האָסט פיעל צייט און דו האָסט נאָך ניט קיין „רחים על צוארו.“ איך בעט דיך, דו זאָלסט אוועקוואַרפען די „מעשי נערות,“ צו וועלכע דו האָסט זיך צוגעוואָהנט, דו זאָלסט ניט קוקען מיט קיין קנאה אויף די זינדיגע. דו זאָלסט זיך שטענדיג מיט יראת ה׳ בעשעפטיגען . . . דו זאָלסט יעדען טאָג אויפגעבען אויף איין שטונדע די דברים בטלים דיינע און דו זאָלסט זיך אין דיעזער שעה לערנען שרייבען.“

פון דיעזען בריעף איז צו זעהן, אַז ניט נאָר איז דעם בעל שם׳ס בן יחיד קיין גרויסער למדן און מתמיד ניט געווען, נאָר בכלל איז די גאַנצע הנהגה זיינע זעהר ניט קיין מוסטערהאַפטע געוועזען.

אויב אָבער צווישען זיין אייגענעם קרייז האָט ער — דער בעל שם — ניט געקענט געפינען אַזא איינעם, וואָס זאָל קענען נאָך זיין טויט זיין שטעלפערטרעטער ווע־

רעז, האָט ער אָבער דיעזען מאַן אין דער פרעמד יאָ געזעהן.

דער איינציגער, וועמען דער בעל שם האָט געפונען גרויס און וויכטיג גענוג, ער זאָל נאָך זיין טויט קענען זיין ממלא מקומו ווערען, איז געוועזן דער מעזשעריטשער מגיד, וועלכער איז אויך תחלת אַ גרויסער געגענער פון בעל שם געוועזן.

ער האָט דעריבער פיעל מיה אוועקגעלעגט, ער זאָל איהם אין זיין קרייז ערווערבען.

און טראָץ דעם, וואָס זיין גאַנצע מיה האָט זיך אַ לאַנגע צייט מיט קיין ערפאָלג געקרוינט, האָט ער זיך דאָך פון זיין שטרעבונג ניט אָבגעזאָגט. ער האָט אויך דאָס מאָל אַזוי לאַנג פאַר דער רעאַליזירונג פון זיין שטרעבונג געאַרבייט ביז ער האָט דאָך געזיעגט ענדליך.

„שוין אַזוי פיעל יאָהרען אַז איך בענק נאָך איהם,“ האָט זיך דער בעל שם איינמאָל פאַר זיינע תלמידים געקלאָגט, ווען זיי האָבען גערעדט וועגען דער גרויסער געגנערשאַפט פון מגיד צום בעל שם און וועגען דעם, וואָס ער וויל בשום אופן ניט קומען קיין מעזשיבוזש, דעם בעל שם צו זעהן.

און פאָלגענדע לעגענדעס פערמאָגען מיר וועגען דעם, ווי אַזוי דער מגיד איז דעם בעל שם׳ס תלמיד געוואָרען.

ר׳ בער — דערצעהלט די לעגענדע — איז אַ גרויסער מקובל געוועזן, אַ גרויסער אַנהענגער פון קבלת האר״י. ער פלעגט הפסקות פון שבת צו שבת פאַסטען זיעבען־אַכט מאָל כסדר. איז ער דערפון קראַנק געוואָרען. האָבען די קרובים זיינע געצוואונגען איהם, ער זאָל צום בעל שם פאָהרען זיך היילען ביי איהם.

איז ער געקומען צום בעל שם און האָט איהם געטראָפען זיצען אויפ׳ן בעט און אריינקוקען אין אַ ספר.

האָט איהם ר' בער געבעטען, ער זאָל איהם היילען.

האָט אויף איהם דער בעל שם אָנגעשריען פריהער.

נאָכדעם האָט איהם דער בעל שם געדונגען א דירה און האָט איהם געגעבען צוועלף גילדען א וואָך אויף זיינע הוצאות. דער בעל שם האָט איהם די גאַנצע צייט געהיילט און דער מגיד האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר געבעסערט.

איינמאָל אין א פריהמאָרגען איז דער מגיד גאַנצע פיער שטונדען אין הלשות געלעגען. ווען ער איז א ביסעל צו זיך געקומען, האָט ער דערצעהלט: —

פריהער מיט א נאַכט, אַרום צוועלף א זייגער האָט דער בעל שם נאָך מיר געשיקט. ווען איך בין געקומען צו איהם, האָב איך איהם געטראָפען זיצען מיט א קליין קי־שעלע אויף זיין קאָפּ און אָנגעטהון אין א שאָפּענער פעל אויף דער לינקער זייט איבערגעקעהרט. ער האָט מיך גע־פרעגט, צי איך האָב ווען חכמת הקבלה געלערענט. האָב איך געזאָגט: „יא."

און אויפ'ן טיש איז א ספר געלעגען, האָט ער מיר געהייסען, איך זאָל פאַר איהם עפּיס אין דיעזען ספר זאָגען. און דער ספר איז פון קורצע, בעזונדערע פּאַראַגראַפען בעשטאַנען און יעדער מאמר האָט זיך אָנגעהויבען מיט פאָלגענדע שורה: „אמר ר"י: *) סח לי מט"ט שר הפנים". האָב איך פאַר איהם אן עמוד אָדער א האַלבען אָבגע־זאָגט.

האָט זיך דאַן דער בעל שם אָנגערופען צו מיר:

— ניין, ניט אַזוי. אָט וועל איך פאַר דיר זאָגען.

און ער האָט אָנגעהויבען פאַרזאָגען פאַר מיר.

דערווייל איז ווי א ציטער דורך זיין גאַנצען קערפּער

*) ר' ישראל — דער בעל שם.

דורכגעגאנגען, און ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגע־רופען זיך:

— מיר זענען עוסק יעצט אין „מעשי־מרכבה" און איך זיץ גאָר?

און האָט ווייטער שטעהענדיג געזאָגט.

און אָט אזוי, זאָגענדיג, האָט ער מיך אין בעט אזוי ווי אין א עיגול אוועקגעלעגט, און איך האָב איהם שוין מעהר ניט געזעהן. איך האָב נאָר דונערען געהערט און בליצען געזעהן און עס האָט אזוי אן ערך פון צוויי שטונדען אָנגעהאלטען.

און איך האָב מיך זעהר געשראָקען און פון דיעזען שרעק בין איך עס אין חלשות געפאַלען.

און ווען דער מגיד איז נאָך זיין ערשטען וויזיט — דערצעהלט ווייטער דיזעלבע לעגענדע — אהיים געפאָהרען, האָט איהם דער בעל שם געבענטשט, און נאָכדעם האָט ער אליין זיין קאָפּ אָנגעבויגען, דער מגיד זאָל איהם בענטשען. האָט דער מגיד ניט געוואָלט. האָט דער בעל שם גענומען די האנד זיינע און האָט זי אויף זיין קאָפּ ארויפגעלעגט. און דאַן ערשט האָט איהם דער מגיד געבענטשט.

דער רבי האָט פאר דעם תלמיד זיין קאָפּ געבויגען. דער רבי האָט פון תלמיד א ברכה געבעטען. שוין ביים ער־שטען וויזיט פון מגיד האָט איהם דער בעל שם געוויזען, אז ער בעטראכט איהם פאר א גלייכען צו זיך, אז ער קוקט אויף איהם, ווי אויף א ממלא מקומו זיינעם.

און אן אנדער לעגענדע דערצעהלט פאָלגענדעס ווע־גען דער ערשטער התקרבות פון מגיד צום בעל שם:

דער רבי ר' בער — דערצעהלט דיעזע לעגענדע — איז א למדן מופלג און א גרויסער מקובל געווען. איז ער געפאָהרען צום בעל שם איהם אויספּרובען.

ווען ער איז געקומען צו איהם. האט ער גערענקט, אז ער וועט עפּים גוואלדיגע דברי־תורה פון איהם הערען.

באלד אבער, ווי ער איז נאר צום בעל שם אריינגע־גאנגען, האט איהם יענער דערצעהלט א מעשה, ווי אזוי ער איז אמאל געפאהרען פיעלע טעג איין וועג און ער האט שוין מעהר ניט געהאט קיין ברויט צו געבען דעם „ערל“ זיינעם, וואס איז זיין בעל עגלה געוועזן. האט ער זיך אנ־געשלאגען אויף אן ארימען גוי, וואס האט געטראגען א זאק מיט ברויט. האט ער ביי איהם דעם ברויט אוועקגעקויפט, כדי ער זאל האבען וואס צו געבען דעם ערל זיינעם.

דעם צווייטען טאג האט איהם דער בעל שם דער־צעהלט, ווי אזוי שפעטער, ווען ער איז ווייטער געפאהרען, האט ער שוין אויך קיין היי ניט געהאט פאר די פערד. האט ער זיך ווידער אנגעשלאגען אויף א גוי, וואס האט א זאק מיט היי געהאט. האט ער פון איהם די היי אוועק־געקויפט און די פערד עס אוועקגעגעבען.

די אלע מעשות מיט דעם גוי און מיט דעם ברויט האבען דעם מגיד פון גערולד ארויסגעבראכט און ער האט שוין צוגעגרייט די פערד זיינע, ער זאל אהיים פאהרען.

פונקט דאמאלס אבער, ווען ער איז שוין פערטיג גע־ווען צו פאהרען, האט איהם דער בעל שם געשיקט רופען.

און ווען ער איז צום בעל שם אריינגעגאנגען, האט איהם באלד דער בעל שם געפרעגט:

— קענסט דו לערנען?

האט איהם דער מגיד געענטפערט:

— יא.

האט דער בעל שם גענומען דעם ספר „עץ־החיים“ און האט איהם געהייסען ערקלעהרען א געוויסען מאמר דארטען.

נאָכדעם, ווי ר׳ בער האָט געטראַכט א ווײַלע, האָט ער איהם דעם פּשט געזאָגט.

דערויף האָט איהם דער בעל שם געענטפערט:

— דו ווייסט גאָר ניט.

ר׳ בער האָט נאָך אמאָל זיך אײַנגעטראַכט אין דער שטעלע און האָט זיך אָנגערופען צום בעל שם:

— דער אמת׳ער פּשט איז אזוי, ווי איך האָב גע־זאָגט. אויב מעלתו ווייסט אָבער אן אנדער פּשט, זאָל ער מיר זאָגען, וועל איך הערען און וויסען מיט וועמען דער אמת איז.

האָט צו איהם דאַן דער בעל שם געזאָגט:

— שטעל זיך אויף דײַנע פיס!

האָט ער זיך אויפגעשטעלט.

און אין אָט יענעם מאמר זענען געווען ווײַס איך ווי־פיעל שמות פון מלאכים.

און ווי נאָר דער בעל שם האָט אָנגעהויבען דעם מאמר צו זאָגען, איז דאָס גאַנצע הויז איבערפילט מיט ליכט גע־וואָרען. און א פייער האָט ארום און ארום געברענט און זיי האָבען געזעהן בחוש די אויבענדערמאָנטע מלאכים.

און דער בעל שם האָט זיך נאָכדעם אָנגערופען צו איהם:

— אמת, אז דער פּשט איז ווי דו האָסט געזאָגט, דײַן לערנען איז אָבער אָהן א נשמה געווען.

און דאַן איז ר׳ בער זײַנער א חסיד געוואָרען און איז בײַם בעל שם געבליעבען.

# רבי ישראל בעל-שם-טוב

## זיין לעבען, לעהרע אוןווירקען

פון ש. צ. זעצער

*Copyright 1919,*
*by*
*Samuel H. Setzer*

פאַרלאַג
„פייערבערג“

# דריטעס בוך

## גאָט, מענש און וועלט

## א.

# די מעטאפיזישע שיטה פון בעל שם.

.יט קיין ניי אידענטום איז דער בעש"ט'ער חסידיזם. ניט קיין נייע שטריכען אפילו איז ער. ער איז נאר די אונטערשטרייכונג פון געוויסע שטריכען אין אידענטום. דאס ארויסשטעלען אין פראנט פון איינציגע עלעמענטען זיינע. — א געוויסע פראטעסטאנטישע בעציהונג ניט נאר צום תלמודישען אידעטום, נאר אויך צו דער קבלה, אויך די קבלת האר"י ניט אויסגעשלאסען. — אין געגענטייל צו דער קבלת האר"י איז דער .בעש"ט'ער חסידיזם מעהר הארציגע פרעדיג, ווי טעאריע, מעהר לעבענס־סיסטעם, ווי אבסטראקציע. — די פילאזאפיש־מיסטישע פארשטעלונג פון דער אידישער קבלה ווע־גען דעם לעבען און עקזיסטענץ פון גאנצען אוניווערזום.

עס איז א גרויסער טעות, ווען מאנכע קומען און שריי־בען וועגען בעש"ט'ער חסידיזם, ווי וועגען א גאנץ נייער און פרעמדער בעוועגונג אין אידענטום, ווי וועגען א בעוועגונג, וועלכע איז אבסאלוט געגענגעשטעלט דעם אלטען היסטארישען און טראדיציאנעלען אידענטום. נאך מעהר אונבעגרינדעט איז די דאזיגע מיינונג, ווען זי שטעלט דיעזע בעוועגונג אלס די־רעקטען געגענזאץ צום תלמודישען אידענטום.

דער בעש"ט'ער חסידיזם ציהט טיעף זיין יניקה פון די ווארצלען פון גאנצען אידענטום, לויט ווי עס האט זיך פאר־מולירט, דורכמאכענדיג די פערשיעדענע עטאפען פון זיין ענטוויקלונג. דער בעש"ט'ער חסידיזם איז ניט קיין ניי אידענטום. ער איז זאגאר ניט קיין נייע שטריכען אין אידענ־טום. ער איז נאר די אונטערשטרייכונג פון געוויסע שטריכען אין אידענטום. אלעס, אלעס, וואס דער בעש"ט'ער חסידיזם

פרעדיגט איז ט כשר קינד פון אלטען היסטארישען אידענטום.

אלעס פון אידענטום וואס איז דורכגעדרונגען מיט ווייכ־קייט און הארציגקייט, אלעס פון דער קבלה, וואס איז דורכגע־שטראהלט מיט דעם אונענדליכען חסד און רחמים פון דעם דערבארעמענדיגען „אין סוף", אלעס, וואס איז אין איהר געפליגעלט און פאנטאסטיש — פון דיעזע אלע קוועלען האט דער בעל שם דעם אינהאלט פון זיינע לעהרען און פרעדיגען געשעפט. פון דיעזע אלע אלטע פערעל האט דער בעל שם טוב געשאפען זיין אייגענארטיגע הארמאניש־צונויפגעגאסענע וועלט־אנשויאונג, וועלכע ווערט מיט די ווערטער דער „נייער חסידיזם" בעצייכענט. זיין אייגענארטיגע פילאזאפישע וועלט־אנשויאונג, אויף וועלכער עס שוועבט דער גרויסער גייסט פון איוזר גרינדער.

אויף וויפיעל אבער דער בעש"ט'ער חסידיזם ענטהאלט אין זיך יא א געוויסען עלעמענט פון פראטעסטאנטיזם — ענטהאלט ער אין זיך דיזען עלעמענט ניט נאר אין זיין בע־ציהונג צום תלמוד'ישען — אדער ריכטיגער: דעם רבנ'ישען — אידענטום אליין, וועלכער פערוואנדעלט — פאר זיך בע־זונדער גענומען — דעם אידען אין א אויטאמאטישער מאשין, דאס ציעל פון וועלכער בעשטעהט נאר אין מקיים זיין די תרי"ג מצוות מיט זייערע פערשיעדענע תרפ"ט אלפים טרו־קענע דקדוקים, נאר אויך בנוגע צו דער קבלה, אן ארגאנישער טייל פון וועלכער אויך ער אליין איז. ער שטעהט זאגאר אין דער דאזיגער פראטעסטאנטישער בעציהונג אויך בנוגע צו דער קבלת האר"י ז"ל, פון וועלכער ער זויגט זיין הויפט־יניקה, לויט דער ארחיטעקטור פון וועלכער ער האט אלע זיי־נע אפארטאמענטען געבויעט.

די קבלת האר"י איז מעהר בעשעפטיגט מיט די „עולמות העליונים", ווי מיט די „עולמות התחתונים". זי רעדט כסדר

מעהר פון גאט, ווי פון מענשען. זי איז מעהר טעאָריע, ווי לעבענס־סיסטעם. זי איז מעהר אבסטראקטיש, מעהר אריס־טאָקראטיש. דער בעש"ט'ער חסידיזם אָבער, דאָס הייסט: די אייגענע קבלת האר"י אין איהר צווייטער אויפלאגע, אין דער פאָרם פון בעש"ט'ער חסידיזם, איז מעהר פּרעדיג, ווי טעאָריע, ער איז מעהר לעבענס־סיסטעם, ווי אבסטראקציע. אין איהם לעבט מעהר דעמאָקראטישער גייסט. דער בעש"ט'ער חסידיזם בעשעפטיגט זיך שוין מעהר מיט דיא „עולמות התחתונים", מיט דעם מענשען, ווי מיט די עולמות העליונים, ווי מיט גאָט. ער אָפּערירט מעהר מיט הארץ־בעגריפען, ווי מיט מוח־בעגריפען.

מיט גאנצע וועלטען פון ווייכקייט און הארציגקייט איז דורכגעדרונגען דער בעש"ט'ער חסידיזם. עס שוועבט אויף איהם דער גוטער און רוהיגער גייסט פון בעל שם אליין. עס פיהלט זיך אין איהם דאָס טויבען־פליגעל־פלאטערען פון זיין צארטער און מיטליידענדער נשמה. אין בעש"ט'ער חסידיזם פיהלען זיך ניט פער'מרה'שחורה'טע שטערען ־ קנייטשען פון אן אסקעטישען מקובל. אן אָפענער, רוהיגער און ווייכער בליק פון גוטע ליעב־שמייכלענדע אויגען פיהלט זיך אין איהם, דאָס קלאַפּען פון א לעבעדיג, מיטפיהלענדעס הארץ, וואָס וואלט וועלען ברענגען מיט זיך טרייסט און האָפנונג פאר יע־דען און פאר אלעם, וואָס וואלט וועלען לינדער און גרינגער מאַכען דאָס לעבען פאר יעדען און פאר אלעמען.

---

איינער פון די וויכטיגסטע גרונדשטיינער אין דער קבלה איז איהר פילאָזאָפיש־מיסטישע פאָרשטעלונג וועגען דעם גאנצען וועלטליכען יש. אלעס, וואָס מיר זעהן, אלעס, וואָס מיר עמפּפינדען, איז נאָר אויסערליכע פאָרמען, נאָר מיט־לען, וואָס בעדאַרפען צום ציעל פיהרען, איז נאָר דער טפל

פון בעהאַלטענעם, אונזעהבאַרען עיקר, די אויסערליכע קליפּה פּונ׳ם „לפני ולפנים“ בעהאַלטענעם תוך. דעם סובסטאַנץ אַליין אָבער זעהען מיר ניט. מיר זעהען קיינמאָל ניט דעם עיקר, דעם תוך פון דער זאַך, דער שורש פון וועלכען געפינט זיך שטענדיג אין דעם אוניווערסאַלען „טמיר ונעלם“, וועלכער איז דער אַנהויב און דער סוף און אויך דאָס וועזען אַליין פון אַלעם דעם, וואָס מיר זעהען, פון אַלעם דעם, וואָס מיר טהוען און פון אַלעם דעם, וואָס מיר פיהלען.

אין איינעם מיט אונזערע גשמיות׳דיגע וועלטען געפינען זיך און ווערען בעשאַפען יעדער ווייל מיליאָנען פערבאָרגענע וועלטען, וואָס זענען כלו־רוחניות. די גאַנצע גשמיות׳דיגע וועלט אָבער און אַלעס, וואָס אין איהר, אַלע ערשיינונגען, וואָס קומען אין איהר פאָר, יעדער קלענסטער זשעסט, יעדע קלענסטע בעוועגונג, יעדער קלענסטער פליגעל־פלאַטער פון קלענסטער פויגעלע אפילו זענען אויך מעהר ניט, ווי אויסערליכע פאָרמען פון אַן אַנדער אינערליך לעבען, פון אַנדערע פערבאָרגענע וועלטען.

און אַט די דאָזיגע אַלע „עלמין דאתגלין“ און „עלמין דאתכסין“ זענען מעהר ניט, ווי דער בליץ־געדאַנק פון דעם „טמיר ונעלם“, די כונה פון דער געטליכער טעטיגקייט אויף איהר אונענדליכען וועג צו איהר אונענדליכען ציעל. דאָס אַלעס איז מעהר ניט ווי איין גאַנצער אונענדליכער פּאָדים, וואָס ציהט זיך פון פאַנאַנדערוויקלענדען זיך קנויל פון דעם „עילת כל העילות וסבות כל הסבות“. דאָס אַלעס איז מעהר ניט, ווי פערשיעדענע התגלות׳ען פון טמיר ונעלם, פערשיעדענע פערביינגעהענדע פאָרמען, וועלכע עס נעהמט אָן די געטליכע ענערגיע.

ב.

# דער שפינאזישער מאניזם און דער אידישער דואליזם.

דער אונטערשיעד צווישען דער מעטאפיזישער לעהרע פון דער אידישער קבלה און צווישען דעם שפינאציזם: דער מאנאטעאיזם גלויבט אין דואליזם אין דער נאטור, ווערענד דער פאנטעאיזם גלויבט אין דעם מאניסטישען פרינציפ. — דער אונטערשיעד צווישען דעם מאנאטעאיזם און פאנטעאיזם: לויט דעם ערשטען איז דאס העכסטע וועזען — א רעאליטעט פאר זיך. לויט דעם צווייטען אבער עקזיסטירט דער משפיע נאר אין דער השפעה זיינער. — די מעטאפיזיק פון בעל־שם איז מעהר נאהענט צום שפינאציזם, ווי די אידישע קבלה בכלל איז צו איהם נאהענט. — דער „סוד הצמצום" לויט דעם האר"י און לויט דעם בעש"ט.

און אט דיעזע מיסטישע וועלט־עמפפינדונג, אט דיעזע קאנצעפציאן וועגען דעם צוזאמענהאנג וואס עקזיסטירט צווישען דעם „יוצר" און דער „יצירה" זיינער, איז אויך דער גרונד־שטיין פון דער מעטאפיזישער שיטה פון בעל שם, איז אויך דער גרונד־שטיין פון זיין לעהרע וועגען דער גאטהייט.

איידער דער בעל שם האט זיך אבער בענוצט מיט איהר האט ער אין איהר פיעלע ענדערונגען און „תקונים" אריינגע־טראגען. טראץ די אלע אלגעמיינע עהנליכקייטען איז דאך א גרויסער אונטערשיעד פאראן צווישען זיין מעטאפיזישער לעהרע און דער מעטאפיזישער לעהרע פון דער קבלה, וואס ביז איהם.

די קאָנצעפּציאָן וועגן דער שאַפענדער געטהייט און איהר צוזאַמענהאַנג מיט דעם געשאַפענעם, לויט ווי זי ווערט אין דער בעש"ט'ער מעטאַפיזיק פאַרמולירט, שטעהט פיעל נעהנטער צום שפּינאָזישען מאָניזם, ווי צום אידישען דואַליזם, שטעהט פיעל נעהנטער צו דער פּאַנטעאיסטישער אידעע, ווי צו דער מאָנאָטעאיסטישער. טראָץ די אויסערליכע און אויבער־פלעכליכע עהנליכקייטען, אונטערשיידעט זיך זעהר פיעל די מעטאַפיזיק פון דער אידישער קבלה אין איהרע גרונד־פּרינ־ציפּען פון דעם שפּינאָציזם. זי אונטערשיידעט זיך זעהר פיעל פון זיין פּאַנטעאיסטישער לעהרע.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אידישען מאָנאָ־טעאיזם, די קאָנסעקווענץ זיינע, צו וועלכער ער מוז פיהרען, איז דער דואַליזם אין דער נאַטור. דאָס העכסטע וועזען איז אַ רעאַליטעט פאַר זיך. דאָס לעבען און עקזיסטענץ פון דער געטהייט איז אַ רעאַלער פאַקט ניט נאָר אין לעבען און עקזיסטענץ פון די נידריגע וועזענס, נאָר אויך אויסער זיי. ער — גאָט — האָט געלעבט נאָך איידער אַלעס איז באַשאַפען געוואָרען און וועט אויך לעבען — אָדער: וואַלט אויך געלעבט — נאָכדעם, ווען אַלעס וועט — אָדער: וואַלט — אונטערגעהן.

און אויך די לעהרען פון דער אידישער קבלה נעהמען אָן דעם פּרינציפּ פון דואַליזם אין דער נאַטור. זיי האָבען נאָר אַ מעהר מיסטישע פאָרשטעלונג וועגן דער עמפּירישער וועלט. זי ציהט נאָר שאַרפערע און טיעפערע בעציהונגען צווישען דעם יוצר און דער יצירה זיינער. אָבער ניט מעהר. דער שכל הפועל, לויט דער אידישער קבלה, ווערט ניט אין דער פּעולה פערשלונגען. ניט נאָר אין דער השפּעה אַליין עקזיסטירט דער משפּיע. דער מקור לעבט זיך זיין אייגען, בעזונדער לעבען. דאָס לעבען פון אוניווערזום איז מעהר

ניט ווי א געוויסע פארם פאר א געוויסען מאמענט אין זיין לעבען. דאס לעבען פון אוניווערזום איז פון זיין לעבען אבהענגיג. דורך זיין ווילען איז דער אוניווערזום באשאפען געווארען. דורך זיין לעבען איז דאס לעבען און עקזיסטענץ פון אוניווערזום מעגליך. זיין לעבען איז אבער ניט פון לע־בען פון אוניווערזום אבהענגיג.

דאס אלעס לערנט דער אידישער מאנאטעאיזם, דאס אלעס לערנט די אידישע קבלה דאמאלס, ווען דער פאנ־טעאיזם טיילט ניט דעם יוצר פון דער יצירה פאנאנדער. דער שכל הפועל עקזיסטירט נאר אויף אזוי פיעל, אויף ווי־פיעל די פעולה עקזיסטירט. די השפעה און דער משפיע זיי־נען פון אייביג אן צוזאמענגעבונדען, צוזאמענגעהענגד. עס זיינען ניטא קיין „צוויי רשויות". אלעס איז ניט נאר פון גאט: אלעס איז אויך גאט אליין. דאס העכסטע וועזען איז ניט קיין רעאליטעט פאר זיך. דאס לעבען און עקזיסטענץ פון דעם אוניווערזום איז ניט נאר א געוויסע פארם פון דעם לעבען און עקזיסטענץ פון דער געטהייט, נאר טאקי זיין עיקר וועזענטליכקייט, זיין איינציגע וועזענטליכקייט אליין. די אלע געזעצען, טענדענצען און ציעלען וואס הערשען אין דער נאטור, צוזאמען מיט דעם גאנצען מאטעריעלען אינהאלט איהרען, — דאס אלעס, אדער, אין דעם אלעם, איז די געט־הייט. קיין אנדער געטהייט איז ניט פאראן.

און נאר דער בעש"ט'ער צווייג פון דער אידישער קבלה טראגט אויף זיך, ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, אן אינטימע פערוואנדשאפט מיט דעם שפינאזישען פאנטע־איזם. אלענפאלס פערמאגט ער אין זיך פיעל מעהר פאנטע־איסטישע עלעמענטען, ווי די אידישע קבלה בכלל פערמאגט זי.

זי פערמאגט זי בעזאנדערס אין דעם טייל איהרען, וואו זי פערברייטעט און פערטיעפט די פונקטען פון דער

אידישער קבלה, וועלכע רעדען וועגען דער אבשפּיגלונג פון איביגען לעבען אין דעם פערבייגעהענדען.

---

ווי אַלעס וואָס דער בעל שם האָט געלערנט און גע־פּרעדיגט, איז אויך די מעטאפיזיק זיינע, זיין לעהרע וועגען דער געטהייט מיט א טיעפען דעמאָקראטישען גייסט דורכ־געדרונגען. עס האָט דער בעל שב גאָט פון הימעל אויף דער ערד אראָבגעבראכט און האָט איהם ניט נאָר מיט דעם מענ־שען אין אינטימער בעריהרונג געשטעלט, נאָר אויך מיט אַלעם דעם וואָס לעבט, און מיט אַלעם דעם וואָס עקזיסטירט.

די עמפּירישע וועלט איז שוין, לויט זיין מעטאפיזישער לעהרע, ניט נאָר מאטעריאַל טויטער, אויף וועלכער עס פאַלען שטראַהלען פון זיין איביג לעבען, נאָר גאנצע שטי־קער, כביכול, פון זייז אייגענער וועזענטליכקייט. זיין מע־טאפיזיק רעדט אזוי פיעל וועגען דער בעהעפטונג פון איי־בינען און פארבייגעהענדען, וועגען דער עקזיסטענץ פון אונ־שטערבליכען און שטערבליכען; ער אונטערשטרייכט דאָס אַלעס אזוי טיעף אַלע מאָל, גלייך ווי עס וואָלט ווירקליך קיין אונטערשיעד צווישען גאָט און דער נאַטור ניט געווען.

עס איז דער גאָט פון בעל שם ניט נאָר דער גאָט פון די הויכע און ווייטע הימלען. ער איז דער גאָט פון דער ערד, פון די אונצעהליגע מענגען מענשען אין יעדען קעהר און ריהר זייערען. ער איז שטענדיג מיט זיי און אין זיי. דער אל אלהי ישראל, דער אל אלהי החסד והרחמים, האָט ניט נאָר באשאפען אַלעס, ער איז אויך פערקערפּערט אין אַלעס. און אויב מען קען איהם ניט זעהען קיינמאָל, קען מען איהם אָבער פיהלען שטענדיג. עס איז גאָר דאָס ווינקעלע אויף דער וועלט ניט פאַראן, אוואו ער זאָל זיך ניט געפינען דאָרטען.

„אמת, דורך פיעל אייזערנע מחיצות און פעסטונגען בע־האלט ער זיך אויס פון אונז. די אנשי הדעת אבער ווייסען, אז דיזע אלע אייזערנע מחיצות און פעסטונגען, די אלע „לבושין" און צודעקען זיינען אין עיקר עצם זייערען פון זיין אייגע־נער וועזענטליכקייט, ווארים קיין פלאץ איז פון איהם ניט פריי".*)

„די אלע פערשיעדענע וועלטען און אלעס, וואס גע־פינט זיך אין זיי, אלעס, וואס מיר קענען מיט אונזערע חושים פיהלען, אלעס, וואס ציהט זיין עקזיסטענץ פון די געזעצען, וואס הערשען אין דער נאטור, אלעס, וואס מיר קענען מיט אונזער שכל בעגרייפען, זיינען אין זייער איי־גענער וועזענטליכקייט גאר ניט. זיי זיינען אלע פון זיין ווילען און חסד אבהענגיג. און ער און זיי זיינען איין פאל־קאמע איינהייט. קודשא ברוך הוא האט זיך נאר בעהאלטען, כביכול, אין פיעלע פערשיעדענע לבושים, בעהעלטענישען און קאנצענטראציאנען, אין וועלכע און דורך וועלכע ער באהאלט זיך אויס פון די אויגען פון זיינע ברואים, און זיי זעהען יעדער זאך, ווי א מחיצה, וואס שיידעט אב און טיילט פאנאנדער צווישען זיי און צווישען דעם באשעפער זיינעם. און אין דעם באשטעהט טאקי די גוואלדיגע גבורות פון יוצר בראשית — אין דעם וואס ער בעהאלט זיך אויס פון אונז אין די התגלות'ען זיינע און ענטפלעקט זיך פאר אונז אין זיינע פערהיילונגען".

אלעס וואס געפינט זיך, זאגט דער בעל שם, אויבען און אונטען, איז איין פאלקאמענע אחדות. „אלעס איז גע־מאכט און באשאפען געווארען פון זיין וועזענטליכקייט

*) הוא מסתתר בכמה מחיצות והומות ברזל. אבל אנשי הדעת יודעים שכל מחיצות וחומות הברזל וכל לבושין וכסוין הוא עצם מעצמותו יתברך. דלית אתר פנוי מניה.

יתברך, ווי אַט יענע טשערעפּאַכע, דער לבוש פון וועלכער איז פון איהר אַליין, און אין איהר אַליין טאַקי". און דאַריבער קומט אויס, אַז „דאַמאַלס ווען דו טראַכסט וועגען בורא יתברך, טראַכט ער אויך וועגען דיר דאַמאַלס".

און דאָ קומען מיר צום אונטערשיעד, וואָס עקזיסטירט צווישען דעם גאָט פון בעל שם און דעם גאָט פון האר"י הקדוש. לויט דעם בעל שם, האָט גאָט זיין אייגענע וועזענט־ליכקייט אין אוניווערזום פאַרקערפּערט. ער האָט אַלעס פון זיך אַליין באַשאַפען. איבערפילט פון גרויס ליעבע, חסד און רחמים — האָט ער זיין עקזיסטענץ און זיין לעבען מיט דער עקזיסטענץ און לעבען פון דער גאַנצער נאַטור צו־נויפגעגאָסען.

גאַנץ אַנדערש אָבער האָט זיך דער גאָט פון האר"י הקדוש געהאַלטען, ווען ער האָט זיך פערטראַכט זיין וועלט צו באַשאַפען. ער האָט זיך דאַן, ווי אַ שטאָלצער מיוחס גע־האַלטען. ער האָט זיך דאַן, ווי מעשה־אַריסטאָקראַט גע־פיהרט. ער האָט די גאַנצע זאַך גאָר אין גאַנצען, ווי אָהן ליעבע געטהון, נאָר ווי אַ מוז, ווי אַ טהאַט, וואָס איז אויף איהם אַרויפגעצוואונגען געוואָרען פון דעם דראַנג צום שאַפען, וואָס לעבט אין איהם.

און דאַריבער האָט ער ניט באַשאַפען די וועלטען פון זיין איינענער וועזענטליכקייט, ווי אַט „יענע טשערעפּאַכע, וואָס דער לבוש איהרער איז פון איהר און אין איהר אַליין". „ער האָט זיך מצמצם געווען, וואָס מעהר אין זיך קאָנצענ־טרירט, אָבגעגאַנגען אין די זייטען, און אין דעם לעדיגען פּלאַץ זיינען באַשאַפען געוואָרען מיליאָנען און מילי־מיליאָ־נען וועלטען. דער אין סוף האָט זיך, כביכול, מצמצם געווען, כדי דיזע אַלע כחות זאָלען לידי התגלות קומען און ער זאָל זיי מיט זיין ליכט קענען בעשטראַהלען".

דער גאָט פון בעל שם האָט אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט די וועלטען באשאפען אלעס אין זיך איינגעזויגען און אויך זיך אליין אין אלעם איינגעזויגען. דער גאָט אָבער פון הער"י הקודש איז דאמאלס אין דער זייט געשטאנען, וואָס מעהר און מעהר אין זיך אוועק, כדי ער זאָל דאָן אין וואָס ווייניגער בעריהרונג מיט דער שעפּפונג קומען.

ג.

# דער בעשט׳ר פאַנטעאיזם

די צוזאמענהאנג צווישען די „עולמות העליונים" מיט דעם „עולם התחתון." — גאָט איז איבעראַל, אפילו אין די עבירות, וואס דער מענש טהוט. — דער חטא אליין ווי אויך דער תענוג פון חוטא קוועלט פון תענוג העליון ארוים. — אין טיעפען שורש זייערען איז דאס גוטע מיט דעם שלעכטען פעראייניגט. — דער ענין פון „המתקת הדינים." — די שלעכטע מידות פון רשע ווערען ביים צדיק אין גוטע פער־וואנדעלט. — אין אלעם דעם, וואס האט אירגענד־וועלכע גייסטיגע אדער מאטעריעלע עקזיסטענץ, איז די גאָטהייט פאראן. — קיין זאך איז דעם מענשען ניט אזוי נאָהענט, ווי גאָט איז איהם נאָהענט: גאָט האט זיך נאר מיט פערשיעדענע מחיצות פערשטעלט. איז אָבער שטאַרק ביים מענשען דער בעגעהר גאָט צו זעהן — פערשווינדען דאן די אלע מחיצות באלד.

אלעם וואָס דער הארי ז"ל האָט מחדש געווען, זאָגט דער „סדר הדורות החדש", איז וועגען הימעל פון אויבען, וועגען די „עולמות העליונים" און וועגען די „אורות העליונים". ניט יעדער מוח איז אָבער מסוגל צו משיג זיין, וואָס פון אויבען טהוט זיך. דער בעל שם טוב אָבער האָט ענטפּלעקט די געטהייט דאָ אויף דער ערד. בעזאָנדערס אין „אדם התחתון", ער האָט אונז דעם גרויסען סוד ענטדעקט, אז עס איז קיין אבר און קיין כח פאראן, וואָס זיי זאָלען ניט קיין לבוש זיין פאַר דעם געטליכען כח, וואָס איז אין זיי בעהאַלטען. און דאָס זעלבע איז אויך בנוגע צו אלע אנדערע זאכען וואָס עקזיסטירען אויף דער וועלט. עס איז ממש קיין ברעקעל

פלאץ און אָרט ניט פאַראַן, אַוואו די געטהייט זאָל זיך דאָר־טען ניט געפינען.*)

דעם האר"י — זאָגט איינער פון „מגיד'ס" תלמידים,— זיינען בעוואוסט געווען די אַלע וועגען פון הימעל. ער האָט דאָרטען אַלעס אויסגעפאָרשט און אויסגעזעהן און אַלעס ריכ־טיג פערצייכענט און אויפגעשריבען; דער בעש"ט אָבער האָט אונז מגלה געווען דעם גרויסען סוד, ווי אַזוי די אַלע וועגען פון עולם העליון פעראייניגען זיך מיט דעם עולם התחתון אין יעדער באַוועגונג, אין יעדען זשעסט, אין יעדען וואָרט און אין יעדען פאַקט.

די שכינה, זאָגט דער בעל שם טוב, געפינט זיך אין די אַלע פיעלע מדרגות, וואָס ציהען זיך פון אויבען ביז אַראָב. און דאָס איז דער סוד פון „ואתה מחיה את כלם" — דו בעלעבסט זיי אַלעמען. וואָרים ווען דער מענש טהוט אפילו אַן עבירה חס ושלום, אויך דאַן איז זיך די שכינה מתלבש אין איהם. וואָרים אָהן איהר, וואָלט ער ניט בכח גע־ווען מיט קיין אבר צו ריהרען. וואָרים נאָר גאָט איז דער קוואַל פון זיין לעבען. נאָר ער גיט אין איהם קראַפט און לעבען אַריין. און דאָס איז דער פשט פון „גלות השכינה". כביכול. אפילו אין ניאוף איז זיך די שכינה מתלבש, כביכול. וואָרים מיט זיין כבוד איז די גאַנצע וועלט פול. אפילו דער פלאַץ, אַ וואו דער חטא ווערט בעגאַנגען, ווי אויך דער תענוג פון חוטא ווערט פון תענוג העליון געצויגען. **)

---

*) כל אשר גלה האר"י ז"ל הוא בשמים ממעל, בעולמות העליונים ואורות העליונים ולאו כל מוחא סבול דא להשיג אשר למעלה. והבעש"ט גלה את האלקות פה בארץ, בפרט באדם התחתון, שאין בו שום אבר ושום כח מה שאינו לבוש לכח האלקי, אשר טמון וגנוז בקרבו. וכן בכל הדברים הנמצאים בעולם. ממש לית אתר פנוי מניה.

**) השכינה היא מעילא לתתא עד סוף כל המדרגות. וזה הוא סוד ואתה מחיה את כולם. שאפילו כשהאדם עובר עבירה ח"ו אזי גם כן השכינה מתלבשת בו, כי בלא היא לא יהיה בו כח לעשות זאת ולהניע בשום אבר,

און ניט נאָר אין די טהאַטען און האנדלונגען פון מענשען געפינט זיך גאָט. ער געפינט זיך אויך אין די געדאַנקען זיינע. אויך דאַמאָלס, ווען ער טראַכט און דענקט געפינט זיך גאָט אין איהם. אין די אַלע מחשבות פון מענשען געפינט זיך די עקזיסטענץ פון איהם יתברך. „אַפילו אין אַ מחשבה זרה, אין זינדיגע און אומריינע געדאַנקען, געפינט זיך די עקזיסטענץ זיינע. און דער מענש בעדאַרף זי נאָר מתקן זיין און צו אַ העכערער מדרגה זי ברענגען". „כי הנה אויבך ה'". אַפילו אין שונא דיינעם, אין שטן, אין יצר הרע, איז נאָר גאָט פאַראַן און אויסער איהם, גאָר ניט.

די שכינה — לערנט ווייטער דער בעש"ט'ער חסידיזם — שליסט אין זיך איין די אַלע עולמות: דעם דומם, צומח, חי מדבר, און די אַלע זאַכען וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט, סיי גוטע און סיי שלעכטע. עס איז אַפילו קשה: ווי קענען זיין צוויי הפכים אין איין נושא? ווי קען די שכינה ענטהאַלטען אין זיך צוויי גענענגעזעצטע זאַכען? אין אמת'ן אָבער איז דאָס גאָר קיין קשיא ניט. אין טיעפען שורש איז דאָס גוטע מיט דעם שלעכטען פעראייניגט. וואָרום דאָס שלעכטע „דיענט אַלס כלי פאַר דעם גוטען". עס איז קיין אבסאָלוט שלעכטעס פאַראַן. ווען דאָס שלעכטע ברענגט גוטעס מיט זיך, ווערט עס אַ כלי אין וועלכען דאָס גוטע געפינט זיך. און אַלעס ווערט דאַן אויף דער מדרגה פון „כלו טוב" געשטעלט. עס קומט דאַמאָלס פאַר אַ מין „בטול הקליפות" כמעט, עטוואָס פון דעם „עתיד לבוא". און דאָס איז דער גאַנץ פון „המתקת הדינין". דער שטרענגער אינהאַלט פון די קאַטעגאָרישע פרינציפּען ווערט אין זיין גאַנצען פערוואַנ־

---

כי הוא המחיה אותו ונותן בו כח וחיות. וזה כביכול גלות השכינה. גם ביחוד של ניאוף שקר השכינה כביכול מתלבשת שם ג"כ. כי כבודו מלא כל העולם כביכול. גם מקום החטא והתענוג של החוטא נמשך מתענוג העליון.

דעלט דורך די אנלאגען, וואס זיי טראגען אין זיך, צו קענען אויסגענוצט ווערען פאר גוטע צוועקען. „דורך דעם, וואס מען געפינט אויס אין דער מדרגה פון דין דעם שורש פון חסד, ווערט אלעם חסד. מיר זיינען ממתיק דעם דין דורך דעם שורש חסד, וואס מיר האבען אין איהם אויסגעפונען“.

„אט נעהמט, למשל, די מדות: גדלות, תקיפות און קמצנות. זיי זיינען פון די ערגסטע מדות. אין אמת'ען אבער זיינען זיי א „כסא לטוב“. און אמאל בעדארף מען זיך בע־נוצען מיט זיי, מען זאל זיי אין דער מדרגה פון קדושה אריינברענגען. גאוה, למשל, איז ניט שטענדיג שלעכט. די חז"ל האבען אונז געלערנט, אז א תלמיד חכם בעדארף אין זיך האבען „אחד מבשמינית“ — אן אכטעל — פון דיעזער מדה. תקיפות — איז אויך ניט שטענדיג א שלעכטע מדה. א פרומער איד בעדארף זיך אננעהמען פאר גאט'ס כבוד פון די בעלי עברה'ניקעס. קמצנות — איז אויך אמאל א מדה טובה. די גמרא לערנט אונז, אז קיינער טאר ניט צעטיילען פאר צדקה מעהר, ווי א פינפטעל פון זיין פארמעגען.

דיזעלבע מדות מיט וועלכע דער רשע בענוצט זיך אין גשמיות, בענוצט זיך מיט זיי דער צדיק אין רוחניות: ביים רשע זיינען די אויגען אין גשמיות גרוים. וויפיעל ער האט, איז איהם אלץ ווייניג, און ער וואלט וועלען נאך און נאך. און אויך דער צדיק האט גרויסע אויגען. ביי איהם אבער זיינען זיי גרוים אין רוחניות. די אלע מעשים טובים, וואס ער טהוט, זיינען איהם ווייניג, און ער זוכט וואס מעהר מצוות צו טהאן. און דאס זעלבע איז מיט גדלות. דער רשע האט דיזע שלעכטע מדה אין גשמיות, און דער צדיק אין רוחניות. ער פראוועט גדלות אנטקעגען דעם יצר הרע, וועלכער רעדט איהם אן: וואס איז גאר אין גאנצען דער מענש, ער זאל אויף זיך אזא גרויסע און שווערע ארבייט

נעהמען צו דיענען השם יתברך, וועלכער איז דער עיקר און שרש פון די אלע וועלטען? דער צדיק פאלט אבער ניט אונטער דעם איינפלוס פון יצר הרע. ער וויל זיך ניט קליין האלטען. ער בעטראכט זיך אלס גרויס גענוג ער זאל יא קע־נען דיענען דעם בורא יתברך.*)

„און דאס אייגענע איז אין בעצוג צו שיחות חולין, צו דבורי־רשות — רעד, וואס זענען ניט קיין מצוה און ניט קיין עבירה — און צו מחשבות־רשות.ביים עהרליכען אידען ווע־רען זיי א לבוש פאר די דברי תורה זיינע און פאר זיינע היי־ליגע מחשבות. ווארום אויך די ווי יענע זענען אותיות. און די אלע עולמות האלטען זיך אלע נאר אין די צוויי און צוואנ־ציג אותיות פון דער תורה. נאר אין די צרופים זייערע — אין די פערשיעדענע קאמבינאציאנען פון די אותיות — ליעגט דאס גאנצע לעבען און עקזיסטענץ זייערס. און דעריבער זע־נען די דבורים פון דער קדושה זיך מתגבר איבער די דבורי הרשות. זיי ווירקען אויף זיי צו גוטען. זיי פערענדערען די צרופים זייערע. דורך דעם ווערען זיי אין די צרופים פון דער תורה, וואס אט יענער מענש האט געלערנט, פערוואנ־דעלט.״**)

אט אזוי זעהען מיר, אז שלעכטס אין אבסאלוטען זין

*) מה שיש לרשע במדות בגשמי יש לצדיק ברוחני: לרשע יש עין רעה בגשמי. שכל טובה, שיש לו, אינה מספיקה לו ואינו שבע ומתאוה עוד, משא״כ הצדיק יש לו מדה זו ברוחני נגד היצר הרע, המפתה אותו: מה אנוש, שילך בגדולות האלה לעבוד השם יתברך, עקרא ושרשא דכל עלמין? ונגד זה יש לו רוח גבוה, גם נפש רחבה, שמתאוה הצדיק בכל מיני תאוה שאפשר בעבודת השם יתברך. והרשע יש לו מדה זו בגשמי.

**) שיחות חולין, שהן דבורי הרשות וכן מחשבות רשות הן נעשות לבוש לדברי תורה ולמחשבות קדושות של האיש הירא ותנלבב, כי הלא אלו ואלו הן אותיות ואין כל העולמות תלויים רק בכ״ב אותיות התורה, רק שבצרופים יש שנויים. ולכן דבורי הקדושה מקדישים את דבורי הרשות הללו ומהפכים אותם ומשנים הצרופים ונעשה מהם צרופי תורה, שלמד האיש ההוא.

איז גאָר ניט פערהאַן, אז די אלע שלעכטע מדות פון מענשען קען מען אין גוטע פערוואנדלען. און דאָס איז דער ענין פון „סור מרע ועשה טוב.“ „געה אוועק פון שלעכטען און פער־וואַנדעל עס אין גוטעס.“ ווארום אין שלעכטען איז אויך גו־טעס פערהאַן. „אין שקר איז אויך א טייל אמת פערהאַן.“

מיט איינעם וואָרט: גוט איז אומעטום. אין אלעם דעם, וואָס האָט אירגענד־וועלכע גייסטיגע אָדער מאַטעריעלע עק־זיסטענץ — אפילו אין די ערגסטע עלעמענטען פון אוניווער־זום: אין די אלע ערגסטע מחשבות זרות און מעשים זרים. אויך אין זיי לעבט דאָס אייביגע לעבען. אויך זיי וואָלטען אין זיך קיין כח און קיין חיות פערמאָגט, ווען די שכינה וואָלט זיי ניט מיט איהר כח און לעבען בעשטראַהלען. די אלע מילי־מיליאָנען פערשיעדענע פאָרמען פון לעבען און עקזיסטענץ זענען אין תוך זייערען מעהר ניט, ווי די פערקערפערונג פון געטליכען און פון דער געטליכער ענערגיע.

---

ווייט אין דער הויך זיינען די הימלען. עס טראָגט זיי אָבער יעדער מענש ביי זיך אין הארצען. קיין זאַך איז ניט דעם מענשען אזוי נאָהענט, ווי גאָט איז איהם נאָהענט. מען בעדאַרף נאָר שטרעבען צו איהם. מען בעדאַרף איהם נאָר וועלען פיהלען אין זיך. מען בעדאַרף נאָר אין גרויסען סוד פון לעבען זיך קענען איינטיעפען. עס בעדאַרף איינער באמת וועלען גאָט זעהן, וועט ער איהם דערזעהען באלד.

און מיט דעם פאָלגענדען שענעם משל אילוסטרירט דער בעל שם די גראַנדיעזע פאַנטעאיסטישע אידעע זיינע.

עס האָט אמאָל א קיסר, א גרויסער חכם, געמאַכט דורך אויגען־פערבלענדעניש פערשיעדענע פעסטונגען, טהורעמס און טוירען. זיי האָבען בעדאַרפט אלס מחיצה דיענען צווי־שען איהם און צווישען זיינע אונטערטאַנען.

און ביים ארייננאנג פון יעדען טויער האט ער געהייסען פערשיעדענע טייערע זאכען פון זיינע רייכע אוצרות צו פער־שפרייטען.

האבען זיך מענשען היין און הער געצויגען.

ווער עס איז מיט עטליכע טויערען מעהר דורכגעגאנגען; און ווער מיט עטליכע טויערען ווייניגער. שטארק טיעף אבער האט זיך קיינער ניט געלאזט.

צו וואס ?

ביי יעדען איינעם זיינען באלד די אויגען פון די פיעלע רייכקייטען פערבלענדעט געווארען. האבען זיי פולע הענד פון דעם אלעם גענומען און האבען זיך באלד א היים געלאזט.

עס האט קיינעם אין דעם גרויסען מלך ניט געדענקט.

עס האט ביי קיינעם קיין באגעהר ניט געלעבט חאטש אויף וויפיעל עס איז נאהענטער צום מלך צוקומען.

אנדערש איז דאס אבער מיט דעם געליעבטען זוהן פון מלך געוועזן.

ער האט נאר איין געדאנק אין זינען געהאט; ער זאל דוקא ביז צום טאטען זיינעם, דעם קעניג, צוקומען.

קיין אנדער זאך האט פאר איהם קיין שום אינטערעס ניט געהאט. די אלע רייכע אוצרות וואס ער האט געזעהען פאר זיך, האבען ווי גאר ניט עקזיסטירט פאר איהם.

און ווי ער איז אזוי פער׳דבקה׳ט געוועזן אין שטארקען באגעהר זיינעם, זיין פאטער צו זעהן, האט ער פלוצלינג דערפיהלט, אז קיין שום מחיצה טיילט ניט צווישען איהם און זיין פאטער פונאנדער, און ער האט אין איין מאמענט דעם פאטער זיינעם דערזעהען.

ווארים עס איז אלעס נאר אויגען־פארבלענדניש געוועזן.

מיר זעהען די זאכען, וועלכע האבען ניט קיין ווירקליכע עקזיסטענץ, וועלכע זענען מעהר ניט, ווי אויגען־פערבלענדע־ניש. דאס ווירקליכע און איינציגע לעבען אבער זעהען מיר ניט.

עס בעדארף אבער דער מענש אויף א מאמענט פון א שטארקען בעגעהר, דעם יוצר זיינעם צו דערקענען, בע־הערשט ווערען, וועט פון איהם באלד דער גאנצער אחיזת־עינים זיינער פערשווינדען, און ער וועט דאס ווירקליכע לעבען דערזעהן:

עס וועט פאר איהם דאמאלס דער מאמענט פון זיין התגלות קומען, און ער וועט דערזעהען און דערהערען אזוינע זאכען, וואס קיינער זעהט ניט און קיינער הערט ניט. ער וועט אין איין מאמענט די יצירה אין דעם יוצר און דעם יוצר אין דער יצירה דערזעהן, און א גרויסע פרייד וועט זיך דאן אין זיין הארצען צעגיעסען, און ער וועט דאמאלס מא־מענטען פון העכסטער בעגייסטערונג איבערלעבען.

ווארום עס וואלט ווירקליך דער מענש מיט א בענקענ־דער און זיכגענדער נשמה בעדארפט ארומגעהן שטענדיג, ווען ער זאל א „רואה פני המלך" קענען זיין. טויב און בלינד אבער זענען די מענשען. זיי זעהען ניט דאס געטליכע גע־שטאלט, וואס געפינט זיך אומעטום, און הערען ניט דאס געט־ליכע געזאנג, וואס טראגט זיך איבעראל. נאר יחידי סגולה זענען מיט ליכטיגע אויגען און אפענע אויערען געבענשט. נאר זיי הערען און זעהען די געטהייט שטענדיג.

און דערפאר לעבט ביי זיי אין הארצען אזא גרויסע פרייד שטענדיג. און דעריבער איז זייער נשמה מיט אזוי פיעל געזאנג און בענקעניש שטענדיג פול.

עס איז אמאל — אילוסטרירט דער בעל שם מיט א צווייטען משל די שענע פאנטעאסטישע אידעע זיינע — א גרויסער מייסטער אויף א מוזיקאלישען אינסטרומענט גע־

ווען. ער האט וואונדערבאר שען געשפּיעלט, און זיין שפּיע־לען האט אין זיך פיעל הארציגקייט און מתיקות פערמאגט.

די אלע, וואס האבען זיין שפּיעלען געהערט, האבען זיך זיט געקענט בעהערשען. זיי האבען גזומען דאמאלס אויף א „שטורמישען" אופן זייער גוואלדיגע התפעלות אויסדריקען. פון גרויס ענטציקונג און חיות, וואס דאס שפּיעלען פלעגט אין זיי ארייגעבען, פלעגען זיי זיך דאן אזש פון זייערע ערטער הויבען און פלעגען ביז צו דער סטעליע שפּרינגען. און וואס מעהר איינער איז נאהענט צום מנגן געשטאנען און וואס מעהר איינער האט זיך אין זיין שפּיעלען איינגעטיעפט, אלץ מעהר פערגניגען האט ער געהאט, און אלץ מעהר האט ער דאמאלס פון גרויס ענטציקונג און בעגייסטערונג געטאנצט און געשפּרונגען.

האט דער מנגן אמאל אזוי אין א געוויסען פלאץ גע־שפּיעלט.

דערווייל איז איינער א טויבער אהין אנגעקומען. האט ער דערזעהען, ווי מענשען טאנצען און שפּרינגען און מאכען זיך נאריש — האט ער זיי, ווי משוגעים בעטראכט. „וואס פאר א שמחה איז דאס אויף זיי? האט ער ביי זיך אין הארצען געטראכט.

ער האט דאס שפּיעלען ניט געהערט און ניט פערשטא־נען. האבען ביי איהם די בעגייסטערטע מענשען, ווי משוגעים אויסגעזעהן.

ווען ער וואלט אבער טויב ניט געווען זיין און וואלט אויך דערצו נאך א פיינעם חוש פאר מוזיק פערמאגט, וואלט ער אויך געווען געטאנצט און געשפּרונגען מיט אלעמען פון גרויס תענוג און מתיקות, וואס דאס שפּיעלען פון גרויסען מייסטער וואלט אויך ביי איהם געווען ארויסגערופען.

טויב און בלינד געהען מיר ארום איבער דער וועלט. מיר זעהען גאָר ניט און הערען גאָר ניט. און טאָמער געפינען זיך איינינע יחידי סגולה, וואָס גאָט האָט זיי זיינע סודות פערטרויעט, ווילען מיר זיי מיט אונזער שפאָט און געלעכ־טער פערשטיינערען.

פאַר די בלינדע עקזיסטירען גאָר אינגאַנצען קיין פאַר־בען ניט.

און פאר די טויבע עקזיסטירט גאָר אינגאַנצען קיין נגינה ניט.

ד.

# פאראלעלען צווישען דעם שפינאזישען פאנ־טעאיזם און בעש"ט׳ער

פאראלעלען צווישען דער פאנטעאיסטישער אידעע פון שפינאזא און צווי־שען דער זעלבער פון בעל־שם. — דער אונטערשיעד אין דעם אינ־האלט פון דער פאנטעאיסטישער פארמולא „אלעס איז גאט און גאט איז אלעס" לויט דעם שפינאציזם און לויט די בעלי־הקבלה.— ביי דעם ערשטען איז דיעזע פארמולא אן ענטפער אויף דער פרא־גע: „וואס איז גאט ?" און ביי די לעצטע — אויף דער פראגע: „וואו איז גאט ?" — דער פאנטעאיזם פון שפינאזא גרענעצט זיך מיט אטעאיזם און דער פאנטעאיזם פון בעל־שם איז דער העכסטער און שענסטער אויסדרוק פון אידישען מאנעטעאיזם. — דער גאט פון בעל־שם איז דאס געוויסען און בעוואוסטזיין פון דער וועלט; און פריי איז ער שטענדיג אין זיינע טהאטען און ווילען זיינעם.— דער גאט אבער פון שפינאזא איז אפילו איבער זיך אליין קיין בעל הבית ניט. — ער איז א געשמידטער שקלאף שטענדיג אין די אייזערנע קעטען פון אורזאכען און קאנסעקווענצען. — ניט זיין פרייער ווילען איז די טרייבענדע קראפט אין דער נאטור, נאר דער דעטערמעניזם.

און דא קומען מיר צום אונטערשיעד, וואס עקזיסטירט צווישען דער פאנטעאיסטישער שיטה פון שפינאזא און צווי־שען דער פאנטעאיסטישער שיטה פון בעל שם.

לויט דער שיטה פון בעל שם איז די געטהייט ניט נאר א רעאליטעט פאר זיך; — און אין דיעזען פרט אונטערשיע־דעט זי זיך ניט פון דער לעהרע וועגען דער געטהייט פון דער אלגעמיינער אידישער קבלה: — נאר זי איז אויך די איינ־ציגע ווירקליכע רעאליטעט, דאס איינציגע ווירקליכע לעבען. אלעס, אלעס, וואס לעבט און עקזיסטירט איז אין פערגלייך

מיט דער רעאַליטעט פון גאָט מעהר ניט, ווי אַן אויגען־פּער־
בלענדענעש. אויך וויפיעל זיי ערשיינען פאַר אונז אין דער
פאָרם, אין וועלכער מיר זעהען זיי, עקזיסטירען זיי גאָר אינ־
גאַנצען ניט, זענען זיי מעהר ניט, ווי אחיזת־עינים. זייער
ווירקליכע עקזיסטענץ איז נאָר אין דעם בעהאַלטענעם סוב־
סטאַנץ זייערען, וועלכען מיר זעהען ניט. זייער ווירקליך לע־
בען איז נאָר אין דעם געטליכען עלעמענט, וועלכער איז אין
זיי פערקערפּערט. זיי לעבען נאָר אויף אַזויפיעל, אויף ווי־
פיעל די געטהייט לעבט אין זיי. אַלעס איז טאַקי גאָט. די
רעאַליטעט אָבער פון דער געטהייט שעפּט זיך ניט אויס נאָר
אין איהר עקזיסטענץ אין דער עמפּירישער וועלט. די גאַנצע
עמפּירישע וועלט איז מעהר ניט, לויט דעם בעל שם, ווי אַ
צווייפאַכיגע פאָרם: „1) אַ מיטעל, דורך וועלכען מיר זאָלען
קענען ז י י ן לעבען אַהנען, דורך וועלכען מיר זאָלען קע־
נען זיין עקזיסטענץ פיהלען; 2) מיטלען און וועגען, דורך
וועלכע ער בעהאַלט פון אונז אויס זיין וואַהרע וועזענטליכ־
קייט, פעסטונגען און טהורעמס פערשיעדענע, אין וועלכע
ער בעהאַלט זיך פון אונזער אויג אויס."

דער פּאַנטעאיזם אָבער פון שפּינאָזאַ לעהרענט אונז,
ווי מיר האָבען שוין איינמאָל אין אַ פריהערינען אַרטיקעל
געשריבען, אַז די איינציגע ווירקליכע רעאַליטעט איז נאָר
די עמפּירישע וועלט. די געטהייט, אויף וויפיעל זי עקזיס־
טירט, עקזיסטירט נאָר אין איהר אַנוועזענהייט אין אַלעם
דעם, וואָס עקזיסטירט און לעבט אין גרויסען און אונענד־
ליכען יש, אָבער ניט אויסער איהם.

די פאָרמולאַ פון שפּינאָציזם, אַז „אַלעס איז גאָט און
גאָט איז אַלעס" מיינט אין עצם עיקר איהרען פאָלגענדע צו־
זאָגען: די שאַפענדע כחות וואָס געפינען זיך אין אַלעם דעם,
וואָס לעבט און עקזיסטירט, די אַלע געזעצען, וואָס רעגירען

און פיהרען דעם גאנצען אוניווערזום — דאס אלעם — און נאר דאס אלעם — איז גאט. ביים בעל שם אבער און ביי די אלע אנדערע פארשטעהער פון דער אידישער קבלה, אויף וויפיעל אויך זיי האבען מיט איהר אינהאלט — אויב ניט מיט דער פארמולא אליין — אפעריערט, מיינט דאס פאלגענ־דעם: א י ן אלעם דעם, וואס לעבט און עקזיסטירט איז גאט פערהאן. לית אתר פנוי מניה. ער איז ניט נאר דאס, וואס ער איז, און דארטען, אוואו ער איז. אויך דער גאנצער אוניווערזום איז גאט. אויך אין איהם איז זיין כבוד פול. די שאפענדע כחות, וואס געפינען זיך אין דער נאטור. די אלע געזעצען, וואס רעגיערען און פיהרען דעם גאנצען אוני־ווערזום, זענען ניט די געטהייט אליין, נאר איהרע פענאמע־נען, געוויסע פארמען, אין וועלכע עס ווערט איהר שאפענדע ענערגיע פערקערפערט.

דיעזע פארמולא ענטפערט, לויט דעם אינהאלט, וואס דער שפינאציזם לעגט אין איהר אריין, אויף דער פראגע: „וואס איז גאט?" גאט איז נאר דאס, זאגט אונז דער שפי־נאציזם, וואס מיר בעדארפען בעצייכענען אלס די נשמה, אלס דעם כח החיים, וואס מיר געפינען אין אוניווערזום. ביים בעל שם אבער איז דיעזע פארמולא ניט קיין ענטפער אויף דער פראגע: „וואס איז גאט?" נאר אויף דער פראגע: „אוואו איז גאט?" וואס גאט איז אזוינס אין זיין עיקר וועזענטליכקייט, לערענט אונז דער בעל שם, ווייסען מיר ניט. מיר קענען איהם אהנען נאר אין זיינע התגלות'ען. און זיינע התגלות'ען זענען אומעטום און איבעראל.

דער שפינאזישער פאנטעאיזם גרעניצט זיך מיט אטע־איזם. ער לייקענט אין דער עקזיסטענץ פון דער געטהייט אלס א וועזען, וואס טראגט זיין רעאליטעט אין זיך אליין. דאגעגען אבער איז דער בע"ש'טער פאנטעאיזם דער העכ־

סטער אויסדרוק פון גלויבען אין גאָט. ער איז די שענסטע פערפאָלקאָמונג, פערפיינערונג און פערטיעפונג פון דעם אי־דישען מאָנאָטעאיזם. גאָט איז ניט נאָר די טרייבענדע קראַפט פון גאַנצען אוניווערזום. ער איז אויך דער פרייער ווילען זיינער. ער איז דאָס געוויסען און דאָס בעוואוסטזיין פון דער וועלט. ווי אבסטראַקט, אונזעהבאַר און אונבעגרייפליך ער איז ניט, איז ער דאָך „מענשליך," כביכול. מען קען רעדען צו איהם, מען קען פאַר איהם דאָס האַרץ אויסגיעסען. מען קען פאַר איהם די נשמה אויסוויינען. עס בעגלייט זיין אנ־וועזענהייט דעם מענשען אין יעדען גרויסען אומגליק זיינעם, אין יעדער גרויסער פרייד זיינער. ער לאָזט איהם ניט איבער עלענד אין זיין אומגליק. ער טיילט מיט איהם אויך אלע זיינע גרויסע פריידען.

דער גאָט אָבער פון שפינאָזאַ איז טויב און שטום און בלינד. און ווייט איז ער פון מענשען און פרעמד פון איהם. ניט נאָר איז ער ניט דער מנהיג און פיהרער פון „כל מעשי־האדם־ותחבולותיו", ער איז אויך איבער זיך אליין קיין בעל הבית ניט. ער האָט גאָר אינגאַנצען קיין פרייען ווילען ניט. ער איז דער שקלאַף פון דראַנג צו שאַפען, וואָס לעבט אין איהם. עס איז ניטאָ פאַר וועמען צו וויינען, וועמען צו בעטען און פאַר וועמען צו רעדען. ניט ער וויל וועןעס איז עפּיס צו ענדערען און ניט ער קען עס טהון. א געשמיעדטער איז ער שטענדיג אין די אייזערנע קעטען פון אורזאַכען און קאָנ־סעקווענצען.

און דאָ קומען מיר צום העכסטען און שענסטען פונקט אין דער מעטאַפיזישער שיטה פון בעל שם, דורך וועלכען ער אונטערשיידעט זיך אַם שאַרפסטען פון שפינאָזישען פּאַנטע־איזם.

דער בע"ש'טער פּאַנטעאיזם לעהרענט אונז, אז די טריי־

בענדע קראפט אין דער נאטור איז דער שטענדיג־פרייער ווי־לען פון גאט. ער איז אין קיינע קעטען געבונדען. ער איז אב־סאלוט פריי אין זיין שאפענדער טעטיגקייט. עס איז פאר איהם קיין מוז פערהאן. דאס מעגליכע פאר איהם וייסט אויך פון קיינע גרעניצען ניט. ער האט מיט זיין פרייען ווילען די וועלט בעשאפען פון זיך אליין. מיט זיין פרייען ווילען וואלט ער זי אויך יעדען מאמענט אומברענגען געקענט. יעדען מאָ־מענט ווידער קען ער אויך די אלע סדרי בראשית משנה זיין. ער איז פון קיינע אורזאכען־ און קאנסעקווענצען־קע־טען ניט געבונדען. ער איז דער בעל הבית איבער די געזע־צען, וואס ער האט בעשאפען. ניט זיי איבער איהם. ניט נאר איז די וועלט דורך איהם בעשאפען געווארען, נאר זי ווערט דורך איהם אויך געפיהרט. און די גאנצע עקזיסטענץ און דאס גאנצע לעבען איז מעגליך נאר דערפאר, וואס גאט נעהמט אפילו אויף קיין איין סעקונדע ניט אוועק פון די אלע וועלטען די כונה און השגחה זיינע. זיי בעדארפען שטענדיג אנקומען צו איהם.

„ער איז דער „רב" און דער „שליט," דער עיקר און דער שורש פון די אלע וועלטען. און ווען ער וואלט, חלילה, צו־נעהמען זיין חיות פון זיי אפילו אויף איין רגע כממרא, וואלטען די אלע עולמות בטל געווארען."

„ווען דער מלכו של עולם וואלט זיין געזיכט פון אונז בעהאלטען, וואלט דאס גאנצע לעבען אויסגעלאשען געווא־רען. ווען די שכינה וואלט פון דעם אוניווערזום איהר השפעה אוועקגענהמען, וואלט אלעס, אלעס זיין לעבען און עקזיסטענץ פערלארען."

די אלע מילי־מיליאנען פערשיעדענע פארמען פון לעבען און עקזיסטענץ זענען אין עיקר תוך זייערען דאס לעבען און עקזיסטענץ פון דער געטהייט אליין.

וואָרום „עס איז אַ גרויסער אונטערשיעד פערהאַן — זאָגט אונז דער בעל שם — צווישען די מעשי־ידיו פון אַ בשר־ודם־מייסטער און צווישען די מעשי־ידיו, כביכול, פון גאָט.“

עס איז אַ גרויסער אונטערשיעד אין דעם כאַראַקטער זייערען צוליעב דעם, וואָס עס איז אַ גרויסער אונטערשיעד פערהאַן אין דעם מעטאָד, ווי אַזוי אַן אומן בשר ודם שאַפט און ווי אַזוי כביכול האָט זיינע מעשי־ידיו בעשאַפען.

און אויף פאָלגענדען אופן אילוסטרירט דער בעל שם דיעזען גערדאַנק זיינעם:

„דער גאָלדשמיעד, למשל, נעהמט שטיקלעך זילבער פערשיעדענע און מאַכט פון זיי איין שענע און פיינע כלי. לעגט ער אין איהר, נאַטירליך, בשעת ער פערפערטיגט זי, זיין גאַנצע חכמה אריין. אַלעס, אויף וועלכען ער איז פעהיג. דער כח הפועל פערקערפערט זיך אין נפעל. דורך דעם ווערט די כלי געמאַכט. נאָכדעם אָבער, וואָס זיין פעולה איז פער־ענדיגט געוואָרען. נאָכדעם אָבער, וואָס די כלי איז שוין פאָל־שטענדיג געמאַכט געוואָרען, האָט שוין דער מייסטער, וואָס האָט זי געשאַפען, קיין שום געדאַנק ניט איבער איהר. ער האָט שוין מיט איהר גאָר ניט וואָס צו טהון. די כלי געפינט זיך תמיד אויף איהר געוועהנליכען בעשטאַנד, אָהנע צו פיה־לען אויף זיך די השגחה פון מייסטער, אָהנע זי זאָל בעדאַר־פען שטענדיג די שמירה פון זיין וואַכענדען אויג האָבען.“

„דאָס אַלעס איז דערפאַר, וואָרום ער האָט געמאַכט די כלי אַ „יש מיש“: פון שטיקלעך זילבער האָט ער אַ שענע כלי געמאַכט. דעריבער בעדאַרף זי שוין ניט צום מייסטער אָנקומען נאָכדעם, וואָס זי איז פערענדיגט געוואָרען. וואָרום אין עיקר איהרען איז זי געווען אין עקזיסטענץ נאָך איידער

זי איז אין דער האנד פון מייסטער אריינגעפאלען. דער מייסטער האט נאר די פארם איהרע געשאפען, אבער ניט די מאטעריע איהרע."

„אנדערש איז דאס אבער בנוגע צו אלעם דעם, וואס גאט האט בעשאפען. ווארום ער האט בעשאפען די אלע וועלטען א יש מאין. פאר דער בריאה איז קיין שום נברא און קיין שום נמצא גאר אינגאנצען במציאות ניט געווען. דעריבער איז אויך נאך דעם, וואס די יצירה איז בעשאפען געווארען, וואלטען די עולמות געווארען דאס, וואס זיי זענען געווען איידער זיי זענען בעשאפען געווארען. זיי וואלטען אין תהו ובהו פערוואנדעלט געווארען, ווען דער בורא וואלט אויף איין רגע אפילו פון זיי זיין השגחה אוועקגענומען."

דאס אלעם לעהרענט אונז דער פאנטעאיזם פון בעל שם.

אנדערש איז דאס אבער לויט דעם פאנטעאיזם פון שפינאזא.

די שאפענדע טעטיגקייט פון דער געטהייט — לעהרענט אונז דער שפינאציזם — איז א מוז. א פאראויס בעשטימטע זאך. די געטהייט מוז שאפען. זי האט ניט קיין ווילען און איז אויך ניט פריי אין איהר לעבען. אלעס, וואס זי שאפט, איז כמעט לויט א פאראויס־בעשטימטען פלאן, וועלכער קען אפילו אויף דעם קלענסטען קוצי של יוד ניט געענדערט ווערען. אלעס, וואס ווערט געשאפען, אלעס, וואס עקזיסטירט און וועט אויך ביז צו דער טיעפער אונענדליכקייט עקזיסטירען, איז שוין אין דעם ערשטען מאמענט, ווען די אונענדליכקייט איז, בכיכול, געבוירען געווארען, אלס עמבריא געלעגען. אלעס איז שוין דאמאלס — ביז צו א געוויסען זינן — בעשאפען געווארען. אלעס לעבט און עקזיסטירט אין זכות און מיט דעם כח פון אט יענעם ערשטען מאמענט, ווען דער יוצר צוזאמען מיט דער יצירה זענען, כביכול, צו זיין התגלות